STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10447

UNTER DI SHTERN FUN NEGEV

B. Shlevin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. שלעווין / אונטער די שטערן פון נגב

CITE-IMPRESSION

ב. שלעווין

אונטער די שטערן פון נגב

און אַנדערע דערציילונגען

אַרויסגעגעבן פון מחבר

פאריז 1974

צייכענונג פון קינסטלער י. מאַרקיעל



דער לעצטער ייד...

(פון אַן אַלטער כראָניק)

דער לעצטער ייד אויף דער פּוילישער ערד האָט אין דעמער פון פאַר־נאַכט צום לעצטן מאָל געלאָזן הינטער זיך דעם געטאָ־דענקמאָל, פאַרוואַקסן אין גרינלעכן פּאַטין. ערגעץ הויך איבער אים האָבן קירכן־גלעקער אומהיימ־לעך, גערדיכט געבאַסעוועט, אַנגעפילט דעם חלל מיט אימה, געיאָמער און מיטן זיסלעכן, שטיקנדיקן ווייראיך. ער איז דאָ ערגעץ שטיינגעבליבן אויף אַ ראָג, צווישן צוויי צוריק־פאַרבויטע, ווילד־פרעמדע גאַסן און נישט געוווסט מער וווהין צו גיין. דער גרייז, דער בערדיקער ייד, אין פּאַסאַד פון געטאָ־דענקמאָל, געגאַסן אין אַלטן בראָנדז — האָט ער געפילט — קוקט אים נאָך פון דער נישע מיט אַ שטאַר, פאַרטרערט אויג; דער מוטיקער געטאָ־קעמפער מיט דער רויכערדיקער ביקס אין דער פעסטער דלאָניע, האָט זי נאָך שטיי־פער פאַרפרעסט צווישן זיינע פינגער; ביי דער מוטער מיטן עופהלע אין די אָרעמס — אַ גרויל־געשריי פאַרגליווערט אין אויפגעריסענעם מויל : אויף וועמען לאָזסטו אונז איבער ?...

ער איז אַוועק, דער לעצטער ייד אויף דער פּוילישער ערד, אַוועק אַ גע־הויקערטער, ס׳קעלנערל אויפגעשטעלט; געשאַרט זיך האַרט ביי די מויערן, אין דעמער־שיין פון פאַרנאַכט, וואָס פאַלט באַלד צו. ווי אַרום וואָלט נאָך אַלץ געהויערט די געטאָ־נאַכט; ווי פון געטאָ־נאַכט־קלוב „אַריזאָנאַ״ וואָלטן זיך נאָך אַלץ אַרויסגעריסן די פאַרשטיקטע, אומעטיקע פידל־ און קלאַרנעט־טענער — „בעלז, מיין שטעטעלע בעלז״... די גאַסן ביז אַראָפּ האָבן זיך שוין געטונקלט. זיי האָבן געפירט צום האַלב־דעמאָלירטן גענשער בית־עולם, דורכגעשניטן פון אַ רוישיקער פאַרקער־אַרטעריע. צום לעצטן מאָל איז ער אַוועק געזעגענען זיך, אויף תמיד, מיט זיינע לייבלעכע ברידער; זיי האָבן כאַטש געהאַט דאָס גליק — האָט ער זיך געזאָגט — נישט צו דערלעבן עס. פאַר די אויגן האָט אים נאָך געשווינדלט די שורה פאַרהאַקטע פענצטער פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד און אַ בלאַסע זון, וואָס שפּיגלט זיך אין די שטומע שויבן.

ווי אין זיין מוח וואָלט זיך אַ בלעטער־געטון אַן אַלט געשיכטע־ביכל : פה לא לין... פה לא לין... עד, צופיל אויף די אַקסלען פּנן אין דור ! פאַרפאַלן, רייס אַרויס פון דיין האַרץ, פון דיין געמיט די שיינע סלאַווישע טייכן, דעם שיינעם פרי־פרילינג, דעם שיינעם פרי־האַרבסט.

און צי האָט אַמאָל אין דער רגע נישט אויפגעטויכט אין זיין געדעכעניש, ווי אַ וויזיע — אַ פשוטער, חסידישער ייִד, מיט אַ צעפּאַטלטער באָרד, אין אַ צעאָדערטער קאַפּאָטע — דער נאַטירלעכער פלעק אויף דער פּוילי־שער לאַנדשאַפט — ווי ער טראָגט אין די אָרעמס, צוגעטוליעט, אַ פּיצל קינד, מיט צעשראָקענע, פאַרוווּנדערט־אויפגעריסענע אייגעלעך ? ער גייט, דער ייִד, איבער די שפּיציקע שטיינער פון גריבערדיקן פּוילישן שאָסיי, צווישן צוויי רייען טאָפּאָליעס. הינטער אים — די טעמפּע, לאַכנדיקע פּרצופים פון נאַצישע ברואים, אונטער שטאָלערנע קאַסקעס, מיט דער ביקס געצילט אין זיין רוקן. ס׳קינד טוליעט זיך דערשראָקן, קלאַמערט זיך צום פאָטער מיט די הענטעלעך. זיי גייען דעם לעצטן וועג, צום אומקום, צום אייביקן פאַר־שווינדן פון דער פּוילישער לאַנדשאַפט.

אַ דראַבניאַסטע פורמאַנקע פלעגט דאָ, געוויינלעך, וואַכעדיק קלאַפּן אי־בער די שטיינער פון גריבערדיקן פּוילישן שאָסיי, צוזאַמען מיט די טיפע בוידן פון יידישע באַלעגאָלעס, און אַ חסידישע עדה ייִדן, פול באַזעצט, בגילופנדיקע, צעזונגענע, זענען געפאָרן צום רבין אויף יום־טוב. ס׳האָבן זיך דאָ אין די פאַרטאָגן פאַרוואַקסענע ייִדן, אין שווערע יוכטענע שטיוול, מיט אַ שטרויעלע אין מויל, דעם דאַשיק פאַרדרייט, געטריישלט אין די פורלעך, צו פירן מסחר מיט די פּריצים פון קאַנט, געטרייסלט זיך מיטן ביסל סחורה, טאַנדעט, צעלניק, אויף די יאַרידן אין די אָרומיקע שטעטלעך. די זעלבע טיפע טאָפּאָלן, אָדער ווערבע־אַליי הינטערן שטעטל, ווו יידישע באַל־מעלאָכעס און נייטערקעס, ישיבה־בחורים און פרומע יידישע טעכטער, פלעגן אין די זומערדיקע שבת־פאַרנאַכטן שפּאַצירן, פוןביידע זייטן וועג, אַריבערגעשיקט זיך פאַרליבטע בליקן. פון די קליינע יידישע מיידלעך האָט אַרויסגעזונגען די בענקשאַפט פון דער פּוילישער לאַנדשאַפט, צעוואָרפן ביי די ווילדע ברעגן פון דער ווייסל; פאַרבענקטע יידישע לידער און לידער פון קאַמף וועגן באַפרייטן אַרבעט־מענטש. ביזן זון־זעצן־זיך, איידער מ׳האָט זיך אומגעקערט צו די ענגע וואַרשטאַטלעך, צו די ישיבה־בענק, די מיידלעך — צו דער זינגער־מאַשין. אין די נעכט הערט מען נישט מער פון הינטער לעדלעך דעם זיסן ניגון פון מתמיד איבער דער גמרא; די פאַרבענקטע לידער פון די מיידלעך, די נייטערקעס, אין לאָקאַל, אין פאַראיין, אין דער פּרץ־ביב־ליאָטעק. אַלע זענען זיי פאַרשוווּנדן, אויף שטענדיק.

ווי ס׳וואָלט זיך פאַרן לעצטן ייִד אויף דער פּוילישער ערד אויפגעוויקלט פאַרן פאַרנעפּלטן בליק זיינעם אַן אַלטע, פאַרבלוטיקטע יריעה, אַ נייע מגילה:

...און ס׳ווערט פאַרציילט: ווען אַלע יידישע קהילות זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן, די שארית־הפליטה — פאַרטריבן, איז די יידישע זון אונטערגעגאַנ־גען ביי די טייכן פון פּוילן. די גרויסע בהלה, די ליקווידאַציע פון רעשטל ייִדן, איז אויסגעבראָכן נאָך איידער דער פאַרהאַנג פון דער לעצטער פאַר־

שטעלונג אין יידישן טעאַטער א. ב. פון אסתר רחל קאַמינסקי, האָט זיך אַראָפּ־געלאָזן. אין פינצטערן טעאַטער־חלל האָט נאָך אַלץ געציטערט דער לעצטער, געדעמפּטער אַקאָרד פון די כלי־זמר־פידעלעך ביים „באַדעקנס״. ס׳פידעלע האָט געוויינט; דאָס יידישע פידעלע פון יידישן טעאַטער. אויף דער בינע איז פּלוצים געוועזן אַן אַנגעלויף. די יידן מיטן גרים פון די פאַרפאַפּטע בערד, די יידענעס מיט די טיף־אַנגערוקטע שייטלען, אין ברייטע קרינאָלי־נעס, דאָס צאַרטע יידישע כלה־מיידל אין ווייסן חופּה־קלייד — אַלע זענען זיי זיך אַנגעלאָפן הינטער די קוליסן. די שטרענגע טיר פון דער טעאַטער־דירעקטאָרין איז געשטאַנען ברייט אויפגעפּראַלט. פאַרוקט צווישן די פּאָר־האַנגען, אין ענגן, אַנגעוואָרפענעם גאַרדעראָבע־צימער, איז געשטאַנען דעמ־בעס, דער נישט־געקרוינטער ראש־הקהל: א נידעריקער שטערן, געדיכטע קרייזעלעך, דער בליק פון אַ וואָלף; אַן אויסגעדינטער קאַטאָרזשניק, אַ פּאַר־טיזאַן. ער איז אַמאָל געגאַנגען אין אַלע פייערן, אויף אַלע באַריקאַדן; האָט זיך לסוף, אַן אויסגעלאָשענער, אומגעקערט פון די לאַגערן, אין סיביר, אָבער דער אַלטער פלאַם האָט נאָך אַלץ געברענט אין זיינע געבלוטן. ער האָט דאָ אויפגעטויכט מיט דער פינצטערער בשורה. זיין שטים, אַ נישט־דאָאיקע, האָט געדונערט:

— כ׳האָב עס פאַרשטאַנען! זיי האָבן נאָר געשאַרט דאָס פייער מיט אונזערע הענט. כ׳וויל נישט מער! — האָט ער זיך אַ ריס געטון, ווי פון אַ קייט.

און אַלע האָבן זיי, אין דער פינצטערער שעה, געפילט, ווי צווישן זיי שוועבט דער גייסט פונם געטאָ־היסטאָריקער, וואָס רוט אין דער ליטעראַרי־שער אַלייע אויפן גענשער בית־עולם. ער איז דאָ ערשט פּאָר עטלעכע יאָרן שטיל אויסגעגאַנגען, פּונקט ווי זיין פּאַרגייער, עמנואל רינגעלבלום, איז גע־פירט געוואָרן צו דער שחיטה. זיי האָבן געפילט אויף זיך זיין שטומען, שאַרפן בליק, זיין אַנגעלאָדן שוויגן, און ווי זיין שטים וואָלט געקומען פון הינטער וועגט און פאַרהאַנגען: „מעק אויס... שטרייך אויס, וואָס מען באַפעלט דיר.... ברידער מיינע, דאָס נישט־געשטילטע געוויסן פייניקט, מאָנט״...

און דער פּאַרטיזאַן, דער פאַרביסענער:

— ער איז גערעכט געווען. כ׳בעט ביי אים מחילה. אויב דאָס נייע זידל־וואָרט, אַנשטאָט „זשיד״, איז — „ציוניסט״, דאַרפן מיר עס אַלע שטאָלץ טראָגן... ווי פּאָר וועמען, נאָר פּאָר מיר איז אַלעמאָל קלאָר געווען — מיר קעמפן ווי יידישע אַרבעטס־מענטשן...

און פון הינטער טויבע ווענט האָט אַלץ געהילכט, זענען געגאַנגען האַר־טע, שטיוולדיקע, באַטשוועקעטע טריט, איבער די נאַקטיקע טראָטואַרן; און זיי האָבן זיך דאָ אַלע מיטאַמאָל דערפילט, ווי אין אַן אונטערערדישן בונקער, אונטער די וואַרשעווער חורבות; ווי די נאַצישע חיה־רעה וואָלט נאָך אַלץ געהויערט אויבן, אויף גאַטס ליכטיקער וועלט.

— ווי לאַנג נאָך, גאָטעניו ?!... — האָט די געעלטערטע אַקטריסע זיך געריסן די האָר, פאַרבראָכן די בלייכע הענט.

און דער פאַרטיזאַן, דער פאַרביסענער :

— נישט קלאָגן, נאָר פאַרשטיין ! ס'איז אַ בראָך צו אונזערע יאָרן. צי גיבן מיר זיך דען אָפּ אַ חשבון, וויפל שיטות, טעזן, טעאָרעטישע איבערגע־ביידעס, אַרגומענטן, צעפאַלן זיך ווי אין שטויב... ווערן צעטרעטן פון די כאַמסקע שטיוול... מיר זענען אפשר די לעצטע העלדן פון אַ גרויסער פאָלקס־מיסטעריע. פּה לין... אָבער ביי די טייכן פון פּוילן וועלן מיר מער נישט נעכ־טיקן. נישטאָ ווער ס'זאָל לאַכן — ציוניסטן !... מיר, וואָס האָבן מיט די איי־גענע הענט געגעבן מיט אַ מעסער אין רוקן אונזערע ברידער. מיר האָבן זיך געצאַפּלט ווי פליגן אין שפּינגעוועב, אויסגעקליגלט, אויסגעמוחט טעאָריעס. אַלע ווערטן דאַרפן רעווידירט און איבערגעשאַצט ווערן ! אונזער גאַנצע גע־שיכטע, די העראָאישע געשיכטע פון דער יידישער ארבעטער־באַוועגונג. אפילו די טרויעריקע לעקציע פון פּאָגראָמען, געטאָס און לאַגערן האָבן מיר נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען אין תוך אַריין.

און ס'האָט זיך נאָך געפונען עמיצער צווישן זיי, וואָס האָט נישט גע־וואָלט דערלאָזן דעם געדאַנק :

— פון וועמען נעמט איר זיך איבער ? די סאָציאַליסטישע גערעכטי־קייט וועגן זיגן... איך פּראָטעסטיר, כ'האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין שום שייכות מיטן ציוניזם, מיט אַלע אייערע יידישע קאָפּ־פאַרדרייענישן... כ'וועל לויפן אין צענטראַל־קאָמיטעט. מיט וואָס פאַרא רעכט ?...

די געעלטערטע אַקטריסע איז שיעור נישט אַרויפגעפאַלן אויף איר. ס'פּנים ביי איר, נאָך אין גרים, איז געווען בלייך — מירעלע אפרת, די מיוחסדיקע מירעלע, וואָס גייט אַזוי זיכער אויף איר אייגענער יידישער ערד, האָט דאָ נישט געשפּילט אויף דער בינע. זי האָט געקלאַפּט מיטן בלייכן, מאָגערן פויסטל אין די דעקאָראַציע־ברעטער, געזידלט זיך. דאָס ליכט אין ענגן גאַרדעראָבע־צימער איז געפאַלן פאַרהוילן, פון אונטער שירעמס, פון הינטער שפּאַנישע ווענטלעך. אַ שאַרף בינע־ליכט איז אָבער געווען אויפן פּנים פון פאַרביסענעם פאַרטיזאַן :

— מיר זענען געווען נאַיוו און... בלינד. ס'איז אין זייער טריפהנע מויל נישט מער ווי אַ קוים־באַהאַלטענער... „זשיד"... דער אַלטער, גיפטיקער האַס פון „שמאַלצאָווניק", דעם שאַנטאַזשיסט, וואָס האָט פאַרקויפט א ייד פאַר אַ קילאָ צוקער... ניין, ס'איז נישט צו אַנטלויפן !

און דער איידעלער פּאָעט, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג געדיכטעט :

ווער וועט היטן אונזערע היסטאָרישע טריט
אויף דער פּוילישער ערד ?...

האָט זיך געכאַפּט:

— ווײַ געשריגן... ווען מ׳זאָל כאָטש קענען מיטנעמען אונטערן אָרעם דעם געטאָ־דענקמאָל... דעם פּרץ־אוהל... אײנזאַם וועלן זײ שטײנבלײבן, פאַר־לאָזן, צווישן אַ סטאַיע וועלף...

— אויב זײ וועלן שטײנבלײבן... **— האָט דער פאַרביסענער פּאַרטיזאַן געלאַכט אַן אומהײמלעך געלעכטער, מיט אַן אויפגעריסן מויל, ווי אַ חורבה.**

●

ער גײט, ער שלײכט זיך, דער לעצטער ייד, ווי דורך אַ דזשונגל. אַזוי מסתמא האָבן זיך געשלײכט דורך די דזשונגלען די לעצטע פון די אויסגע־קױלעטע אינדיאַנער־שבטים אין די ווײַטע אַמעריקעס. ייִנגלווײַז האָט ער זיך אָנגעלײענט און אָנגעהערט וועגן יידן, מאַראַנען, אין די סדר־נעכט, אין שפּאַניע, טיף אונטער דער ערד, באַהאַלטן אין קעלערן... מיטלאַלטער... שײטער־הויפנס און — יידישער חרם. גאָט מײַנער, זענען מיר שוין צוריק דערגאַנגען צום זעלבן... טיפן מיטלאַלטער?

ווי אין אויסגעלאָשענעם טעאַטער־זאַל, זענען זײ אַלע פאַרשוואונדן, ווי אַ אַ וויזיע, ווי אַ מיסטעריע; און דער לעצטער ייד אויף דער פּוילישער ערד איז אַוועק נאָך זײ, מיט שטילע, אומעטיקע, אײנזאַמע טריט אין דער לאַנגער, טיפער נאַכט אַרײַן.

1968

אַבראַשקע

אין אַ פרעסטלדיקער לבנה־נאַכט האָט אַבראַשקע, דאָס ייִנגל פון די פּאַרטיזאַנער, אַרויסגעפירט דעם קאָמאַנדיר יעגאָרקינס דין־פּיסיק רייט־פערד, מיט די אָנגעשפּיצטע אויערן, דעם שימל מיטן שוואַרצן לאַטקעלע צווישן די אויגן, פון די אָפענע שטעלער הינטערן הויז; אין דער צייט, ווען דער קאָמאַנדיר אַליין איז זיך, אַ צעשפּיליעטער, געזעסן אין דער ליכטיקער, אָנגעהייצטער כאַטע, צווישן לאַכנדיקע באַבעס, ביי אַ טיש, פול אָנגעשטעלט מיט פאַרעדיקע בלינעס, קאַרטאָפל „אין די מונדירן", ביי אַן אויפגעקאָרקעוועט פלעשל סאַמאָגאָן. אַרויפגעכאַפּט זיך אויפן רייטפערד מיטן איין פלינקן שפרונג, געטראָטלט איבערן לאַנגן הויף, האָט אַבראַשקע אומגעריכט אַריבערגעיאָגט די וואַך ביים טויערל און אַוועקגעגאַלאָפּירט איבערן שאָסיי, אַזש ביז — לובלין. ער האָט זיי שוין דאָ אַלע גענוג געהאַט, מיט זייערע „פּאַיאָקן", מיט די באַבעס אין די הויזן, מיט זייערע צוגעטיילטע מעדאַלן „פאַר העלדישקייט און דינסט דעם פאָטערלאַנד".

לובלין איז נאָר וואָס געהאַט באַפרייט געוואָרן דורך די טיילן פון דער פוילישער אַרמיי; מ'האָט געהערט, אַז דאָרט זאַמלען זיך שוין אַ ביסל לעבן־געבליבענע ייִדן. דאָס דינע אייז פון די צוגעטרוקנטע בלאָטקעס האָט זיך געבראָכן אונטער די פערדישע קאָפּיטעס, ווי גלאָז. מ'האָט אים אויך נאָכגעשאָסן פון די פינצטערע, אונטערגעשווענקטע אָליעכע־ווּעלדלעך, אָבער די קוילן האָבן אים גליקלעך אויסגעמיטן, צופאַלנדיק צו דער פייכטער פערדישער גריווע.

דעם שימל האָט אַבראַשקע באַלד צומאָרגנס, פאַרשטייט, זיך, פאַרהאַנדלט אויפן מאַרק אין לובלין, אויסגעטוישט עס אויף סאַמאָגאָן, מאַכאָרקע און צוויי לאַבנס ראַזאָווע ברויט. עטלעכע טעג האָט ער זיך נאָך אַרומגעוואַלגערט צווישן די סאָלדאַטן אין אָנגערויכערטן שטאַב, אין די קאַנטינעס און צווישן די באַפרייטע, צעטומלטע ייִדן אין הפקרן פּרץ־הויז. אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער פּלאַטפאָרמע פון אַן אָפּגעדעקטער לאַסט־מאַשין, דורכגעריסן זיך די ווינטיקע שאָסייען, ביז צו דער פּאַרשטאָט פּראַגע, וואָס ביי דער פאַרפרוירענער ווייסל. ס'איז געווען סוף מערץ, און וואַרשע איז ערשט אין קאַלטן יאַנואַר געשטורעמט געוואָרן. אויף דער טאַרגאָווע, אין הויז פון ייִדישן קאָמיטעט, האָט מען די לעבן־געבליבענע צו־

געטיילט אַ „פאַיאָק״, אָפּגענוצטע מלבושים, אַ נאַכט־לעגער; און ער איז נאָך
אַלץ געווען אין דער רוסישער פופייקע, אין באַראַשקענעם היטל. מיט שטייפע,
פאַרהילצערטע פינגער האָט ער געוויקלט א מאַכאָרקע־טרייבל אין צייטונג־
פאַפיר, געבלאָזן דעם רויך פאַר־זיך, דורך די נאָזלעכער. דער ייִנגלשער פוך
האָט ערשט קוים געשפּראָצט אויף זיינע באַקן.

איבערגענעכטיקט אין דער צוזאַמענווינונג פון קאָמיטעט, האָט ער זיך
באַלד אין דער פרי אָפּגעטראָגן. אין לינדן טאָג האָט ער זיך אַרומגעשלעג־
דערט איבער דער פאָרשטאָט, געקוקט זייטיק מענטשן אין די אויגן, ווי
ער וואָלט עמיצן געזוכט, אויסגעמישט זיך מיט די המונים אויף די פּלע־
צער און מערק. דער יונגער פּוילישער פריילינג האָט אָפּגעדעקט די אַלטע
יידישע פאָרשטאָט, אַוועקגעלייגט אַ מאַטן זילבער, אין דער לוילעכער זון,
אויף די אָפּגעקרישלטע, גאַנץ־געבליבענע מויערן, צעקאַרבט פון קוילן־סער־
יעס. די שאָסייען האָבן געהילכט פון אַ נאָכאַנאַנדיקער פאָרעריי. איבער די
פּאָנטאָן־בריקן זענען נאָך אַלץ געגאַנגען צום מערב־פראָנט האַרמאַטן, טאַנקן,
צוגעדעקטע לאַסט־מאַשינעס. די בענזין־ריחות האָבן פאַרעיפּושט די לופט.
אויף אַלע ראָגן האָבן די מעגאַפאָנען פונאַנדערגעטראָגן פריילכע רוסישע
און פּוילישע מאַרש־לידער. אויף די מערק האָט זיך געראָיעט, מערסטנס
סאָלדאַטן. די ציווילע — אין מאַטשעיוווקעס, אין פעלצלעך, אין געפּאַסטע
שטיוועלעך, מיט אַ מעסער־גלאַנץ אין די העלע, וואַסערדיקע אויגן. מ׳האָט
דאָרט פאַרהאַנדלט אַמעריקאַנער פּאַפּיראָסן, ראַזיר־מעסערלעך, קאָנסערוון.
די אָנגעפּעלצטע פּוילישע ווייבער, אין שטיוול, האָבן געראָפן קונים, צוגע־
קלאַפּט אין די ברייטע האַנט־פלאַכן. די אַמאָליקע אויפגעשלאָגענע יידישע
האַליע־בוידן, די „סטראַגאַנעס״, אין באַזאַר אויף דער זאַמבקאָווסקי, האָבן
זיך געבראָכן, זענען פול באַלייגט געווען מיט אַלערליי שטוב־כלים, מלבושים,
יידישע קאַפּאָטעס, קרינאָלינעס, אפילו טליתים, ספר־תורה־מענטעלעך, שבת־
לייכטער... און דאָס ייִנגל האָט אויף דעם אלעם געקוקט זייטיק, מיט חשד.
מיטאַמאָל איז אים גאָר איינגעפאַלן אָנצוכאַפּן זיך אין אַ לאַסט־מאַשין, ביים
פאַרדריי, ראָג זאָמבקאָווסקי און טאַרגאָווע. מ׳איז געהאָנגען קאָפּ־אויף־קאָפּ,
אויף די רעדער, אויף די שטאַנגען. לינקס, אין דער נידער, איז פון די אַלייען
פון טיפן סקאַרישעווסקי־פּאַרק אויפגעגאַנגען אַ בלוילעכער נעפּל צווישן די
נאַקעטע, ריזיק־הויכע ביימער. די ברעגן ווייסל זענען נאָך געווען פול אָנגע־
וואַלגערט מיט באַריקאַדן, שטעכל־דראָט. ביי דער פּאָנטאָן־בריק איז ער צור־
ריק אַראָפּגעשפּרונגען. ער האָט זיך נאָך עפּעס אַלץ געפּאָרכטן פאַר דער
אויסגעקוילעטער שטאָט, אויסגעגלייכט מיט דער ערד. ער האָט לאַנג אַרי־
בערגעקוקט אין גרויען פריילינג־נעפּל. ס׳איז כמעט גאָרנישט געווען צו דער־
כאַפּן מיט הוילן אויג, אַ חוץ עטלעכע קלויסטער־שפּיצן, פאַרשטאָכן אין
ליידיקן הימל אַריין.

מיטן צופאַלן פון אָוונט, האָבן זיך אָנגעצונדן די בלענדיקע לעמפּ איבער
די מיליטערישע קאַנטינעס, קאַוויאַרניעס, קינאָ׳ס. צווישן געגיי אויפן טראָ־

טואַר, האָבן זיך געדרייט די בלאָנדע פּוילישע מיידלעך, שרייאיק־צוגע־פאַרבטע, אויסגעסטראַיעט אין פוטערס, דאָס שיינע פּיסל אָנגעצויגן אין זייערע זאָקן, אויף הויכע אָבצאַסן, מיטן פּאַפּיראָסל אין מויל.

אין ראַיענדיקן הויז פון יידישן קאָמיטעט, אויף דער טאַרגאָווע, זענען אַלע קאָרידאָרן און צימערן פול פּאַרפּאַקט געווען מיט אָפּגעראַטעוועטע יידן, אַרויסגעקומען פון בונקערס, פון לעכער. דאָרט האָט זיך אַבראַשקע לסוף דערפרעגט צום חבר הירש. ער האָט ערגעץ אויפגעכאַפּט, אַז חבר הירש איז נאָר־וואָס אונטערגעקומען מיט די פּוילישע אַרמיי־טיילן, פון הינטער לענינאָ.

ער האָט זיך שוין גאָרנישט געריכט; מיט חידוש און שמייכל, האָט ער אַ באַקוק געטון ס׳יינגל; ווייל נאָכן אָפּקראַצן דעם ברוד פון פּנים, פון האָלדז, פון די הענט, האָט זיך דווקא באַקומען — אַ שיין, שטאַלטנע יינגל, אין צאַרטן עלטער, ווען ס׳לייגט זיך אַ דינער שאָטן פון אַ וואָנסעלע אויף דער אויבערשטער ליפּ; ס׳גליט אַן אומבאַקאַנט פייערל אין די גרינע אויגן; ס׳ליגן נאָך די צוגעפוילטע קרישקעס אין ווינקל פון שייך־געצייכנטן מויל. ער האָט אָנגעקוקט דאָס ווילדלעכע יינגל, זיך דערמאָנט אין פאָטער זיינעם, וואָס מ׳האָט אים אין יענער פינצטערער נאַכט, אין דער גרענעץ־שטאָט אויפן בוג, אַוועקגעפירט מיטן עשאַלאָן פאַרדעכטיקע, קיין סיביר; דעם רעגנדיקן פאַרנאַכט, ווען ער האָט דאָס יינגל געשיקט צו די פּאַרטיזאַנער, איידער ער אַליין האָט זיך דאָס לעצטע מאָל אָפּגעטראָגן פון געטאָ.

— קום, אַבראַשקע... — האָט ער אים מיטגערופן — מירן זען וואָס וואָס מ׳קען טון...

ווי ער וואָלט זיך געפילט פאַרשולדיקט קעגן יינגל. ער אַליין איז נאָך געווען אין שינעל, האַלב־מיליטעריש. ער האָט שוין געהאַט באַקומען צוגע־טיילט אַ קוואַרטיר אין פּאַרטיי־הויז — אַ פאַרמאַכטער הויף־קאַסטן אין די יערוזאַלימער אַלייען. דער אויטאָ האָט זיי דורך דער אויסגעלאָשענער שטאָט געבערענגט צום שטרענג־באַוואַכטן הויז. אַ צעטראָגענע בחורישע באַלעבאַ־טישקייט; איז אַוועק באַלד באַגינען און אַריינגעפאַלן שפּעט אין אָוונט. זיי זענען לאַנג זיצן געבליבן אין נאַקעטן, אויסגעווייסטן צימער. הירש האָט פאַרצויגן אַ רוסישן „בעלאָמאָר״, געכאַפּט זיך, אויסגעשטרעקט דאָס אָפענע שאַכטל פּאַפּיראָסן אַבראַשקען. דאָס צימער איז פול געוואָרן מיט אַ שטאַרקן, אַראָמאַטישן רויך. זיי האָבן שוויגנדיק געטרונקען טיי, צוגעביסן מיט ברויט און וווּרשט. דעם לערער הירש׳ס שטימע איז געווען אַ פאָטערלעכע:

— קודם, אַוורעמעלע, טו זיך אָן ווי אַ מענטש... זע, ווי אַלע ווילן אַלץ פאַרגעסן. מ׳גייט שוין אַפילו טאַנצן, נאָר דו... זעץ זיך אַוועק, לערן, דערכאַפּ דאָס, וואָס האָסט נישט באַוויזן. אונזער סאָציאַליסטיש היימלאַנד וועט שוין זאָרגן פאַר דיר... ביסט אַ העלד !...

— עט, אַ העלד... — האָט דאָס ייִנגל אַוועקגעמאַכט מיט אַ לאַכעלע.

באַגינען האָט ער איבערגעלאָזן אַבראַשקען אין הויז, געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער. ס'איז אים אַ שאָד געווען איבערצוּוועקן אים פון געשמאַקן, פאַרטראַגענעם ייִנגלשן שלאָף. אַ שויבערדיקער, האָט זיך דערנאָך אַבראַשקע אויפגעכאַפּט, אַראָפּ נישטערן אין אַלע שאַפקעס, פאַרצערט מיט שאַרפע, הונגעריקע, וועלפישע ציינער אַלץ, וואָס איז אים געקומען אונטער דער האַנט. ער האָט זיך צוריק אויסגעצויגן אויפן נידעריקן דיוואַן, געבלעטערט די שטויסן אָנגעוואָרפענע צייטונגען, די ביכער, די אילוסטרירטע זשורנאַלן, שווערלעך איבערגעלייענט די פוילישע און רוסישע אויפשריפטן אויף די „געזאַמלטע ווערק" פון לענין, פון סטאַלין, וואָס זענען מיט זייערע פעסטע רוקנס אין לעדער־איינבאַנד, געשטאַנען אין אַ שטרענגער ריי אויף דער פּאַ־ליצע. אַ רוק געטון דעם שופלאָד פון שרייב־טיש, צו זוכן דאָרט הירש'ס „בעלאָמאָר"־פּאַפּיראָסן, האָט אים אַ בלענד געטון דער געשליפענער שטאָל פון אַ נאַגאַן. ער האָט אים אַ רגע גענומען אין דער האַנט, געוויגן אויף דער דלאָניע, צוריקגעלייגט, לאַנגזאַם פאַררוקט דעם שופלאָד; אויסגעצויגן זיך, געבלעטערט די אילוסטרירטע זשורנאַלן, אָבער מיט איין אויג כסדר געבליקט אַהין. אַזאַ נאַגאַן האָט ער איינמאָל געהאַלטן אין האַנט. מיט אַ פּערלמוטערן הענטל. אַ „קאָלט". ס'איז געווען נאָך אַן אַקציע. ער אַליין האָט אים אָפּגע־נומען ביים צעטומלטן דייטשן אָפיציר. ער האָט דערבליקט דעם נאַקעטן, אַסקעטישן קאָפּ הירש'ס אונטערן גלאָז פון דער פאָטאָגראַפיע אויפן טיש — ווי ער וואָלט אים נאָכגעפאָרשט זיין יעדן ריר; האָט זיך פלוצים אַ הייב געטון און אַרונטער אַרומשלענדערן זיך איבער די פלעצער און מערק.

אין גיכן האָט אים הירש אַוועקגעפירט אין אַ פּאַך־שול פאַר מעטאַל־טאָקעריי, אויף מאַקאַטאַוו. אָבער אויך דאָרט האָט זיך אַבראַשקע לאַנג נישט דערהאַלטן. באַלד אויפן אַנדערן טאָג האָט ער זיך צעשלאָגן מיט אַ פּויליש ייִנגל, איינער אַ סטאַשעק, ווייל יענער האָט גיך איינגעפונען, אַז ער, אַבראַש־קע, איז טייוולש־ענלעך צו אַ „זשיד". אַבראַשקע האָט אים אויפן אָרט דער־לאַנגט מיט דער פויסט אין די ציין און אָפּגעטראָגן זיך איבערן פלויט. עטלע־כע טעג האָט ער זיך מער נישט געוויזן, נישט אין קאָמיטעט, נישט צו הירשן. אין אַ פאַרנאַכט האָט ער זיך דורכגעגליטשט די וואַך, אַרויף, אַ קלונג געטון אין טיר, כאָטש ער האָט געוווסט, אַז קיינער וועט נישט קומען אים אויפ־מאַכן. אַ בליק געטון דורכן הויז־פענצטער און דערכאַפּט, ווי די טיר פון באַלקאָן איז האַלב־אָפן; האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אין דער פורטקע, פאַרזיכ־טיק אַראָפּגעשטעלט אַ פוס אויפן ציגל. ס'איז געווען אינגאַנצן אַ מעטער־דריי ביזן באַלקאָן. ווי אַ קאַץ, האָט ער געשטעלט ווייכע, פאַרזיכטיקע טריט אין דער קרום. ס'האָט געשווינדלט פאַרן בליק די געוואַלדיקע הויך; ביז ער האָט מיט ציטעריקע הענט דערכאַפּט דעם אָנלען פון באַלקאָן. די טיר האָט לייכט נאָכגעגעבן. אויפגעדרייט דאָס ליכט, אַוועקגעוואָרפן זיך אויפן נידע־ריקן דיוואַן, און אומגעריכט האָט פאַר זיין אויג ווידער אַ בלאַנדזשע געגעבן — דער שופלאָד, וווּ ס'איז געלעגן דער נאַגאַן.

ווען הירש האָט זיך שפּעטלעך אַריינגעשטעלט, האָט ער ס׳יינגל געפונען פאַרקנוילט אויפן דיוואַן. די זאַפּטיקע ליפּן — האַלב־אָפן, ס׳פּויסטל — פאַר־זיך. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי קומט ער אַהער. ער האָט שוין געוואָלט אויף די שפּיץ פינגער אָפּדרייען זיך, נאָר הינטער זיין רוקן האָבן די שמאָלע אויגן־שפּעלטלעך ביי אַבראַשקען געלאַכט.

— דיאַדיאַ הירש... כ׳האָב דיר איבערגעשראָקן ?...

— ווי אַזוי דערנעמסטו זיך ?... טייוול איינער...

ס׳איז געווען אויפן פינפטן טאָג, ווי ער האָט זיך אַריינגעשטעלט, קורץ אויסדערציילט אַלץ, און די קינדערישע גריבעלעך אין די באַקן לאַכן צו־להכעיס׳דיק.

— אַבראַשקע, געדענק... זאָלסט מיר נישט אָפּטון קיין שטיקלעך...

— און אונז — האָט ער געשטשירעט די שאַרפע, וועלפישע, יינגלשע ציינער — האָט מען ווייניק אָפּגעטון ?...

ס׳איז אים אַ שאָד געווען דאָס יינגל. אָבער וואָס פאַר אַ תכלית וועט זיין פון אים ? ס׳איז געווען אַרויסצופילן, אַז ס׳יינגל געטרויט אים נישט מער, לאַכט פון אַלע זיינע הויכע פראַזן, איז אים חושד, אַז ער באַהאַלט עפּעס אויס; האָט געזען ווי הירש איז פאַרטון אין ביכער, אין פּאַפּירלעך, האָט אַב־ראַשקע פּלוצים אַ פרעג געטון :

— וואָס פאַרעסטו זיך דאָרט אַזויפיל ?

— כ׳שרייב... זעסטאָך...

— וואָס שרייבסטו דאָרט ?

— פאַרשטייסט — האָט הירש האַלב־פאַרשעמט אויפגעהויבן דעם ארומ־געגאָלטן קאָפּ — כ׳פאַרנעם זיך מיט דער געשיכטע פון דער ק. פּ. פּ. (קאָמ.־פאַרטיי פון פאַר־מלחהדיקן פּוילן).

— און וואָס באַקומט זיך, לויט דיר ? ווי אַזוי זענען מיר דערצו דערגאַנ־גען ? אַלע קערן זיך אום צו זייערע היימען. ווו איז אונזער היים ? אַלע האָבן געבלוטיקט, אָבער די ערד אונטער זייערע פיס איז נישט פאַרברענט...

אויף אַזעלכע רייד האָט ער זיך נישט געריכט. גאָרנישט נאַריש אַ פרעג געטון. אָבער — צי טאָר מען דען אַזוי פרעגן ? און ווי קומט עס צום ווילד־לעכן יינגל פון וואַלד ?

— די געשיכטע פון דער ק. פּ. פּ. — האָט דער לערער הירש נאָך עפּעס געשטאַמלט — שטעלסט זיך פאָר וואָס פאַר אַן אויפגאַבע די פאַרטיי לייגט אַרויף אויף אונז ?

— אָבער ווו איז זי, די געשיכטע, אונזערע ?... — האָט דאָס יינגל שטרענג געוואָלט וויסן.

— כ׳וועל דיר זאָגן... ס׳וועגדט זיך ווי מען פאַסט עס אויף... — האָט הירש עפּעס אָנגעהויבן און נישט פאַרענדיקט.

אַ געניטער פּעדאַגאָג, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ס׳איז אפשר נישט אַזוי פּשוט מיטן יינגל. ס׳איז צו פאַרשטיין. אָט דערציילן זיי, אַז אין אָטוואָצקער קינדער־הויז אין פאַראַן אַ קליין יינגל, וואָס די מאַמע האָט אים אַרויסגע־וואָרפן, אויפן וועג קיין טרעבלינקע, אין אַ וואַליזע, דורכן פאַרקראַטעוועטן וואַגאָן־פענצטערל. דאָרט איז פאַראַן אַ שוואַרץ מיידעלע, זאָשאַ, זי טראָגט אַ צלמל אויפן האַלדז, האַלט זיך אין אַ זייט פון אַלע קינדער; האָט געשריבן אַ בריוו צו די „עלטערן״ אין דאָרף, אַז דאָ זענען בלויז „זשידעס״, זי וויל דאָ נישט בלייבן, מ׳זאָל איר צוריקפירן צו אירע „עלטערן״, אין דאָרף זאַ־גוזשע, צו די ציגן און שעפּסן, וואָס זי האָט דאָרט געפּאַשעט...

— ווייסטו וואָס, אַבראַשקע — האָט הירש לאַנג נאָכגעטראַכט — וועסט אפשר דערוויל אונטערזיין איבערן זומער אין קינדער־הויז, אין אָטוואָצק, דערנאָך וועלן מיר זען...

— איך גאַראַנטיר נישט, חבר הירש...

פונדעסטוועגן איז ער מיטגעגאַנגען. דאָס קינדער־הויז אין אָטוואָצק איז געווען שטרענג־אָפּגעשלאָסן, באַוואַכט. אָבער בייטאָג, אין זוניקן בלענד, צווישן פרילינגדיקע סאָסנעס, האָט דער גרויסער הויף געליאַרעמט פון קינ־דערישע שטימעלעך. דער חבר הירש האָט דאָרט עפּעס שטילערהייט אַ רעד געטון מיט דער הויכער, שטרענגער, דיקלעכער פאַרוואַלטערין, חברטע פאָלע, שטייענדיק אויף דער וועראַנדע. ער האָט דערנאָך אַ רוף געטון צו זיך אַבראַשקען:

— איך געטרוי דיך אָן דער פאַרוואַלטערין, חברטע פאָלע... זאָלסט מיך נישט פאַרשעמען, דו הערסט, אַבראַשקע ?...

און האָט באַלד, שטאַרק פאַרטון, צוריקגעאײַלט צום טויערל. דער וואָגן האָט געוואַרט. אַבראַשקע, ס׳צעקנייטשטע היטל אין דער האַנט, האָט אים לאַנג נאָכגעקוקט, ווי ער איז צעשטרייט, געגאַנגען, הירש — איין אַקסל אַ ביסל העכער פון אַנדערן, אין לאַנגן, האַלב־מיליטערישן מאַנטל, כמעט ביז די טריט. ער האָט עפּעס דערמאָנט אין אַ גלח; אַ גלח פון אַ נייער, שטרענ־גער קירכע. אַפילו די גוטע רייד זייערע — שרעקן. אָבער כ׳ווייס אַליין — האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך — וואָס איך האָב צו טון...

די יינגלעך אין זיין עלטער זענען געשלאָפן אין צווייטן פליגל, אויפן גאָרן, מיט די ברייטע, ליכטיקע פענצטער צום וואַלד. דער פאַראַנטוואָרטלע־כער, אַ פלינקער יאַט, האָט מיט אַן אָונט פריער דערקלערט אַ קאָנקורס, ווער ס׳וועט פון זיי שענער פאַרבעטן דאָס בעטל. אַבראַשקע האָט זיך אויסגע־לאַכט, אַ וואָרף געטון אין דער פרי דאָס קישעלע, די קאָלדרע, און האָט זיך

באַלד אָפּגעטראָגן. אויפן סטאַדיאָן איז פּאַר מיטאָג געווען אַ פוסבאָל־מאַטש. די מיידעלעך האָבן איבערגעלאָזן די הוידלקעס, די ביכלעך, און זענען געקומען באַנדעסוויז אַרומשטעלן זיך; די יינגלעך האָבן געקוויטשעט, געפּאַטשט מיט די הענט, ווען דער ערשטער גאָל איז אַריינגעשאָסן געוואָרן. דאָס האָט אַבראַשקע, מיט איין פלינקן מאַנעוור, אונטערשטעלנדיק אַ פיסל, אַרויסגעדרייט דעם באַלעם, אונטערגעלאָפן עטלעכע שריט, מיט איין זעץ אַריינגעשאָסן דעם גאָל. דערנאָך איז ער רואיק און זיכער אַוועק פאַרנעמען זיין אָרט אין דער פאַרטיידיקונג, האָט זיך אויף קיינעם מער נישט אומגעקוקט, אַפילו נישט אויפן מיידעלע עסטושיאַ. איר בלאָנד, קורץ־געשוירן קעפּל איז געווען פאַרקעמט ווי ביי אַ יינגל. זי האָט מיט די לאַנגע פינגער פלינק געשטריקט, ציענדיק אַ פאָדעם וואָל פון קעשענע פון איר פאַרטעכל מיט די שפּיצעלעך אַרום האַלדז. זי איז פאַרטראַכט צוריקגעגאַנגען צו דער טעראַסע, צוגעזעצט זיך אויף אַ טרעפּל. מ'האָט דערציילט, אַז איר טאַטע איז העלדיש געפאַלן אין וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

צוריק פון סטאַדיאָן, איז אַבראַשקע מיט אַ זייטיקער סטעזשקע אַוועק צום הויז, פאַרהאַלטן זיך אומגעריכט ביי די טרעפּלעך און אַראָפּגעלאָזן זיך לעבן עסטושיאַן.

— שטריק מיר אויך אויס אַ שאַל... — האָט ער קאַלט געבליצט מיט די גרינע אויגאַנעס.

זי האָט זיך אָפּגערוקט, ערשט דערנאָך אויפגעהויבן דעם בליק פון דער שטריקעריי.

— ביסט שוין אַ גרויסער... דאָס מאַך פאַרן קליינוואַרג...

— קום, לאָמיר אַנטלויפן פון דאַנען, עסטושיאַ... ווילסט ?...

ס'מיידעלע איז עפּעס גאָרנישט איבעראַשט געווען פון זיין זאָג.

— ס'איז נישטאָ ווו צו לויפן, אַבראַשקע... מ'הרגעט נאָך אַלץ יידן אויף די וועגן... מיינסט, ס'איז שוין געענדיקט ?...

— כ'האָב פאַר זיי קיינס קיין מורא נישט... כ'בין אַ פּאַרטיזאַן... כ'האָב אַ רעוואָלווער אויך...

דאָס אויג פונם מיידעלע האָט קיין פינטל נישט געטון; נישט קיין שעמעוודיקייט, נישט קיין יונג־מיידלשער פלאַטער; ווי זיי וואָלטן שוין געהאַט אַ לאַנגע, שטורמישע פאַרגאַנגענהייט הינטער זיך. ס'גלעקל האָט געקלונגען צום מיטאָג, און ער איז איר נאָכגעגאַנגען, האָט זייטיק, פלינק, מביניש, באַטראַכט אירע שמאָלינקע אַקסלען, געהילט אין דורכזיכטיקן שאַלעכל, אָבער פאַרכאַפּט זיין הייסן בליק האָט דער ווייכער טראָט פון מיידעלע, ווען זי האָט אַ גיי געטון אויפן טרעפּל.

זי איז דערנאָך אומגעריכט געקומען, אַרויפגעוואָרפן אים אויפן האַלדז אַ געשטריקטן שאַל. ס׳איז מיטאַמאָל געווען אַ טויאיקע וואַרעמקייט אין אירע ברוינע אויגן, ווען זי האָט אַוועקגעמאַכט דעם קורצן לאָק.

— אַזוי... ס׳וועט דיר קלייטן, אַבראַשקע... פאַרוואַרף אים איבערן אַקסל...

זיי האָבן זיך אומבאַמערקט אַרויסגעגליטשט דורכן טירל, כאָטש עס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. זיי זענען געגאַנגען איבער דער אַלייע, צו די זאַמדן. הויך איבער די סאָסנעס, וואָס האָבן קוים געוויגט זייערע קרוינען, איז געווען אַ לויטערער הימל. אין טיפן גראָז האָבן געטשוויטשערט גרילן.

— זיי זאָגן אונז, מיינסטו, אַלץ אויס ? — האָבן זיינע גרינע אויגאַנעס און די חן־גריבעלעך געלאַכט — אָבער איך ווייס...

— אַז וואָס ווייסטו, אַבראַשקע ?...

— כ׳וועל סיי ווי אַנטלויפן... זאָלסט עס קיינעם נישט אויסזאָגן... זאָגסט עס מיר צו, עסטושיאַ ?...

און איר איז מיטאַמאָל אַזוי שטאַרק אַ שאָד געווען, ער זאָל נישט אַנט־לויפן. ס׳מיידעלע האָט געגראָבן מיטן שיכל אין זאַמד און זיך אָפּגערופן :

— ניין, אנטלויף נישט, אַבראַשקע... כ׳וויל נישט...

און זי האָט מיט וואַרעמע פינגער אָנגעכאַפּט זיין פעסטע ייִנגלשע האַנט, ער זאָל נישט אָפּטון עפּעס אַ נאַרישקייט.

1968

פוילישער האַרבסט

.1

דער שיינער פוילישער האַרבסט איז אין יענעם יאָר אויסגעגאַנגען אונ־טערן הויכן גלאָז־דאַך, אין דער אַטעליע פון אַלטן מייסטער.

דער פוילישער סקולפּטאָר דוניקאָווסקי איז געשטאָרבן אין בכבודיקן עלטער פון קרוב צו 90 יאָר, צווישן די אויסגעהאַמערטע פיגורן, אין זיין אַטעליע אויף וואַרשעווער אַלטשטאָט, אָדער ווי יידן האָבן עס געפלעגט צו רופן — דער „מקום"; די אַלטערטימלעכע געגנט, נידעריק ביי דער ווייסל, איז נאָכן גרויסן חורבן, לויט פאַרגעסענע גראַוויורן, צוריק געטרי רעסטאַווּ־רירט געוואָרן. דער קינסטלער האָט זיך דאָרט אָבער מער נישט געפילט אַזוי היימלעך, ווי אַמאָל. ס'האָט אים געפעלט דער גערודער פון די אַרומיקע יידי־שע געסלעך אויף אַלטשטאָט, די גרינס־געשטעלן, די פישער, די „פּיאַסקאַ־זשעס", די דיקע אָנגעבאַבלטע יידישע ווייבער, די אָנגעפּאַרבטע מיידן פון „הייזל" ביי דער גראָבער „מומע" רעבעקאַ.

פּאַר עטלעכע־יאָרן האָט זיך נאָך דער זקן — אַ קליינער, אַ רירעוודיקער, אַ פעסטער, ווי אַ וואָרצל, מיט אַ שיטערלעכער לייבן־טשופּרינע — צום לעצטן מאָל אַריבערגעכאַפּט קיין פּאַריז. דאָ האָט נאָך געלעבט זיין אַמאָליק יידיש ווייב, פון צוריק מיט איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט. ער האָט זיך לאַנג געקליבן אין וועג אַריין; ס'האָט אים נישט געלאָזן רוען, זינט ווען ער איז געוווּיר געוואָרן, אַז סאַרע לעבט.

די פּאַלקאָווסקאַ האָט אין פּאַריז — נאָך אַלע שטורעמס אין איר אייגן לעבן און אין דער גרויסער וועלט — געלעבט צוריקגעצויגן, האַלב־פאַרגעסן, אין שאָטן פון מאָנפּאַרנאַס. עס זענען דורכגעגאַנגען איבער אירע אַלע „איזמען" פון דער עפּאָכע; און זי האָט נאָך דאָרט עפּעס אַלץ געקלעפּט, גע־מאָלן, געשוועבט אין דער אילוזאָרישער וועלט פון דער קונסט; כאָטש זעלטן־ווער ס'האָט זי געדענקט פון אַמאָל, דער פאַרכאַפּנדיקער סאַרען, אויף די רוישיקע טעראַסן פון „דאָם", „קופּאָל" און אין „סעלעקט", צווישן נייעם, נאָך־

מלחמהדיקן אַנגעלויף. אָבער איר שיינער, אידעלער סלאַוויש־יידישער קאָפּ פון דער יוגנט, געשניצט דורך דער האַנט פון מייסטער דוניקאָווסקי, איז אין עטלעכע וואַריאַנטן, פאַרבליבן, אויפגעהיט זיך — אין דער טרעטיאַקאָווער גאַלעריע, אין מאָסקווע, אין וואַרשעווער „זאַכענטאַ״, אין די קראָקאָווער מו־זייען.

די צוויי שוועסטער, סאַרע און טאָטשע, זענען אָנהייב יאָרהונדערט גע־קומען פון אַ רייכער חסידישער היים אין וולאָצלאַוועק. טאָטשען, דווקא די מיטן שיקסעוואַטן נעזל, אַ בלאָנדע, מיטן בלייכן מאַדאָנע־פּנים, האָט עס נאָך דעמאָלט צוריקגעפירט צו יידן, צום יידיש־וועלטלעכן רענעסאַנס; זי האָט, ווי אַ פלאַטערל, געשוועבט אין ענגן קרייז פון פּרצ׳ן, אין וואַרשעווער „הזמיר״, געאָטעמט מיטן הויכן גייסט פון זיינע שבת־יום־טובדיקע יידן. איז צוזאַמען מיט דער כאַליאַסטרע יונגוואַרג, געקומען אָנפילן דאָס וואַרעמע יידישע הויז אויף צעגליאַנע נומער 1. איר מאַן איז נאָך דעמאָלט געווען דער גרויסער יידישער פלאַסטיקער קראַטקאָ; מ׳האָט צוזאַמען געבויט חלום־טור־רעמס פון יידישער קונסט, פון אַ בעסער יידיש טעאַטער.

אין דער צייט, ווען די עלטערע שוועסטער, סאַרע, איז צוביסלעך פאַר־גוי׳שט געוואָרן צווישן דער ליבעראַלער פּוילישער אינטעליגענץ, איז לסוף אַוועק ווינען מיטן פּוילישן סקולפּטאָר דוניקאָווסקי. אַ שטיקל צייט האָבן זיי זיך אויפגעהאַלטן צוזאַמען אין זיין צערודערטער אַטעליע אויף אַלט־שטאָט, דערנאָך — אין די טאַטרן־בערג, אין זאַקאָפּאַנע. זיי האָבן אַפילו געבוירן אַ טאָכטער. אָבער לאַנג האָט עס סיי ווי נישט אָנגעהאַלטן. זיי האָבן זיך צע־קריגט, צעריסן, זיך פונאַנדערגעגאַנגען. איינער דעם אַנדערן האָט, אין היץ, אין שטורעם, פאַרגעוואָרפן מי יודע וויפל פאַראַטן. ס׳איז אָבער געווען צו פאַרשטיין, אַז דער עיקר פאַרדרוס איז צווישן זיי אפשר אַרויסגעקומען, וואָס אים, דעם גרויסן מפונק, זענען אירע אייגענע קלעפּעניִשן אין ליים, אירע מאַלערייען, נישט שטאַרק געפעלן. און אפשר נישט בלויז דאָס. ווייל סאַרע האָט זיך דעמאָלט אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, האָט געהאַט די אַמביציע, צו באַשאַפן אַ ווערק — „קאָכאַימי שיען״, אין גייסט פון יידישער פּאַטריאָטיש־קייט, מסירת נפש, פון יידישן אָנטייל אין די פּוילישע „פּאָווסטאַניעס״. ער האָט דאָרט עפּעס געדרייט מיט דער נאָז, אונטערגעפּאַנפּעט אין זיינע אויפ־געבלאָזענע פּריצישע וואָנסן און האָט עס איר לסוף אָפן מודה געווען:

— זע, סאַרע, דיין „קאָכאַימי שיען״ קרישלט זיך... ניין, ער איז נישט געבויט פּראָפּאָרציאָנעל... ער וועט נישט אויסהאַלטן דעם דויער פון דער צייט...

— און מיר האָבן אַמאָל געמיינט... — האָט זי פאַרשטאַנען זיין זאָג, גע־לאָזן פאַלן, נישט אַזוי מיט כעס, ווי גיכער מיט באַדויער.

ער האָט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס פון דער סובסטאַנץ, סיי פון אַ חכם, א וועלט־גייסט, אַ קאָסמאָפּאָליט אין שענסטן זינען, סיי פון אַ כיטרן סלאַוויאַנאָ־

פיל, פון דער מיטעלער, פאַראַרעמטער שליאַכטע, פון וועלכער ער האָט אַליין אָפּגעשטאַמט. זי האָט עס פאַרשטאַנען. אָ, זי איז געווען אַ שטאָלצע, סאַרע. זי האָט געהאַט איר אייגענע פערזענלעכקייט; האָט זיך באַלד דערנאָך אויפגעהויבן און איז שטיל אַוועק; אָן איין וואָרט אַוועק. אויף תמיד. זי האָט איבערגעלאָזן די קינסטלעריש־צערודערטע ווילע אין זאַקאָפּאַנע, די קראָקעווער באָהעמיע־קאַפּייען. דאָרט האָט נאָך אַרום געשוועבט דער שיינער צייט־גייסט פון דער פוילישער נעאָ־ראָמאַנטיק, דער „פּאָזיטיוויזם״, די שטורעם־פייגל פון דער „מלאָדאַ פּאָלסקאַ״ — טעטמאַיער, וויספּיאַנסקי, פּשיבישעווסקי, זשעראָמסקי. זי איז נאָך אין יענע יאָרן אַוועק קיין פּאַריז. דער טאָכטער האָט זי מיטגענומען.

לאַנגע יאָרן האָבן זיי איינער פון אַנדערן כמעט גאָרנישט געהערט. אָבער וויפל זיי האָבן זיך אַמאָל נישט אַרומגעקריגט, אַרומגעריסן, פאַרגעוואָרפן זיך אַלע פאַראַטן, צעשיידט זיך, האָבן זיי איינער דעם אַנדערן אַרומגעזוכט.

אין דער געדעכעניש פון אַלטן מייסטער האָט, נאָך אַלע שטורמישע יאָרן, אַלץ געלעבט די אַמאָליקע סאַראַ, די פלאַטערנדיקע יידישע טאָכטער פון איר חסידישער היים, אין דער שטאָט ביי די הויכע, שיינע וויסל־ברעגן, אין וולאָצלאַוועק. אומפאַרגעסלעך זענען פאַרבליבן אין אָפּגעשוואַכטן זכרון די ערשטע פלאַטערן, די ערשטע באַגעגענישן אין די וויין־קעלערן ביי פוקערן, אויף וואַרשעווער אַלטשטאָט, אויף די מאַניושקאָ־פרימאָרגן־קאָנצערטן אין דער פילהאַרמאָניע, ווו „ס׳האָבן געדרוישט די פוילישע יאָדלעס אויף די באַרגשפּיצן״; זייערע שפּאַצירן אין די לאַזשענקעס; און דערנאָך, ווען ער האָט זי אַוועקגעפירט אין דער קראָקעווער „יאַמאַ מיכאַליקאַ״, אונטער די פיליאַרן, צווישן דער באַנדע צעזונגענע קינסטלער־באָהעמען מיט די צעכראַסטעטע הערצער, אין די פראַנצויזישע בערעטן. זיי האָבן אים אַלע דעמאָלט נישט וויניק מקנא געווען מיט דער שיינער „זשידוווטשקע״ ביי דער זייט. זי האָט געשוועבט צווישן זיי ווי די „ראַכעלאַ״ אין וויספּיאַנסקי׳ס „וועסעלע״. די חסידישע טעכטער האָבן אין די יאָרן פון לינדן ווינט פון סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע רעוואָלוציעס, פון געמיינזאַמען קאַמף, פון „פּאָזיטיוויזם״, אַרויסגעריסן זיך פון צווישן די אויפגעבראָכענע געטאָ־ווענט. זיי האָבן אַ גלאַנץ געטון מיט דער פרישקייט פון טוי אין פרימאָרגן, די חסידישע טעכטער, מיט זייערע אָריגינעלע מיידלשע קעפּלעך פון אַ פאַרכאַפּנדיקן רעמבראַנדישן שניט, מיט זייער ראַפינירטן גייסט פון קבלה און מאַרקסיזם. אָ, וויפל וואַסערן ס׳האָבן פאַר די יאָרן דורכגעשטורעמט אונזער דור אויף דער שיינער, טרויעריקער פוילישער ערד!

אונטער אַלע רעזשימען אין פוילן, האָט דער מייסטער דוניקאָווסקי גענאָסן פון גרויסן רעספּעקט — אַ וועלט־באַרימטער סקולפּטאָר, אַ פּראָפעסאָר; כאָטש ער האָט די אַמאָליקע הערשער אין פּילסודסקי־פוילן נישט איינמאָל געשמיסן זיי אין פּנים אַריין זיינע ביטערע אמתן. ער האָט זיך אַפילו ברייט

איינגעשטעלט פאַר זיינע יידישע תלמידים אין דער וואַרשעווער הויכשול, קעגן די כוליגאַנישע „נאַראַ"־באַנדעס. ער האָט זיך דאָרט אויסגעלאַכט, ווען מ'האָט אים אָנגערופן „יידישער פּאַכאָלעק". זיין אַרעאָל איז נאָכמער גע־וואַקסן, ווען דער אַלטער האָט, שטעלט אייך פאָר, דורכגעלעבט אוישוויץ, אומ־געקערט זיך פון דאָרט מיט אַ נאַקעט־אַרומגעגאָלטן קאָפּ, אַ צעפּאַסעוועטע אַרעסטאַנטן־פּיזשאַמע, מיט אַן אויסטאַטואירטן נומער אויף דער האַנט.

דער מייסטער האָט געלאָזן נאָך זיך נישט ווייניק תלמידים; און איינער פון זיי — ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן — אַ ווייטע משפחה פון סאַרען. אַ יונ־גער יידישער סקולפּטאָר. דער יונגערמאַן האָט נאָך דער מלחמה איינמאָל אומ־געריכט אַ קלאַפּ געטון אין זיין טיר, אין זיין אַטעליע אויף אַלטשטאָט; ווייל דער אַלטער פלעגט, געוויינלעך, טרייבן פון זיך; אָבער פאַרן יונגערמאַן מיטן סקולפּטאָריש־מאָדולירטן רוימישן קאָפּ, האָט ער באַלד געהאַט עפּעס אַ באַ־זונדערן סענטימענט; צי אפשר דערפאַר טאַקע, ווייל ער האָט אויפגעלעבט אַ ווייטע געדעכעניש פון סאַרען; צי דערפאַר אפשר, ווייל דער יונגער סקולפּ־טאָר איז געגאַנגען אין זיינע דרכים, אין זיין מאָנומענטאַלן אויסהאַמערן אין שטיין און אין בראָנדז. דער יונגערמאַן האָט זיך צוזאַמען מיטן פּליטים־שטראָם אומגעקערט פון מאָסקווע, אַ פאַרוואָגלטער מלחמה־צייט. ער איז דאָרט פאַר די פאָר יאָר שטאַרק געוואַקסן, אויסגעפּירט אין בראָנדז, אויפן טווערסקאָי־בולוואַר, אַ מאָנומענט פאַרן רוסישן פילאָזאָף הערצען און אַ פּלאַסטישע בראָנדז־גרופּע פון פּושקין און מיצקעוויטש, אין גייסט פון דער רוסיש־פּוילישער דערנענטערונג. זיין נאָמען האָט געקלונגען. כרושטשעוו אַליין האָט אים, ביי דער אַנטהילונג, געדריקט די האַנט. ווען ער האָט זיך צו־ריק באַוויזן אין זיין אַטעליע, האָט זיך דער אַלטער זייער דערפרייט מיט אים. ער האָט דעם אַלטן, געוויינלעך, געטראָפן אַרומלויפן אַרום און אַרום אַ הויי־כער ליים־פיגור מיט אַ מעסער אין האַנט. ביי זיין הויכן עלטער, איז ער נאָך געווען רירעוודיק, ווי אַ יינגל; אויפגעריסן זיך באַלד באַגינען, אַרונטער פון זייו גאַלעריע אונטערן גלאָז־דאַך, אויסגעטרונקען אַ קעלישעק בראָנפן אויפן ניכטערנעם, אַ וויש געטון די אויפגעבלאָזענע וואָנס און געוואָרפן זיך מייס־טרעווען אַרום זיינע פיגורן, אין מאַרמאָר, אין באַזאַלט, אין ליים, אין גיפּס. ער איז אַרומגעלאָפן אין דער טיפער אַטעליע, פול מיט ליכט און זון פון די דאַך־שויבן, געקוקט אונטער אַ האַנט־דעכעלע, ווי די זון וואָלט אים געשטאָכן אין די אויגן; דאָ האָט ער זיך אַ רגע פאַרהאַלטן, איינגעקוקט זיך אין פּראָפיל פון אַ ריזיקער פיגור, צוגעלאָפן, אומברחמנותדיק געשניטן פּאַסן מיטן קצבישן מעסער, צוגעקלעפּט נייע פּלאַסטן פעטן ליים. דער קאָפּ איז אים גע־ווען אַרומגעוואונדן מיט אַן אַלטער קאַסקע פון „פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע".

— מישטשו, פאַרוואָס עפּעס אַ קאַסקע ?... — האָט דער יונגערמאַן נישט געקענט איינהאַלטן זיך צו לאַכן מיט אַלע זיינע שטאַרקע, ווייסער ציינער.

— די קאַסקע, סמאַרקאַטשע, איז זייער וויכטיק... זי נעמט פעסט אַרום דעם קאָפּ... זי קאָנצענטרירט...

מ׳ווייסט נישט פאַרוואָס ער האָט דעם ייִנגן „זשידעק" אַזוי גערן געהאַט, געפילט ווי ס׳פולסירט אין אים אַ הייס, קינסטלעריש אָדערל. פאַר אים, כמעט אַ ייִנגל, האָט ער זיך אַלץ פאַרטרויט. אָבער ס׳איז נישט געווען צו פאַרשטיין די אומגעריכטע אויסברוכן זיינע. אָט האָט ער בעתן אייכמאַן־פּראָצעס, וואָס האָט דעמאָלט מרעיש־עולם געווען, געקענט אַ וואָרף טון :

— ער איז זיכער אַליין געווען אַ ייִד, אייכמאַן... די „זידקעס", ווייסט איר, האָבן זיך איינער דעם אַנדערן אויסגעמאָרדעט אין אוישוויץ...

דער יונגערמאַן איז פּלוצים געשטאַנען פאַר אים, בלייך פון צאָרן, און געשטאַמלט :

— דעם גאַנצן רעספּעקט, מייסטער... אָבער כ׳דערלויב אייך נישט אַזוי צו רעדן !... מיין גאַנצע משפּחה, פון איבער הונדערט, האָבן די דייטשן, מיט דער מיטהילף פון פּוילישע „שמאַלצאָווניקעס", אומגעבראַכט...

און ער האָט אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר, איז אַוועק, האָט זיך מער נישט געוויזן. וואָכנלאַנג האָט אים דער אַלטער אַרומגעזוכט, נאָכגעפרעגט זיך. ער האָט מער נישט געקענט רוען, ביז ער האָט דאָס ייִנגל נישט צוריק אָפּגעפונען, אים איבערצובעטן.

— שטשעניאַקו... — האָט ער אים וואַרעם אַרומגענומען — זיי מוחל אַן אַלטן נאַר... דאָס האָט דער סלאַוויאַנאָפילישער טייוול אין מיר אַרויס־גערעדט...

ס׳איז אמת, ער האָט טאַקע פאַרמאָגט אין זיך עפּעס פון דער סובסטאַנץ, סיי פון אַ חכם, אַ וועלט־גייסט, אַ קאָסמאָפּאָליט, אין שענסטן זין; סיי פון אַ כיטרן סלאַוויאַנאָפיל, פון דער מיטעלער, פּאַראַרעמטער שליאַכטע, פון וועלכער ער האָט אָפּגעשטאַמט. ער האָט דעם יונגערמאַן שוין נישט אָפּגע־לאָזן, מיטגענומען אים אויף וויכטיקע אויפנאַמעס, צווישן קינסטלער, אויף די אויסשטעלונגען. ער האָט אים געשטופּט געלט אין קעשענע אַריין, אויסגע־באַרגט אים אַ לייטישן אַנצוג, אַן אָריגינעלן קראַוואַט, איינער פון זיינע הונ־דערטער קראַוואַטן, וואָס האָבן אָנגעפילט זיינע שאַפעס, באַשפּריצט מיט נעלקן־פּאַרפום, וואָס האָט וואָכנלאַנג נישט אויסגעוועפּט; דער אַלטער האָט ליב געהאַט דעם איידעלן נעלקן־פּאַרפום; האָט אים האַלבע נעכט אַרומגע־שלעפּט איבער די קאַוויאַרניעס, איבער די קנייפּעס פון די פאַרשטעט, האָט זיך ברייט גערימט פאַר אים :

— אַ, וויפל מיר האָבן עס אַמאָל אויסגעטרונקען צוזאַמען מיט פּשיבי־שעווסקי׳ן, מיט טעטמאַיערן... אויף דר׳ערד זיך געוואַלגערט און — געוויינט...

אויף דער אויסשטעלונג פון אַלטע מייסטער, איז ער מיטאַמאָל געוואָרן אומרואיק :

— קום... — האָט ער דעם יונגערמאַן אומגעדולדיק געצויגן ביים אַרבל
— ס׳איז לאַנגווייליק... פאַרעלטערט... צי וועל איך נישט זיין אַזוי לאַנגוויי־ליק און פאַרעלטערט אין א פופציק יאָר אַרום ?... אָ, נישט יעדער קען זיין אַ ראָדען, אַ מאַיאָל, אַ בורדעל...

און ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיינע אייגענע רייד.

צומאָרגנס, נאָך אַ נאַכט פון שיכורן, האָט ער דעם אַלטן געטראָפן זיצן, ביידע קורצע עלנבויגנס פעסט אָנגעשפּאַרט אין טיש, פאַרטון, איינגעגראָבן איבער אַ בייגעלע פּאַפּיר. ער האָט לאַנג געפירט דערויף מיט דער געדזוע־נער פעדער, געפירט די אַרויסגעשטעקטע צונג הין און צוריק, ווי א קינד, וואָס לערנט זיך שרייבן; געמעקט, צוגעשריבן, פּלוצים אַלץ צעריסן, אַוועק־געשמיסן, און באַלד ווידער זיך גענומען פלייסיק צום שרייבן. ער האָט גע־רעדט אַביסל שטומפּיק, מיט דער צונג צוגעדריקט צום גומען :

— כ׳שרייב אַ בריוו צו סאַרען... — האָט ער, קוקנדיק אויף אים פון אונ־טערן שטערן, זיך יינגלעריש באַרימט.

.2

אויסגעקליבן קיין פּאַריז האָט זיך דער זקן ערשט אין פרילינג, ווען די טעג ווערן לינדער. די לעצטע רייזע זיינע קיין פּאַריז איז אין קולטור־מיניס־טעריום שיער נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אונטערנעמונג אויפן נאַציאָ־נאַלן מאַסשטאַב. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז נאָך איין מאָל פאָרן זען סאַרען. מ׳האָט אים אָבער נישט געקענט לאָזן אַליין אין אַזאַ ווייטער נסיעה. אַ ספּעציעלע וואָך פון קראַנקן־שוועסטערן, דאָקטוירים איז געשטעלט געוואָרן אויף די פיס. זיי האָבן אים דיסקרעט באַגלייט. ער האָט זיי אויפן גאַנצן וועג געטריבן פון זיך, געזידלט :

— פשאַקרעוו... לאָזט צורו... כ׳בין נישט קיין מפיל־קינד...

און אָט איז גאָר סאַרע זינט וואָכן שוין געלעגן צו בעט. מ׳האָט געצי־טערט פאַר איר לעבן, פאַר אירע עמאָציעס ביי אַזאַ אומגעווינלעכער באַגעגע־ניש. אינמיטן ווינטער האָט זיך די זקנה צוגעקילט אין איר נישט־געהייצטער אַטעליע אויפן מאָנפּאַרנאַס, האָט געקריגן אַ לונגען־אַנטצינדונג. מ׳האָט זי אַוועקגעכאַפּט צו דער שוועסטער טאָטשע אין וואַרעמען הויז אַריין, קעגנאַי־בערן פּאַרק מאָנסורי. די אַלטע פּוילישע דינסט סטאַשע, וואָס זיי האָבן דאָ ערגעץ אָפּגעזוכט אין דער פרעמד, איז געלאָפן נאָכן דאָקטער, איז ארומגע־גאַנגען אַרום איר, געלייגט איר וואַרעם־פלעשער, נישט אָפּגעטראָטן גאַנצע נעכט. די אַלטע האָט שוין גערעדט פון היץ.

ווען ס׳איז דערגאַנגען דער בריוו, אַז וויעסלאַוו קומט סוף וואָך צופאָרן, אַז ער וועט זיין ביי זיי אין הויז צוגאַסט, האָט זי קוים געגומען אַראָפּשטעלן אַ טריט אויף אירע שווערע, אַנגעדראָלענע פיס. ס׳איז נאָך אַלץ געווען אַ ווייטער אָפּשיין פון דער אַמאָליקער סאָרע, אין איר שיין־געשניטן מויל מיטן אַביסל פאַרהויבענעם ליפּל, אין געטאָקטן פּראָפיל, כאָטש די האָר גרוי ווי אַ טויב; דווקא אַצינד, ווען זי איז געווען אָפּגעשוואַכט, בלייך. מ׳האָט זי אַוועקגעזעצט אין סאַלאָן, איינגעוויקלט אין אַ פּלעד. זי האָט זיך, ווי אַ בלייכע קעלער־פלאַנץ, געוואַרעמט אין דער ווילעכער פרילינג־זון. זי האָט די זון געלאָזן רינען איבער די צוגעלענטע אויגן־לעדלעך. האָט זיי אַ רגע אויפגעמאַכט, אַראָפּגעקוקט צום פּאַרק מאָנסורי; געזען, ווי די נאַקעטע ביימער נעמען זיך שוין באַדעקן מיט אַ פּוכיקן גרין, מיט קנאָספּן. פון דער טיף פּאַרק האָבן קינדערישע שטימעלעך געקלונגען, ווי גלעקלעך. און זי האָט זיך באַנג דערמאָנט — ערשט ווי לאַנג איז עס דען געווען ? — די וואַרשעווער לאַזשענקעס... די שטאָלצע שוואַנען אויף דער קליינער אָזיערע...

— באָזשע... — האָט די זקנה געמורמלט — געדענקסט כאָטש, טאָטשע... ווי וויט דאָס אַלץ איז שוין...

זיי האָבן אין הויז זעלטן אויפגענומען געסט. אָבער אין דעם פרייטיק, האָבן ביידע געעלטערטע שוועסטערן דערפילט, ווי ס׳וואָלט אויפסניי געריזלט אין זיי אַ הייס שטראָמל בלוט. פון ערגעץ איז ווידער צוריקגעקומען די אַטמאָספער פון האַלב־פאַרגעסענער סלאַוויש־יידישער בענקשאַפט, און האָט אָנגעפילט דאָס הויז.

אפרים האָט פון באַלד אין דער פרי זיך פאַרקליבן אין זיין צימערל, אַרויפצו, מיט זיינע ביכער, מיט זיין אַלטער שרייב־מאַשינקע, מיט זיינע אָנגעוואָרפענע כתבים און פאַלעטעס. ער איז ווידער אומגעריכט באַפאַלן געוואָרן פון שעפערישער פרייד, צו מאָדולירן זיינע יידן פון סטאַווקי־געסל. ער האָט אָבער די לעצטע פאָר יאָר אין פאַריז פונדעסטוועגן אַ סך געשריבן, אַ סך געמאָלן, ווי ער וואָלט געזוכט צוריקצוכאַפּן די צעטרענצלטע, פאַרשפּעטיקטע פאָר יאָר. דאָס גראָטעסקע, דאָס אויסלאָכערישע איז געלעגן אויף זיין שפּיץ פּעדער. שלום אַש, און כמעט דער גאַנצער דור זיינער, האָבן זיך פאַרכּליניעט מיט דער ראָז־פאַרנעפּלטער ראָמאַנטיק פון דער פוילישער ערד; און, ער, אפרים קאַגאַנאָווסקי, איז פון דעם איידעלן געוועב, פון די שאָטנס פון אונטערגייענדיקע, באַלעבאַטישע יידישע שטובן, מיט די פאַרזעסענע יידישע טעכטער, שווערע קרעדענס און שווערע יידישע געמיטער, דערגאַנגען צום ביטערן רעאַליזם. אין די קאָרגע צוויי צענדליק יאָר, צווישן ביידע וועלט־מלחמות, איז ער אין יענעם טרויעריקן פוילן, אַליין אויך געזונקען, צוזאַמען מיטן אונטערגאַנג פון יידישן מיטלקלאַס. דאָ האָט ער אָבער אַנטדעקט זיין אייגענעם טעמפּעראַמענט. מ׳האָט אים נישט דערשאַצט, ווי ס׳געשעט אָפט ביי אונז, מ׳האָט אים עפּעס נישט גענומען ערנסט. ער האָט זיך גאַנץ שיין

אויסגעלאַכט פון די אַלע מעגלעכע „לייזונגען" אויף דער שטורמישער „יידי־שער גאַס". ער איז אין דער גרויסער אָרעמקייט פאַרבליבן דער גרויסער עולם־הזה'ניק, דער באַהעם.

ער האָט אויף דער עלטער געשפּרייזט ביי דער זייט פון טאַטשען, ווי אַ פאַרשולדיקט ייִנגל, כאַטש די שיינע, פאַרכאַפּנדיקע ווייבלעך האָבן זיין שאַרפן, מעסערדיקן בליק נאָך אַלץ נישט אויסגעמיטן. ס'האָט זי מער נישט געאַרט; ס'זענען נישט געווען מער די יאָרן, ס'געמיט.

צו דעם פּרייטיק־צונאַכטס האָבן זיי זיך געגרייט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט צוריקברענגען עפּעס פון דער אַמאָליקער וואַרשעווער אַטמאָספער, אַנהייב יאָרהונדערט. כאָטש זיי האָבן געלעבט אין פּאַריז מיט אַן אויסגערעכנטן פראַנק, קאַרגלעך, האָט מען דער פּוילישער דינסט, סטאַשען, אָראָפּגעשיקט עקסטרע אויפן יידישן „פּלעצל", ברייט איינצוקויפן פון שענסטן און פון בעסטן; דער עיקר יידיש־פּוילישע מאכלים — שוואַרץ יידיש ברויט, חלות, אַ שמאַלץ־הערינג, אַ היפּשן קאַרפּ. זיי האָבן אויך נישט פאַרגעסן אָנצוזאָגן זי זאָל ברענגען א פלעשל „זוברוווקע", וואָס מען קריגט אין אַ פּויליש געוועלב פון קיעלבאַסע, אַריינגעשטופּט צווישן די ספרים־געוועלבלעך און כשרע יידישע יאַטקעס, אויף רי דע ראָזיע.

און באמת, ווי דורך אַלערליי ווונדער וואָלט דאַ, אין דער פרעמד, נאָך איין מאָל, צום לעצטן מאָל, באַשאַפן געוואָרן א יידיש־געדעקטער טיש, מיט אַ בלאַנקענדיקן סערוויעט, אין פייערלעכן פרייטיק־צונאַכטס פון דער אלטער היים. אויבן־אָן, ווו ס'איז געשטאַנען די געשניצטע פאָטער־שטול מיטן ווייכן אָנלען, האָבן געברענט ליכט אין די הויכע זילבערנע לייכטער. אַן אויסגענייט צוועלעכל, אַ „לויפער", האָט צוגעדעקט די צוויי חלות. אַ פלעשל ווישניק, אַ פלעשל „זוברוווקע". ס'איז אויפגעגאַנגען די פאַרע פון פּולמיסעק געפילטע, מחיהדיקע פיש, צוגעפעפערט און זיסלעך צוגעפּראַוועט, אַרומגעלייגט מיט מערעלעך, אויפן יידיש־פּוילישן שטייגער. ס'האָט פאַרשמעקט דעם סאַלאָן, מיט די ביכער־שרענק, מיט די מנורות אויף די שענקלעך, מיטן אַלטן לייוונט פון שטומען מאָלער מאַוריצי מינקאָווסקי אויף דער פאַרנטיקער וואַנט.

אַ ווייסע שפּיצן־הויב איז געווען אויף סאַרעס גרויען קאָפּ, הויך אויפגע־טורעמט. די אַראָפּגעזונקענע אַקסלען האָט פאַרדעקט דאָס ווייסע, געשטריקטע שאַלעכל. די בעקלעך ביי דער זקנה האָבן זיך כלה'ש געררויטלט, ווי ביי אַ יידישער טאָכטער, וואָס וואַרט אויף אַ „באַשויאונג" מיטן חתן. אירע שיינע הענט פון אַמאָל, וואָס זענען פאַראייביקט געוואָרן פון מאָלער און סקולפּטאָרן, זענען אָבער געלעגן מידע אין איר שויס, אָנגעדראָלענע פון אָדערן, צע־קרומט פון סקלעראָז. אין די לאַנגע פינגער איז נאָך פאַרבליבן אַ ווייכע, איי־דעלע ליניע. זיי האָבן דאָ אַלע געפילט, אַז זי האָט אַ פאַרלאַנג נאָך איין מאָל אַ בלענד צו טון, אַז דאָס וועט איר נאָך אפשר דערהאַלטן ביים לעבן.

מיט אַלטער פוילישער עלעגאַנץ, האָט וויעסלאַוו, אַריינקומענדיק, גע־קושט די הענט ביי די דאַמען; אפרימען האָט ער אַ באַקוק געטון פון אויבן ביז אַראָפּ:

— פּאַמיענטאַם... פּערעץ... טאָ ביל פּאָזשאָנדני זשידעק...

איבערן סאַלאָן האָט זיך געטראָגן דער דיסקרעטער, איידעלער אַראָמאַט פון נעלקן־פּאַרפום; ער איז ווי אַן עטער, געפּלאָסן פון זיין אָנגעקראָכאַליעטער וואַנס, פון די זיידענע קלאַפּעס, פון זיין קינסטלעריש־אויסגעבונדענעם שליף. דער פייערלעך־געדעקטער יידישער טיש פון פרייטיק־צונאַכטס האָט, זעט אויס, אויך ביי אים אויפגעוועקט די ווייטע, שיינע וועלט פון נעכטן, צווישן זיינע פוילישע יידן.

ביי די געפילטע פיש, האָט ער זיך שטאַרק פּאַסמאַקעוועט, צווישן איין מאָל און אַנדערן, אָנגעקלאַפּט די קליינע גלעזעלעך בראָנפן מיט אפרימען, מיט די ווייבער, כאָטש זיי האָבן דערפון נישט פאַרזוכט; אַראָפּגעלאָזן זיי מיט איין צי, פאַרוואַרפנדיק די שיטערע לייבן־טשופּרינע אַהינטער, אַז מ׳האָט דערזען דעם אומלויפנדיקן גאַרגל־קנאָפּ אויף זיין דאַר העלדזל. די אויגן פון אונטער די געדיכטע ברעמען האָבן צוריק אויפגעלויכטן מיטן מעסער־גלאַנץ פון די פוילישע שענקען. ער איז געוואָרן פריילעך, געכאָכאָטשעט, זיך פאַרגאַנגען. ער האָט פּלוצים פאַרריסן דעם קאָפּ, אַ באַקוק געטון מינקאָווסקיס גלות־בילד, סאָמע קעגנאיבערן פענצטער, אָפּגעגאָסן אין פאַרנאַכטיקן זון־בראַנדז. די יידי־שע טאַכטער מיט די גרויסע, ברענענדיקע אויגן, האָט, ווי לעבעדיק, אַרויס־קוקט פון דער שווערער, באַגילדטער ראַם. אין דער טיף — יידן, ווייבער, קינדער, טלומיקלעך ביי די פיס. ס׳האָט דערמאָנט אין הירשענבערג׳ס גלות־בילדער, אין מאַוריצי גאָטליבס אָריענטאַלישע בית־מדרש־יידן מיט די שאַר־פע אַריסטאָקראַטישע נעזער.

— דאָס זענט אירע אלע... — האָט ער ראַפּטום שאַרף אַ וויז געטון מיטן דאַרן פינגער — כ׳קען אייך... דער גלות... איר לויפט פון לאַנד צו לאַנד... ערגעצווו וועט איר שוין אָנקומען! מ׳האָט מיך געפירט וויזן אויף דער גענ־שע גאַס דעם דענקמאָל אייערן. אָן שום ספק אַ פּעאיקער „זידעק"... אַ שאָד, כ׳האָב געקענט איינעם אַ חיימ׳עק, מיט שמאָלע אויגן־שפּעלטלעך, מיט גע־דיכטע קרייזעלעך איבערן שטערן... די הענט ביי אים זענען געווען נערווע־זע... זיי וואָלטן געקענט שאַפן גרויסע ווערק. אָט, ווען ער שטעלט אוועק דעם דענקמאָל אייערן... נעמט ער און שטאַרבט אַוועק, דער נאַרישער... גלופּי...

זיי זענען שוין ביידע סיי ווי געווען טויבלעך, ער און סאַרע, ביידע מיט שניי־ווייסע קעפּ. און ווען ער איז אונטערגעקומען, האָט אים סאַרע אַ נעם געטון ביי אַ לאַץ, דערפילט דעם איידעלן נעלקן־אַראָמאַט און זיך כמעט מיידלש געהנדלט:

—דו אַלטער שאַרלאַטאַן... הוליעסט נאָך דאָרט אַלץ אַרום, לײדאַקו... וואָס ?...

ער האָט אָנגעשטעלט דעם פּאַרוואַקסענעם אויערן־מושל. ער האָט גאָר בשעת משעה געהאַט דערבליקט דעם פּרץ־פּאָרטרעט, איבערן מאַסיוון שרײב־טיש, ווי ער שטײט אָנגעשפּאַרט מיט בײדע הענט פאַר־זיך, מיט זײן ווילדער, פלאַמיקער שעוועליורע, די אויגן ברענען ממש; אַזוי איז ער אַמאָל געשטאַנען און געדערדט פאַרן אָנגעפּראָפּטן עולם אין וואַרשעווער „הזמיר״.

— פּערעץ... — האָט ער זיך דערפרײט, ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן — טען ז׳וואָנסאַמי... ער האָט מיך אַמאָל שיער נישט אויסגעכאַפּט סאַרען... כ׳געדענק... ער איז געווען אונטערן אײנפלוס פון אונזער וויספּיאַנסקי׳ן... „וועסעלע״ און — „בײנאַכט אויפן אַלטן מאַרק״... אונזער פּאָזיטיוויזם, אונ־זער מעסיאַניזם... עך, געווען צײטן... די פּולקאָווניקעס האָבן דערנאָך אַלץ צע׳פּטרט אין אונזער שײן פוילן... צי געדענקסטו, סאַרענקאָ — האָט ער גע־מאַכט אַ קאַוואַלערישן קניקס, אַראָפּגעלאָזן זיך בײ אירע ציטערדיקע קני — באַזשע... מיר ווערן אַלט...

— כ׳האָב מײן לעבן צוליב דיר גע׳פּטרט... — האָט זי נישט אינגאַנצן דערהערט זײנע רײד, געריסן זיך צו אים, שיער נישט אַראָפּגעפאַלן פון דער שטול.

— און צי האָסטו מיך דען דעמאָלט נישט פאַראַטן ?... — האָט ער זיך געטון אַ שטעל אויף זײנע קורצע פיס, אין זײנע אויגן — אַ פינצטערע כמאַ־רע — האָסט זיך געוואָרפן אין די אָרעמס פון פּשיבישעווסקי׳ן, דעם אויס־וואורף, דעם לײדאַק... כ׳וויס, כ׳וויס אַלץ... ביסט דעמאָלט אַנטלאָפן דערפאַר...

— און יאַדוויגען, דאָס שײנע הוצולן־מײדל, האָסטו פאַרגעסן ?... האָסט זי כלומרשט מאַדולירט אין ווײסן מאַרמאָר... די שציערווע.... כ׳געדענק, נישקשה... די סעאַנסן הינטער דער פאַרמאַכטער טיר...

— ברענג מיך נישט אַרויס פון געדולד, סאַרע... כ׳וואָלט דיר נאָך גע־קענט אויסרעכענען אַ גאַנצן צעטל... כ׳האָב אַפילו אונטערגעכאַפּט די בריוו פון דעם ליפּסקין...

אפרים און טאַטשע האָבן זיך איבערגעקוקט. ס׳האָט געהאַלטן שלעכט. די קראַנקע געבלוטן האָבן זיך, נאָך אַ האַלבן יאָרהונדערט צעשײדונג, ווידער אָנגעצונדן. אַלע אַלטע פאָרווורפן זענען צוריק וואַך געוואָרן, ווי נעכטן וואָלט עס געשען. אפרים האָט דערבײ זײטיק אַ בליק געטון צום פלעשל „זוברווו־קע״ אויפן פול־אָנגעשטעלטן טיש. ס׳איז געווען כמעט אויסגעלײדיקט. קײ־נער, דוכט זיך, האָט אַזויפיל נישט געטרונקען בײ די פיש, האָט ער זיך גע־כאַפּט. טאַטשען האָבן געשלאָגן בלײכע פאַרבן אין געווירעטן, אָפּגעצויגענעם מאַדאָנע־פּנים. זי איז צו, האָט זײ געוואָלט צערײסן. סאַרע האָט אָנגעשטעלט

דעם קליינעם, אײדעלן אויער־מושל, צו דערכאַפּן עפּעס פון זיינע שטורמישע טיראַדעס, און ער, ווידער, האָט אינגאַנצן מער נישט געהערט, וואָס זי וואַרפט אים אין פּנים אַריין. ער איז אַרומגעשפּרונגען אויף זיינע קורצע פיס, גע־קלאַפּט מיטן בלייכן, אָדערדיקן פויסטל אין טיש אַריין. וואָס מער זיי האָבן זיך אַרומגעריסן, ווי די צעפּלאָשעטע הענער, אַלץ מער האָבן געוויינט זייערע נשמות. טאָטשע האָט זיך ביי זיי נאָר געבעטן:

— נאָכוואָס ? ... די קעפּ אונזערע זענען גרוי...

— איין קלוגע זאַך האָסטו געטון דעמאָלט... — האָבן ביי סאַרען גע־שפּריצט פונקען פון די אָנגעצונדענע אויגן, פון די שיין־געשניטענע ליפּן — האָסט פולשטענדיק צעשטערט מיינע אילוזיעס וועגן „קאָכאַימי שיען"...

ס׳לעצטע האָט ער, זעט אויס, יאָ דערכאַפּט:

— נו, יאָ, סאַרענקאָ... די צייט אַליין האָט אַלץ צעשטערט... און וואָס איז דען אַ קינסטלער, אויב ער קען נישט אַריבערקוקן די צייט ?...

דאָס איז שוין געווען די לעצטע באַגעגעניש מיט סאַרען, די יידישע גע־ליבטע זיינע, פון צוריק מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט.

1965

אין ליובאַוויטשער „הויף״

1.

פאַר עטלעכע יאָרן האָט זיך דאָס יידישע קינדער־הויז, די וואָלאַדעק־היים, אַרום די פּאַריזער דרום־פאַרשטעט, אין ברינואַ, סוף כל סוף אויך ליקווי־דירט. דאָרט האָט באַלד נאָך דער מלחמה געזשומעט אַ פריילעכער בינשטאָק, אַ קינדער־שלאָס, מיט פליגלען, זיילן, ווערענדעס, אַ טורעמל מיט אַ האָן, ליכטיקע זאַלן; אַ סאַזשלקע אינמיטן פאַרק פון אַלטע דעמבעס. ס׳קליינוואַרג, וואָס האָט דאָ אַרומגעטומלט דעם גאַנצן זומער, איז מיט נסים ממש אַרויס־געריסן געוואָרן פון טייוולס פּיסק אַרויס, אין די פינצטערע אָקופּאַציע־יאָרן, ווען גאַנצע צוגן מיט יידישע קינדער זענען, ווי געבונדענע שעפּעלעך, גע־פירט געוואָרן צו די קאַלך־אויוונס אין אוישוויץ. דערפאַר האָבן זיי זיך דאָ פאַרשווירן, אַז דאָס יידישע וואָרט אין זייער מויל זאָל קלינגען שיין, הילכיק, פריי, ווייל נאָר דערפאַר, וואָס זיי זענען יידישע קינדער, זענען זיי פאַר־משפט געוואָרן אומצוקומען.

דער דירעקטאָר, חבר גליקסאָן, אַ מיטליאָריקער מאַן, אין דיקלעכע ברילן, מיט פאַרגרויטע שליפן, האָט דעם לעצטן מאָל איבערגעדרייט דעם שלאָס פון פאַרראָסטעטן אייזערנעם טירל צום פאַרק און האָט זיך באַדאַכט גע־לאָזן גיין אַראָפּ מיטן ביימערדיקן געסל. ס׳איז געווען אין אַ פאַרנאַכט, סוף אויגוסט. אַ מידער מענטש, אָבער זעט אויס, אַז דער אַלטער גייסט האָט נאָך אַלץ געברענט אין אים מיט אַ נישט־אויסגעלאָשן פייער. ער האָט גייענדיק אַזוי, באַנג באַקלערט, ער האָט עס פשוט פאַר זיך אַליין געוואָלט פאַרשטיין: וואָס, נאָך אַלעמען, האָבן מיר דאָ אויפגעטון? ווו זענען זיי אַהינגעקומען, די קינדער, וואָס מיר האָבן זיי אַזוי אָפּגעציטערט? צי האָבן מיר זיי, פרעגט זיך, כאָטש אויסגעלערנט צו גיין אין אונזערע דרכים? אונטערגעוואַקסן, זענען זיי זיך, ווי די שוואַלבן, פאַנאַנדערגעפלויגן פון דער נעסט; און אַצינד קומט אויס דאָס הויז צו פאַרהאַקן. אַלץ פוסטעוועט. דער פריילעכער קינדערישער געפּלאַפּל איז פון יאָר צו יאָר שטילער געוואָרן, ביז עס איז דעם לעצטן זו־מער איגאַנצן פאַרשטומט געוואָרן. זיי זענען זיך צעקראָכן פון דאַנען, די קינדער, אַוועק אין די הויך־שולן, פאַך־שולן, חתונה געהאַט, טייל אַפילו מיט

נישט־יידן. אַנדערע האָבן שוין אַליין קינדער. די פּאָר יידישע ווערטער, די פּאָר יידישע לידלעך, וואָס מיר האָבן זיי דאָ מיט אַזויפיל מי אויסגעלערנט, האָבן, ווי רויך, אויסגעוועפּט אין זייערע מײַלער, האָבן אַלץ פאַרגעסן.

דעם לעצטן זומער איז נאָך חבר גליקסאָן דאָ אײנער אַליין פאַרבליבן ווײַנען אין אונטערשטן פליגל, געוואָרט ביז ס'איז דאָרט אַלץ ליקווידירט געוואָרן. די שטאָקן, טירן, ווערּאַנדעס זענען געשטאַנען פאַרהאַקט. קיינער האָט דעם גאָרטן, דעם פּאַרק, די בלומען מער נישט אָפּגעהיט. די סטעזשקעס זענען פאַרוואַקסן געוואָרן מיט ווילדגראָז. אין שבתדיקן פאַרנאַכט איז ער אַרויס פאַרן טויערל, איז לאַנג געשטאַנען אין פּוסטן, ביימערדיקן געסל.

און דאָ באַלד, הינטערן פּלויט, בשכנות, האָט, ווי געווײַנלעך, נאָך אַלץ געזשומעט, געערוישט דער ליובאַוויטשער „הויף", מיטן קינדער־הויז, מיט דער ישיבה, מיטן מיידל־סעמינאַר „בית רבקה". זיי זענען ביטערע עקשנים, די בערדיקע יידן — האָט ער ווייט באַקלערט — ווו, פרעגט זיך, שטעקט פּאָרט דער סוד פון זייער אמונה ? אין אַזאַ אומבחמנותדיקער, גאָטלאָזער צייט... אינטערנאַציאָנאַליזם, אַפילו סאָציאַליזם, איז פאַרבליבן אַ שיינע פראַזע. אָבער די ליבע זייערע צום מיט־מענטש איז, זעט אויס, אַן אמתע, אַ טיפע, אַן עטישע, פון אַ הויכער מאָראַל. וואַרף אַוועק דעם אַבסטראַקטן באַגריף גאָט, איז עס פשוטע ליבע צום מיט־מענטש. זיי זענען גרייט צו ברענגען קרבנות פאַר זייער אמונה. און אָט רעשט זיך דאָרט ווידער ביי זיי אין „הויף"; ס'גרייט זיך, הערט ער, אַ חתונה, צי טאָקע צוויי חתונות מיט איין מאָל...

און כאָטש דאָס טויערל בשכנות איז דעם גאַנצן זומער שוין געשטאַנען פאַרהאַקט, האָט זיך סוף וואָך ווידער באַוויזן ס'שוואַרצע בחורל, זשאַק, פון די יונגסטע אין קינדער־הויז. ער איז געקומען צופליען אויפן וועלאָ פון ווי־ווייט, אַ צערויטלטער, פאַרוואָרפנדיק דעם שוואַרצן שויבער אַהינטער. ער האָט דעם וועלאָ געלאָזן שטיין אָנגעשפּאַרט ביים פאַרמאַכטן טויער, דורכגעשפּאַנט דעם טראָטואַרל ביזן ליובאַוויטשער „הויף", זייטיק אַ בליק געטון דורכן שטאַכעטן־טויערל, אומגעדולדיק אַ גיי געטון הין און צריק, ווידער אַרײַנגעבליקט; אַרויסגעצויגן פון אויבערשטן קעשענקעלע, פאַררויכערט אַ סיגאַרעטל, געבלאָזן פון זיך דעם רויך דורך די נאָזלעכער. ער האָט געפילט, אַז ס'קען נישט זיין, זי וועט זיך אַוודאי באַווייזן, רייזל, זי מוז זיך באַוויזן; און פּלוצים האָט ער זי טאָקע דערזען.

— רייזל... — האָט ער זי פון ווייטן אַ רוף געטון — קום נאָר...

ס'בלייכע מיידעלע האָט זיך אַרומגעקוקט מיט פאַרדאַכט, ראַפּטום אַ גיי געטון ביז צו די שטאַכעטן, האָט אין גאַייל צונויפגענומען ס'צעשפּיליעטע קאָפּטל.

— כ'קען נישט... — האָט זי אים צוגעוואָרפן — גיי אַוועק...

— פאַרוואָס, רייזל ?... בין איך דען נישט קיין ייד ?...

ס׳איז שוין, איידער וואָס, געווען פינצטערלעך צווישן דיביימער־אַלייען; און ער האָט מיט האַרצווייטיק געזען צוריק אַוועקפלאַטערן דעם העלן פלעק פון איר זומער־קליידל, דערווייטערן זיך, ביז זי איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן צווישן די ליכטיקע ווערענדעס. ס׳איז אים אַזוי שטאַרק באַנג געווען. און אפשר — האָט זיך אים גאָר אויסגעוויזן — איז עס נישט מער ווי אַ פאַר־בלענדעניש, אַן אויסדוכטעניש ? אַזוי צעטומלט איז ער געווען, ס׳יינגל.

די קינדער האָבן זיך דאָ אָנהייב זומער עטלעכע מאָל געהאַט באַגעגנט אין ביימערדיקן געסל; אַ רעד געטון, אַ פלאַפל געטון, אַ לאַך געטון. ער האָט זי איינמאָל אַפילו געוואָלט אַ נעם געבן ביי אַ האַנט, נאָר ס׳מיידעלע האָט ראַפּטום אויפגעציטערט, זיך שאַרף אָפּגעקערט, איז באַלד אַנטלאָפן. ס׳האָט די קינדער אָפּגעטיילט נישט מער ווי אַ הויכע מויער, אָבער ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן — נישט בלויז אַ ציגלנע מויער, נאָר אַ מויער פון אי־דייען, גלויבונגען, פאַראורטיילן, וועלט־ און מענטש־דערקענטעניש, האָט זיי אָפּגעטיילט. אָבער וואָס ווייס דערפון ס׳יונגע בלוט ? דאָס יינגל האָט עס צו־ערשט אינגאַנצן נישט געקענט פאַרשטיין; טאַקע, פאַרוואָס זאָל רייזל נישט אַמאָל אַרויסגיין מיט אים אין אַ סינעמאַ, גיין טאַנצן ? ער האָט אַפילו גע־פּרווט צו רעדן מיט איר אַ פּאָר יידישע ווערטער, אַבי זי זאָל נישט אַנטלויפן, כאָטש די צונג האָט זיך אים שווער איבערגעדרייט. עטלעכע מאָל אַזוי איז זי פונדעסטוועגן אַרויסגעקומען פאַרן טויערל, שטיין געבליבן מיט אים אַ פּאָר מינוט; געגראָבן מיטן שיכל אין זאַמד, בלאָס געשמייכלט און נישט באַלד געוווסט ווי אַזוי עס אים געבן צו פאַרשטיין. אָ, זי האָט געוווסט, ס׳דינע מיי־דעלע מיט די בלאָנדע צעפּ, מיט די לענגלעכע גרינע מאַנדל־אויגן, זי האָט געוווסט אַ סך מער פון אים, פאַרוואָס זיי טאָרן זיך מער נישט באַגעגענען. זי האָט געלערנט אין מיידל־סעמינאַר „בית רבקה״, איז שוין געווען אויפן לעצטן קורס. דערנאָך איז זי פאַרשוואונדן, זיך מער אינגאַנצן נישט געוויזן.

ס׳יינגל האָט געפיבערט, ס׳האָט אים נישט געלאָזן רוען, איז יעדע וואָך כמעט געקומען צופליען מיטן וועלאָ, לאַנג און אומגעדולדיק געוואַרט, נאָר זי האָט זיך מער נישט באַוויזן. ער האָט זיך אָבער נישט געריכט אַנצוטרעפן פלוצים דעם דירעקטאָר גליקסאָן, ווי ער שפּאַצירט פאַרנאַכט אין ביימער־דיקן געסל. ס׳יינגל האָט זיך פאַררויטלט, שטיין געבליבן מיט אַ געזונקענעם קאָפּ. דער מיטליאָריקער מאַן מיט די פאַרגרויטע שלייפן, מיטן קלוגן בליק פון אונטער די דיקע ברילן, האָט באותה הרגע שוין אַלץ פאַרשטאַנען. ר׳האָט אַרויפגעלייגט אַ וואַרעמע האַנט אויף זיין אַקסל. דאָס יינגל איז צוגעפאַלן צו אים און ער האָט דערפילט, ווי טרערן ברעכן זיך אין זיין קול.

— ניין, זשאַק, זי וועט מער נישט אַרויסקומען... — האָט אים דער מיטליאָריקער מאַן רואיק פאַרזיכערט — פאַרשטייסט נישט... זיי זענען עפּעס אַנדערש...

— טאָ ווער זענען מיר ?... — איז געווען ביטערער פאַרדראָס אין גע־בראָכענעם קול פון יינגל — מיר זענען קיין יידן נישט ?...

גיי גיב עס צו פאַרשטיין דאָס נאַיווע יינגל; און ס'האָט אים אַליין אויך ווי געטון פאַרן יינגל. עפּעס ענלעכס איז זיך אַמאָל געהאַט פאַרלאָפן אין זיין אייגענער יוגנט. ער האָט אַליין אויך באַנג באַקלערט, אַז זי וועט מער נישט אַרויסקומען, ס'מיידעלע. ער האָט זיי געקענט, די ליובאַוויטשער; אין זייערע אויגן ברענט עפּעס אַ ווילד פייער, ווי זיי וואָלטן געטראָגן אין זיך פאַרהוילע־נע וועלטן.

דער „הויף", די ישיבה, דער מיידל־סעמינאַר „בית רבקה", האָט מיט שיינע עטלעכע יאָר צוריק פאַרנומען דעם אָפּגעשלאָסענעם פּאַרק פון גע־וועזענעם מאַנאַסטיר. די אויפגעפלאַמטע טיי־רויזן, די כריזאַנטעמעס, די קלומבעס רעזעדאַ, האָבן אין זעלבן זומער פאַרוועלקט. די קריכנדיקע פלאַנצן איבער די וועראַנדעס האָבן ביסלעכווייז איינגעטריקנט. די פרוכטן־ביימער האָבן אָפּגעדאַרט. מ'האָט זיך דאָרט מער נישט אומגעקוקט אויף די אַלע נאַ־רישקייטן. דערפאַר אָבער איז דער זיסער ניגון, דער קול התורה, געפלאָסן, געקוועלט דורך די ברייט־צעעפנטע פענצטער, צווישן דער עדה יידן, אַנטרו־נענע פון רוסלאַנד, אין הויף מיט די הויכע, געמויערטע פלויטן, שטרענג אָפּ־געשלאָסן פון דער אַרומיקער גויאישער וועלט.

און צוריקגערעדט — וואָס האָבן מיר זיי דען געגעבן, אונזערע קינדער, זיי זאָלן עס יאָ פאַרשטיין ? יענע דאָרט — האָבן אַ גאָט, אַ פעלדזן־שטאַרקן גלויבן אין אַ העכערער מאָראַל, דערפאַר זענען זיי בכוח דורכצוברעכן ווענט אַפילו. און מיר — מיר פאַרנעמען זיך נאָך אַלץ מיט שטאַרקע ווערטער, פראַזן, וואָס די צייט אַליין האָט זיי פאַרלייקנט, כמעט אָפּגעפרעגט. מ'דאַרף, זעט אויס, האָבן גרויסע, שטאַרקע אמונה, עקשנות.

און שטייענדיק מיטן פלאָטערנדיקן יינגל אין פאַרנאַכט, זענען דעם מיטליאָריקן מאַן מיט איין מאָל קלאָר געוואָרן אַלע זיינע ווייטע נאָכטראַכ־טענישן. ס'איז אפשר אַ רחמנות — האָט ער זיך געזאָגט — זיי האָבן זיך אַוודאַי ליב, די קינדער; און אָט שטייט אַ הויכע וואַנט צווישן זיי. ווער, פרעגט זיך, האָט אַוועקגעשטעלט די וואַנט ? ווער האָט רעכט אַריינצומישן זיך צווישן יונגע קינדער, וואָס האָבן זיך ליב ?

.2

ווייל מ'האָט אין זעלבן סוף־זומער געגומען ס'מיידעלע, רייזל בת גבריאל, דין ווי אַ בעריאָזע־ביימל, מיט ליכטיק־בלאָנדע צעפּ, מיט לענגלעכע, גרינע מאַנדל־אויגאַנעס, און מ'האָט איר אָפּגעגאָלט דעם קאָפּ ביז צו דער הויט, מיט אַ זעראָ־מאַשינקע. אין אָפּגעזונדערטן ווייבערישן „הויף" איז מען דאָרט דעם גאַנצן ערב שבת געווען פאַרפלאַמט, פאַרפאַרעט. ס'איז טאַקע געווען אַ סך וואָס צו טון. מ'האָט דער כלה צוגעפּאַסט אַן עלעגאַנט פאַרוקל, אַ סאָרט

מאָדערן־פּאַרקאַמט שייטל מיט בלאָנדע, טויטלעכע האָר, אַז ס׳וואָלט אויפן ערשטן בליק גאָר קיינעם נישט איינגעפאַלן. מ׳האָט זי געפירט אין שטאָט אַריין צו אַ שניידערין, אָנגעצויגן זי אין לאַנגע, טונקעלע קליידער, ביז צו די טריט, פאַרשפיליעט ענג אַרום איר לאַנגן, איידעלן האַלדז. וועגן חתן, וואָס האָט געלערנט אין דער צווייטער כיתה, האָט מען געשמועסט אַז ער האָט אַ פּייערדיקן קאָפּ. ער האָט שוין געהאַט היתר הוראה. אַ בלייכער יונגערמאַן מיט אַ פּעך־שוואַרץ בערדל און הייסע אויגן. רייזל האָט אים די גאַנצע צייט פאַר די אויגן נישט געזען, נישט געהערט דאָס קול זיינס, בלויז פון ווייטן, דורכן אָפענעם פענצטער פון דער ישיבה, האָט זיך זיין קול אויסגעמישט מיט אַלע זיסע קולות ביים לערנען. זי האָט שוין גאָרנישט מער גערעדט, האָט שטום און פאַרשלאָסן, אַלץ געלאָזן טון מיט זיך.

ס׳איז געווען אין הייליקן טאָג פון טבילה־גיין, ערב דעם פייערלעכן חתונה־מאָלצייט, וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן שבת־צונאַכטס, שבת־נחמו. באַלד פון פרייטיק אין דער פרי אָן האָט עס שוין פון דער קיך אין ווייבערישן הויף פאַרשמעקט מיט די געקאָכטע פאַנען פיש, טעפּ פלייש און עופות, פון מייערן־צימעס, באַווירצט מיט צימערינג און נעגעלעך; בלעכן עפּל־קוכנס, פלאָדנס, האָניג־לעקעך. ס׳זענען דאָרט אויפגעגאַנגען די געשמאַקע ריחות פון דער גאָלדענער יויך, וואָס חתן־כלה וועלן עסן צוזאַמען פון איין טעלער באַלד נאָך דער חופּה.

איבערן הויף איז געשטאַנען אַ פרי־האַרבסטיקע, מחיהדיקע זון. פאַר־שפּעטיקטע פליגעלעך האָבן געזשומעט און געביסן. אויף די ווערענדעס, באַ־לייגט מיט אַלט און יונג, האָט זיך פון באַלד אין דער פרי גע׳רעשט. מ׳איז געלאָפן אַריין און אַרויס. די כלה איז געווען אַרומגערינגלט אין איר חדר־מיוחד פון די ווייבער אין די שווערע, צעפּאַרענע שייטלעך, ביז די אויגן, מיט מאַטע פּנימער, ווי ביי ציגיינערינס. ס׳מיידעלע רייזל איז געווען בלייך, האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. זי האָט דעם גאַנצן טאָג געפאַסט. מ׳האָט זי צוריקגעפירט פון דער מקווה, אַ האַלב־פאַרחלשטע. זי האָט נאָר בלאָס גע־שמייכלט, געלאָזן אַלץ טון מיט זיך.

זי האָט דאָ דעם זעלבן זומער געהאַט פאַרענדיקט דעם מיידל־סעמינאַר „בית רבקה״. אַצינד איז געלעגן אויף איר אַ שליחות, אַ הייליקער עול, צו גיין לערנען מיט יידישע קינדער יידישקייט, דאָרט, וווּ מ׳וועט זי שיקן. זי איז, נעבעך, געווען אַ יתומה אויך, די כלה. דער טאַטע אירער, ר׳ גבריאל שוחט, איז שוין אַ שיינע פּאָר יאָר געווען אַן אלמן. די מאַמע איז איר יונג אָפּגעשטאָרבן אין שווערן קימפּעט, נישט־דאָ־געדאַכט, ווען זי איז געקומען אויף דער וועלט. אַ קרענקלעכע יידענע געווען, איז געשטאָרבן אונטערוועגנס. לאַנגע חדשים האָבן זיי פריער געוואַלגערט זיך אין די אָנגעפּראָפּטע עשאַ־לאָנען, די עדה יידן, מיט די אָרעמע קלומיקלעך, געצויגן פון אַלע עקן רוס־לאַנד, פון ווייטן אַלמאַ־אַטאַ, וואָס אין אוזבעקיסטאַן, פון באַטום, וואָס אין

גרוזיע, דורך כאַרקאָוו, קיעוו, ביז לעמבערג, וואָס אין דער אוקראַינע. ס'האָט געהייסן, אַז זיי זענען פּוילישע בירגער, רעפּאַטריאַנטן. ווייל אין דער נאָך־מלחמה־בהלה, ווען יידן האָבן פון די עוואַקואַציע־פּונקטן געצויגן צוריק אַהיים, האָט מען פאַר אַ ביסל געלט געקענט איינשאַפן זיך נישט־כשרע פּאַפּירלעך; אַנדערע, ווידער, האָבן זיך „צוגעשריבן" צו פּוילישע יידן, אָדער פּשוט געגנבעט די גרענעצן, אַריבערגעכאַפּט זיך קיין רומעניע, קיין אונגאַרן, קיין פּוילן, כדי פון דאָרט צו ציען ווייטער. נישט ווייניק האָט מען טאַקע געכאַפּט, פאַרשיקט זיי אויף לאַנגע יאָרן קיין סיביר.

זי איז שוין געווען אין די הויכע חדשים, די יידענע. ס'מיידעלע, רייזל, האָט זי געבוירן שוין אין קראָקע, אויף דער פּוילישער זייט; און דאָרט טאַקע האָט זי אויסגעהויכט די כשרע נשמה, אין שווערן קימפּעט. מ'האָט זי געבערענגט צו קבר־ישראל, און די עדה אַנטרונענע געזינדלעך האָט געצויגן ווייטער, איבער גרענעצן. מ'האָט זיך שטיל איבערגעגעבן, אַז עפּעס אַן אַמעריקאַנער פרוי, געשיקט פון ליובאַוויטשער וועלט־צענטער, האָט זיך דאָרט איינמאָל באַוויזן, האָט זיי אין געהיים באַזאָרגט מיט פּאַספּאָרטן, מיט אַ ביסל געלט און איז באַלד דערנאָך נעלם געוואָרן. אין די נעכט האָבן זיי געצויגן איבער דער גרענעץ. ס'מיידעלע האָט זיך געהאָדעוועט צווישן די ווייבער, מומעס, קרובהטעס. אַז זי איז אונטערגעוואַקסן, האָט מען זי געלערנט מאַכן אַ ברכה איבער אַ פּרי, איבער אַ שטיקל ברויט, זאָגן מודה־אני, שאו ידיכם, קריאת שמע. דער פאָטער פון קינד, אַן אומעטיק־פאַרטראָגענער ייד, אַ שוחט, איז אַרומגעגאַנגען פאַרמוחט. ער האָט געלעבט אין אַ שטיבל אויפן „פּלעצל", אין פּאַריז. חיונה האָט ער ווי נישט איז געצויגן, אַ ביסל פון שחיטה, אַ ביסל פון מלמדות. מ'האָט אים פאַר דער צייט נישט איין מאָל נאָראַיעט אַ שידוך, אָבער ער האָט אַ מאַך געטון — „עט"... אָפּגעדרייט זיך, נישט געוואָלט גאָר הערן, ביז וואַנען ער וועט דער טאָכטער, רייזעלען, די אומגליקלעכע יתומה, נישט פירן צו דער חופּה.

ער האָט זיך פאַרעקשנט, נאָר ס'האָט אים גאָרנישט געהאָלפן. זעט אויס, אַז אַ גרויס עצבות האָט אים געפרעסן, דעם ייד. ער האָט זיך אָבער געלאָזן איבעררעדן, האָט צום יאָר חתונה געהאַט, ווייל אַ ייד טאָר נישט בלייבן אָן אַ ווייב. נאָר פון דער צווייטער האָט ער קיין גרויס נחת נישט געהאַט. זי איז געווען אַ בוגרת, אַן ארורה, האָט אים פאַרביטערט ס'לעבן, האָט גאַנצע טעג געשאָלטן מיט טויטע קללות, אים, ס'קינד. האָט ער גענומען זי אָפּגעג'גט און — פּטור.

און אָט האָט ער זיך דערוואָרט, דער פאַרטראָגענער, עצבותדיקער ייד. אין ליובאַוויטשער „הויף" איז געווען אַ פרייד, אַ גדולה, אין לשער. אין זעלבן טאָג זענען אָבער געשטעלט געוואָרן צוויי חופּות, סיי פון דער טאָכטער, סיי פון אים אַליין; ווייל ר' גבריאל שוחט האָט זיך, לויטן רבינס רעקאָמענדאַציעס אין אַמעריקע, ווידער אַמאָל משדך געווען מיט אַ ווייבל, אַ יונגע אלמנה,

אַראָפּגענומען זי אַזש פון ברוקלין. דאָס אַמעריקאַנער ווייבל האָט זיך דאָ שוין אַרומגעפּאָרעט, נישט ווי אַ כלה, נאָר ווי אַן אמתע מחותנתטע. זי איז צוזאַמען מיט דער שטיף־טאָכטער, מיט רייזלען, דעם זעלבן טאָג געפירט געוואָרן פון דער מחנה ווייבער אין מקווה, צו טבילה.

ערשט מיט אַ פּאָר טעג פריער איז זי געקומען אָצופאָרן אַהער, אין אַן אייגענעם וואָגן, אַ „סימקאָ", וואָס זי האָט אַליין געקירעוועט. אונטערן זיי־דענעם טיכל האָט זי געטראָגן אַ רויטלעך שייטל מיט אַ סך לעקעלעך. גרויסע אויערינגען האָבן זיך געבאַמבלט אין אירע אויערן. זי איז באַלייגט געווען מיט שנירלעך פּערל, שפּילקעס, רינגלעך, בלישטשענדיקע בראַשן, דוכט זיך, אַז גיכער פאַלשע, ווי ריכטיקע. אירע ציין אין שמאָלן מיילכל זענען געווען צו וויס, צו שטרענג־געאָרדנט, זיי זאָלן זיין אמתע.

שבת צו שלש־סעודות, האָט די יונגע לערערין, די מדריכה רייזל, אין ווייבערישן הויף, ביי די לאַנגע טישן, פול באַשטעלט מיט כיבוד, פול אַרומ־געזעצט, געבערענגט אַ פּירוש איבער אַ פּסוק פון תהילים; צוערשט פּירוש המילות, דערנאָך — דעם טיפערן מיין דערפון, ס'הייסט, וואָס דוד המלך האָט אַריינגעלייגט דערין. אַזוי ווי ס'איז געווען חודש אָב, ערב די פּאַרכטיקע טעג, וואָס האָבן זיך באַלד אָנגערוקט, האָט זי פּאַרן ווייבערישן עולם פּאַרטייטשט, וואָס מען מיינט אין תוך אַריין — תשובה, תפילה וצדקה — אין א מחיהדיקן יידיש.

— תשובה... — האָט זי אַ ביסל פּאַרגלייזט די שיינע אויגאַפּעס, גע־רעדט מיט אַ ניגון — ביי די גויים, להבדיל, הייסט עס „קאָנפעסיאָן"... זיי קומען צום כומר זיך מתוודה זיין, כדי דערנאָך ווייטער צו זינדיקן און פּטור... אָבער ביי אונז חוזר־בתשובה זיין, הייסט — טאַקע מיטן גאַנצן האַרצן. תשובה נעמט זיך פון וואָרט : תשוב, ס'הייסט, אומקערן זיך, ווי א פאַרשולדיקט קינד קערט זיך אום אין שויס פון אויבערשטן... צדקה, ווידער, מיינט — צדק... ס'הייסט, מען טוט גערעכטיקייט. איך האָב צופּיל, דו האָסט אינגאַנצן גאָר־נישט, גיב איך דיר אָפּ אַ טייל דערפון, וואָס דיר קומט, על פּי יושר. ס'איז נישט, חלילה, קיין געפעליקייט, קיין נדבה, ווי ביי די גויים...

— גאָלדענע ווערטער, אויף מיין וואָרט... — האָבן זיך די ווײַבער גע־שושקעט, אָפּגעזיפּצט פרומלעך — זי איז, קיין עין־הרע, מלא חן, די כלה...

אַרום זענען געזעסן און צוגעהערט זיך די מאַמעס מיט די זויג־קינדער אין די שויסן. מיידעלעך און ייִנגעלעך זענען אַרומגעלאָפן איבערן הויף, צווישן די טישן. די אונטערגעוואַקסענע קינדער האָבן זיך פאַרגאַפּט צו־געהערט. אַ קליין, ראָז ייִנגעלע, מיט אַ קאַפּעלע און בלאָנדע פּיאותלעך, האָט קוים דערלאַנגט צום טיש, געשטרעקט דאָס הענטל אין דער הויך און גע־שריגן :

— כ'וויל אַ פּרי !

— וואָס לערנסטו שוין, ייִנגעלע ? — האָט עמיץ פון דער זייט אַ פרעג געטון ס׳קינד.

— כ׳לערן חומש מיט רש״י.

— און איך לערן שוין דעם „תניה״... — האָט ס׳אַנדערע, מיט אַ קאָפּ העכער, די שוואַרצע פּיאות איבער די פּאַרפּלאָמטע בעקלעך, זיך באַרימט.

— וועלכן „תניה״ ?... — האָט יענער זיך געמאַכט, אַז ער פאַרשטייט גאָרנישט.

— אוי, ער ווייסט נישט... דעם „תניה״ פון ר׳ שניאור זלמן מ׳ליאַדי...

איידער וואָס־ווען, האָט מען זיך גענומען גרייטן צו די צוויי חופּות. מ׳האָט נאָר געוואַרט אויפן ערשטן שטערן אין הימל, צו מאַכן הבדלה.

באַלד ווי די נאַכט איז צוגעפאַלן, איז דער הויף שוין געווען אילומינירט מיט לעמפּעלעך, געצויגן פון די וועראַנדעס, צווישן די ביימער און פּלויטן. פון אַלע זייטן האָט געשטראָמט עולם, פאַרפולט די אַלייען, צעזעצט זיך אַרום די טישן. מסדר קידושין געווען ביידע פּאָר־פּעלקער האָט דער ראש ישיבה, אַ ייִד אַ גרייז, מיט מעכטיקע ווייסע ברעמען. הונדערטער הבדלה־ליכט האָבן אָפּגעגאָסן דעם הויף מיט אַ צו־רוישיק קאַרנאַוואַל־ליכט. מ׳האָט פון אַלע זייטן זיך געווונטשן — „מזל־טוב... אם ירצה השם, ביי אייערע קינדער״... מ׳האָט זיך אַלץ געשטופּט און געשטויסן אַרום געזעמל יידן אונטער דער חופּה פון יונגן פּאָרפּאָלק — מאַמעס מיט זויג־קינדער, פּיצלעך, אונטערגעוואַקסענע, נאָר וואָס חתונה געהאַטע. זיי האָבן געוואָלט שטיין וואָס נענטער, זען ווי דער בלייכער יונגערמאַן מיטן שוואַרצן בערדל, טוט אָן אויף רייזלס פינגער מיט ציטערנדיקע הענט, דאָס קידושין־רינגל און זאָגט : הרי את מקודשת לי...

און פּלוצים איז ס׳מיידעלע אונטערן כלה־שלייער זיך פאַרגאַנגען אין אַ לאַנג, דין, קינדיש געוויין; און קיינער האָט נישט געוווסט, צי דאָס וויינט זי אַזוי, וואָס די מאַמע אירע האָט, נעבעך, נישט דערלעבט זי צו פירן אונטער דער חופּה, צי... כ׳ווייס וואָס ?...

1966

די רויטע מויד, שושנה

אין קיבוץ, אַרט ביים עזה־פּאַס, האָב איך זיך פאַרבלאָנדזשעט צווישן די פאַרשטויבטע ציפּרעסן, אין דער אַלייע, וואָס פירט צו דער שטיין־קאַריער־רע פון אויפגעריסענעם ראָזן און גרינלעכן באַזאַלט. די שטיין־אָדערן האָבן זיך געשלענגלט אין דער קרום, אין גלייכע און געוועלבטע ליניעס, שיכט אויף שיכט. אַ געניטע האַנט האָט זיי אין די פּאָר יאָר, זינט ס'איז אויסגעוואַקסן דער ישוב אין ווילדן מדבר, ארומגעשניטן, ארומגעטעסעט; סאָלידער בוי־מאַטעריאַל פאַרן נגב־קלימאַט, פאַרן וויס־שטיינערדיקן ירושלים: מאַסיוו, אָריענטאַליש־וויס, מיט פלאַכע דעכער, געשניטן אין סימעטרישע קאַסטנס. בייטאָג שיצן זיי פון דער שווערער חמימה, ביינאַכט — פון דער שאַרפער פרישקייט. צום קליינעם קיבוץ־בית־עלמין האָט געפירט אַן אויסגעטרעטענע סטעזשקע, באַרג־אַרוף.

— מאָדנע — האָב איך זיך לסוף געכאַפּט — עפּעס שטאַרבט מען דאָ ביי איך אַזוי פשוט, ווי דער טאָג, וואָס פאַרגייט, אָן געוויינען, אָן טרערן, ווי אַ זון־אונטערגאַנג...

דער עלטערער חבר ביי מיין זייט האָט אַלץ געשוויגן, קנייטשנדיק פוי־עריש דעם קאַלך־פאַרשפּריצטן „טעמבעל" אין דער האַנט; ווייל אָט איז פאַרן יינגערן קצין פון דער טאַנק־אָפּטיילונג, דעם פריילעכן יונג אמנון, מיטן לאָק אין די אויגן, אין שפּעטן נאָך מיטאָג, אויסגעפאַלן עפּעס אַ צו־שטילע לוויה. די שוויגנדיקע לייט פון קיבוץ האָבן אין מיטן טאָג געוואָרפן די אַרבעט, פאַרזאַמלט זיך ביים חדר־האוכל, מיט שווער־אַראָפּגעלאָזענע הענט, שטום באַגלייט דעם אָרון ביזן בערגל, צום קליינעם בית־עלמין, העכער פון דער שטיין־קאַריערע. אין שאָטן פון די עטלעכע פאַרשטויבטע פאַלמעס און ציפּ־רעסן האָבן דאָרט גערוט זייער אייביקע רו די געפאַלענע פון אַלע דריי מל־חמות, ווי אויך די שוואַכע, געעלטערטע לייט פון קיבוץ. מ'האָט פון דער מי־ליטערישער מאַכט באַצייטנס צו וויסן געגעבן, נאָר ווען ס'איז געקומען אָנצו־זאָגן דער נאָענטער משפחה, האָט זיך אַרויסגעשטעלט — נישט קיין גע'גטע פרוי מיט אַ טעכטערל, ערגעץ אין וויטן צפון, אין כפר גלעדי... און דאָ — עפּעס אַ מיידל... אַפילו קיין ווייב נישט; די רויט־האָריקע, אין די בלודזשינס, די „דזשינדזשי" שושנה, פון די פריש־געקומענע, פון די גולי־פוילן, פון

אולפּן. מ׳האָט זי אַרומגעזוכט און ס׳איז אין ערגעץ זי נישט געווען צו גע־פינען.

שוין נאָך דער קבורה, שפּעטלעך, איידער ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט, איז זי אומגעריכט געקומען אָנצוטרייסלען זיך אין האַלב־ליידיקן, פאַרשטויבטן „אגד"־אויטאָבוס פון תל־אָביב. ער פאָרט דאָ פאַרביי איין מאָל אין טאָג. קיי־נער האָט נישט געהאַט קיין האַרץ צו גיין עס אָנזאָגן איר. דער פערדישער עק פון איר רויטן קאָפּ איז געשוועמען איבער די אַלייען. זי האָט עס אָבער באַלד פון דער לופט דערשמעקט, איז אַ לויף געטון מיט אַ שפּיציק געוויין איבערן אָנגעשאָטענעם וועג, וווּ ס׳זענען נאָך געווען די צוויי איינגעשניטענע רעדער־קאַליעס.

ערשט מיט צוויי טעג פריער איז די רויטע מויד אין די בלודזשינס, שושנה, מיט דער קורצער, פאַררויכערטער ביקס אין די פאַרשטייפטע פינ־גער, מיטן בלוי־ווערן אין דרויסן, דורך דער עקאַליפּטוס־אַליי צוריק אַריין חדר־האוכל, פון דער נאַכט־שמירה. די האַלבע לבנה איז געהאָנגען איבערן משק, ווי אויף אַ באַנאַלער דעקאָראַציע. דער הונט „רעמסס" האָט זיך גע־פלאָנטערט ביי די פיס, פאַרדעכטיק געשמעקט צו די טריט, אַרויפגעשטעלט אַ נאַסע לאַפּע אויף אירע קני, געטרייסלט מיט דער פעל. דער באַגינענדיקער טוי האָט אים געהאַט דורכגענעצט. די בילעריי איז אים שטעקן געבליבן אין דער קעל; און זי האָט אים גאָר פּלוצים אַ שטויס געטון פון זיך מיטן שווערן, באַטשוועקעטן שוך. די באַקן פאַרפלאַמט, האָט זי הויך געזופּט פונם הייסן טעפּל טיי, וואָס מ׳האָט איר אַרויסדערלאַנגט דורכן קיך־פענצטערל; האָט זיך אויפ־געשטעלט, אַ ויש געטון די פאַרלאָפענע שויב און דערבליקט, ווי אין די ווייטע שייבלעך ביי אמנונען לייכט זיך. מיט אַ פּאָר טעג פריער האָט ער זיך באַוויזן, דער קצין, אויף אַ קורצן חופש פון זיין מיליטערישער איינהייט, און — קליבט זיך שוין אַוודאי אין אינקובאַטאָר, צו זיינע ווייסע הינדעלעך, אָדער — דער טייוול ווייס אים ווידער וווהין. די באַנדע אַקטיאָרן האָט ער אין אָונט פאַרבעטן צו זיך. מ׳האָט דאָרט געטרונקען ביזן ווייסן טאָג אַריין.

זי איז שוין דאָ פאַרבליבן, ס׳מיידל, און צוליב אים אפשר, צוליב אמנונען. ווייל די איבעריקע, פון די גולי־פּוילן, פון אולפּן, פון דער הכשרה, זענען כמעט אַלע אַוועק; ווער אין מיליטער, ווער אין די אוניווערסיטעטן, ווער אין טכניון. מ׳האָט דאָ געקוקט אויף זיי ציטערדיק, מיט אַ ביסל שטומער פאַר־קלעמטקייט, אויפן יונגוואַרג, די לעצטע פון גירוש־פּוילן. און ס׳דאַרע, אויפגע־שאָסענע מיידלטשינע מיטן געלן שויבער — ווי זי וואָלט געקומען אַהער צו־טוליען זיך — אויף שטענדיק. מ׳האָט גלייך דערפילט אין פאַרבלאָנדזשעטן מיידל דעם ריכטיקן עלעמענט. זי האָט, דוכט זיך, קיינעם מער נישט פאַר־מאָגט, קיינעם נישט געלאָזן אין ערגעץ. ביי די טישן אין חדר־האוכל האָט זי געגעסן אַ סך, מיט גרויסע שלונגען. דורך די פּאָר זומער־חדשים האָט זי זיך אָנגעגאָסן מיט ראָזע, געזונטע פאַרבן און זאַפטן; אַרומגעלאָפן איבערן קיבוץ

אין די איינגעשטייפטע „בלודזשינס", מיטן רויטן שויבער, געמאָלדן זיך צו אַלע שווערע אַרבעטן. ס'האָט אַרויסגעשפּאַרט פון איר — די מאַמע. זי האָט נישט געקאָנט פאַרבייגיין, נישט אַ כאַפּ צו געבן אויפן האַנט און אויסקושן די קינדערלעך אין „גן". ס'קליינוואַרג האָט געקלעפּט צו איר, געמאַכט גע־וואַלדן, ווען זי האָט זיך באַלד דערנאָך, לאַכנדיק, אָפּגעטראָגן צו דער שטאַל, צום געמעלק.

— זי וועט געבוירן געזונטע קינדער... — האָט איינע אַ ווייבל, אַן אַלטע קיבוצניצע, אַ מבינטע (זי האָט שוין אַליין אויפגעהאָדעוועט קינדער און איי־ניקלעך), זי באַטראַכט מיט אַ פאַרקוועטשט אויג, ווי יענע איז געגאַנגען צו די שטעלער און געזונט געוויגט מיט די פולע היפּטן.

און אַן אַנדערע האָט זיך אָנגערופן, גאַנץ ערנסט, מיט אַ יידישלעכן זיפץ :

— נכון... מיר דוכט זיך, אַז ס'האָלט שוין נישט ווייט... מיר וואָלטן טאַ־קע, בחיי, באַדאַרפט צו האָבן אַ ביסל אַן אינטענסיווערע עליה פנימית...

אמנון האָט דאָ איין מאָל, ביים טיש, אין חדר־האוכל, אַ רעד געטון מיטן רויט־האָריקן מיידל פון די פוילישע, אַ לאַך געטון מיט זיינע געזונטע ציינער אונטערן וואָנסעלע, פאַרוואָרפנדיק דעם ברוינעם לאָק אַהינטער. ער איז גע־ווען אין זיין גרינלעכן כאַקי־אוניפאָרם, די קעפּי פאַרשטעקט אין לינקן עפּאָ־לעט. ס'איז שוין געווען עפּעס אַ גאַנצע געטועניש צווישן זיי. ער האָט זי אַרויפגענומען אויפן דזשיפּ און איז אין אָוונט געפלויגן מיט איר קיין באר־שבע, אין טאַנץ־קלוב. נו־נו, די געעלטערטע ווייבער האָבן שוין דאָ געהאַט פון וואָס צו פּליאַטקעווען : „ווידער געפונען וועמען צו פאַרדרייען דעם קאָפּ, דער אמנון"...

ווי נאָר ער האָט זיך אַראָפּגעוויזן אַהער אויף אַ פּאָר טעג חופש, איז געוואָרן פריילעך, טומלדיק אין חדר־האוכל. די גאַנצע יוגנט האָט געקלעפּט צו אים. ער האָט אָרגאַניזירט דעם כאָר, אַראָפּגעבערענגט די אַרטיסטן. ווי ער זאָל זיך נישט האָבן געשוירן, האָבן די פּיאַהלעך ביי אים זיך געשפּיצט, און אויף דער אויבערשטער ליפּ איז ליגן געבליבן, ווי אַ קוילן־שטריך, אַ דין וואָנסעלע. די וותיקים, דער עיקר די ווייבער, האָבן געקוקט אויפן מאָדנעם פּאָרל האַלב־שמייכלענדיק : די ווילפּלטע איז זי שוין ביי אים ? ער האָט דאָ איינמאָל אַפילו געבעטן צוגרייטן אַ פּעקל העמדעלעך, לייבעלעך, קליידעלעך, פאַרן מיידעלע, וואָס ער האָט געלאָזן אין כפר גלעדי, ביי דער „ערשטער".

— אויף וועמענס חשבון פאַרשרייבן ? — האָט געפרעגט די שטרענגע אויפזעערין פון קינדער־קליידער־מאַגאַזין, חברטע צפורה.

— על חשבון... ממזר... — האָט אמנון געשטשירעט די געזונטע ציינער אונטערן וואָנסעלע.

ערשט ווי לאַנג, אַז זיי האָבן זיך געהאַט אַוועקגעטרייסלט אין דזשיפּ מיט דער באַנדע, דורך די ווייטע זאַמדן, פון יענער זייט עזה ? זיי האָבן אָנגעשפּאַרט ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם פישער־קיבוץ פון נח״ל, אין ווילדן מדבר, אויף מערב פון על־אַריש, אויפן וועג קיין קאַנטאַראַ. מינעס, גראַנאַטן... נאָר ווער האָט זיך דאָרט אומגעקוקט ?... זיי זענען געפלויגן אויף די נייע וועגן און שאָסייען, צווישן דער יונגער באַוואַלדונג, לענגאויס דעם ים. ביר־גפגפה האָבן זיי געלאָזן הינטער זיך. די נח״לניקעס האָבן דאָרט די אָפּגעלאָזענע פערמע פאַרוואַנדלט אין אַן אָאַזיס. „זעט, דער מדבר טרעט אָפּ״ — האָט זיי אמנון באַוויזן, ווי ס׳וואָלט געווען זיין אייגענער אויפטו. פריִער זענען דאָ געווען פאַרשטויבטע איילבירט־ביימער, ריצין־קוסטן, קיין פּיצל גרינס, אַצינד, צווישן די באַראַקן — גראָז־טעפּיכער, ביימער־אַלייען. דער ווינטער־טייך פון סיני באַפרוכפּערט דעם ירקות־גאָרטן, די פרוכט־פּלאַנטאַציעס, די עקספּערימענטן־סטאַציע. גוט־געפּלעגטע שוק־אַלייען מיט פרוכט־ביימער. די ווינטער־מעלאָנען צייטיקן דאָ פריִער, ווי אין דער ערבה; פּלאַנטאַציעס מיט פערסיקעס, טרויבן, אפילו אַבוקאַדאָ און מאַנגאָ. אויף די אלטע איילבירט־ביימער האָבן זיי דורכגעפירט טראַנספּלאַנטאַציעס מיט צווייגן פון בעסערע מינים, באַוואַסערט זיי מיט אונטערערדישע פּלאַסטיק־רערלעך. די „אָראַנזשעריע״ גרייט צו ביימלעך צו פאַרפּלאַנצן. די בראַדעוויל־אָזיערע ראָיעט מיט פיש. זיי האָבן דאָ אַראָפּגעבראַכט די שיפלעך און די אויסשטאַטונג, ביים אויסטריקענען די חולה־זומפּן אין ווייטן צפון. ס׳איז געווען פרייַלעך — דער סיום ביים דורכברעכן די דריי „טויערן״ אינם יבשה־פּאַס, וואָס רינגלט אַרום די אָזיערע. צוליב דער באָדן־עראָזיע, די זאַמדן, וואָס דער ים פאַרשלעפּט, דאַרפן אַלע פּאָר יאָר די עפענונגען אויפגעשטאָפּט ווערן. די „דעניס״־פיש גייען אויף די מערק און אין די שטחים. לעבן רעסטאָראַן, לעבן דער בענזין־סטאַציע, פירט אַוועק דער וועג דורך אַ פּאַלמען־אַלייע. דאָ איז פאָרגעקומען — האָט ער זיך באַרימט, אמנון — די פּאַנצער־שלאַכט מיט די מצרים. אין גרינס־גאָרטן, געשיצט מיט הויכע ווענטלעך פון אַגאַוואַ־שטאַנגען, איז דער באַסיין פאַר רעגן־וואַסער. די ביימער שלאָגן וואָרצלען, „צעמענטירן״ דעם באָדן.

אין קליינעם אָאַזיס האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן אַ גאַנצן מעת־לעת. ס׳איז געווען עפּעס אַ גאַנצע געטועניש, און אמנון האָט זיי טאַקע לסוף דערטאַפּט, די, וואָס האָבן אונטערגעלייגט די מינע אויפן שאָסיי. ער האָט „געהאַקט״ אַראַביש, „ווי אַ וואַסער״. ביים טומבאַנק, אין דער אַראַבישער קנייפּע, האָט ער דאָרט עפּעס לאַנג אָנדערציילט, געלאַכט און לסוף אָנגעבאָטן דעם לאַנגן, פאַרסאַדזעטן בעדואינער, דעם שעפּסן־פּאַסטוך, ער זאָל ביי אים אַוועקקויפן אָט די רויטע מויד, אין די בלודזשינס, די „דזשינדזשי״, וואָס שלעפּט זיך אים נאָך...

— שושנה... — האָט ער זי אַ ווײַלע פריִער איינגערוימט און פאַרקוועטשט ס׳לינקע אויג — זאָלסט מאַכן אַ מינע, אַז ביסט מסכים, הערסט ?...

— נכון... — האָט זי זיך געמאַכט נישט וויסנדיק, די מויד, און ווייטער אַרומגעגריזשעט מיט די געזונטע ציינער אַ שטיק ראָזן אַרבוז, אַז דער זאַפט איז איר גערונען איבערן איינגעשטייפטן העמדל, וואָס האָט שיער נישט געפּלאַצט.

— וויפל ?... — האָט געפרעגט דער לאַנגער בעדואינער, און זיך אויפגעשטעלט פון נידעריקן בענקעלע, מיט אַ מעסער־גלאַנץ אין זיין איינציק, בוימלדיק אויג אונטער דער קעפיע, ווייל ס'אַנדערע איז ביי אים געווען פאַרלאָפן מיט אַ בעלמע.

ער האָט געטראָגן גראָבע רינגען אויף זיינע פינגער מיט די קרומע, שוואַרצע נעגל, ווי ביי אַ רויב־פויגל. אמנון האָט באַלד חושד געווען, אַז ער האָט אויך עפּעס צו פאַרקויפן — חאַשיש... ווייל חוץ דעם שאַרפן אַראָמאַט פון די קליינע טעפּעלעך קאַפע, האָט זיך געטראָגן עפּעס אַן אומבאַקאַנטער זיסלעכער ריח איבערן נידעריקן באַראַק, אַז דער קאָפּ האָט זיך אַזש פאַרדרייט... אַהאַ, ער איז געווען כיטרע, אמנון.

פונקט אַזוי פריילעך־צעיאַכמערט, ווי ער האָט זיך פרייטיק, ערב ליכט־צינדן, צוריקגעקערט פון תל־אָביב, מיט דער גאַנצער באַנדע דזשאַז־מוזי־קאַנטן, מיט דער עקזאָטישער זינגערין, דער אַקטריסע. אין חדר־האוכל האָט זיך געגרייט דער קאָנצערט. אַלע מאָל, ווען ער לאָזט זיך אַראָפּ אין שטאָט אַריין מיטן צעטרייסלטן דזשיפּ, דערליידיקן די ענינים אין דער „תנו־בה", אין „בנק לאומי", ווערט ער קודם פאַרפאַלן אויף שיינע עטלעכע שעה, און קומט צומאָרגנס אַ ביסל אַ פאַרשלאָפענער. ווו שפּאַרט ער נישט אַן ? ער שפּאַרט אַן אין קאַפע „נגה", ראָג אלענבי און פינסקער, און וועמען טרעפט ער דאָרט, אויף דער טעראַסע ? נחומין, פון „קמרי", זיין אַמאָליקן חבר פון דער הכשרה הינטער פּרושקאָוו. פון נחומין האָט זיך באַקומען אַן אַקטיאָר, און פון אים — אַ קיבוצניק, אַ קצין. דאָרט האָט ער שוין טאַקע ביי נחומיס טישל, צווישן דער באַנדע, געטראָפן די „ציגיינערין", אַ פאַרבלאָנדזשעטע אַהער פון פאַריזער רוסישן נאַכט־לאָקאַל „ראַספּוטין". אַרויסגעוויזן האָט זיך — אַ יידיש מיידל, דערצו נאָך אַן אָדעסערין. די טעאַטער־אימפּרעסאַר־יאָס, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום, האָבן זי באַלד דערשנאַפּט. קודם איז מען אַוועק „באַגיסן". דער אימפּרעסאַריאָ, „אַ רומענישער גנב", האָט זיי אַלע־מען פאַרבעטן אין זיין אָפּגענוצטן „פאָרד". ער האָט זיך ברייט אַוועקגעזעצט ביים רעדל און געלאָזן הערן זיין באַס־טעמבער :

— וווהין, טאַטעלע, זאָל איך אייך פירן ?

— אין „דליה"... ווייסט שוין... — האָט אַמנון באַפוילן.

העכער, איבער דער טעראַסע פון קאַפע „דליה", אויפן הירקון, ביים ים, האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעצונדן די פייערן פון די פילשטאָקיקע האָטעלן „דן", „הילטאָן". מ'ווייסט גאָרנישט פון וואַנען ס'איז פּלוצים אָנגעפלויגן אַ

משטרה־קעטשל. די פּאַרדעכטיקע מיידלעך אין די שאַלעכלעך, אויפן ראָג, האָבן זיך אין בהלה געטון אַ צעלויף. דער רומענער האָט דאָרט, אין אַ זייטן־געסל, געוווסט אַן אַנדער ערטעלע,ביים איראַקער, ווו מ׳קען אויסטרינקען אַ גלעזל אַראַק, געשמאַק צובייסן מיט חומוס. די האַלב־רונדע, נידעריקע טיר איז אויפן אָריענטאַלישן שטייגער פאַרשטעלט געווען מיט אַ נעץ קרעלן־צעפּ. מ׳האָט זיי פונאַנדערגעשאַרט, און זיי האָבן שוין דאָרט דערזען ברייט צעזעצט ביי אַ טישל דעם אַלטן אַקטיאָר פון אַמאָליקן גאָלדפאַדען־רעפּערטואַר אויפן מוראַנאָוו, מאָטעלע הילסבערג. ער האָט געהאַלטן אין מיטן שיטן זיך פון געלעכטער, דערציילט מיט זיין איבערגעטרוקנטן טעמבער, ווי אַזוי די פאַרברוינטע איראַקער און מאַראָקאַנער יינגלעך האָבן געפּאַטשט בראַוואָ מיט די הענט, ווי מיט ברעטער, געלעקט די פינגער פון זיין „אבשלומען״ אין „חורבן ירושלים״. „אתה מבין את המחזה ביידיש?״ — איז ער געווען טשעקאַווע אַ אַ פרעג צו טון ביי זיי. „למה לא?... אַני מבין בלשון ווּס־ווּס... זה אברהם אָבינו שלנו... בטח״...

און די געעלטערטע אַקטריסע פרידאַ ווייספעדער האָט אים געקלאַפּט אין די ברייטע פּלייצעס:

— מאָטעלע ממזר... כ׳האָב, אויף מיין וואָרט, געלעקט די פינגער פון דיין „אבשלומען״...

מיט אָט דער באַנדע האָט זיך עס אמנון פריליטיק, ערב ליכט־צינדן, אַראָפּגעלאָזן אין קיבוץ אַריין. שושנה האָט געזען, ווי אין זיינע שייבלעך האָט אויפגעלויכטן, אָבער זי איז אויף צו להכעיס נישט אַריין צו אים. זי איז געווען ברוגז. זי איז אַרויס אויף דער טעראַסע. פון ים, דאָרט, ווו עס פינקלען די שורה פייערלעך פון עזה, האָט געצויגן אַ קיל ווינטל. ביי „רעמססן״ אין דער קעל איז שטעקן געבליבן אַ פאַרשטיקטע גרימעניש. ער האָט געקלעפּט צו איר און צו אמנונען. דאָס האָט ער אים, נאָך גאָר אַ ברעקל, צוריקגעברענגט פון סיני. דאָס שוואַרץ־געפּלעקטע הינטל איז געהאַט אַרויסגעשפּרונגען פון אַ צעשאָסענעם מצרישן טאַנק, און וואָיענדיק, געקומען לייקן אים די פיס. ער האָט עס געבראַכט אין קיבוץ אַריין, אַ נאָמען געגעבן עס „רעמסס״.

דורך די טונקעלע אַלייען און סטעזשקעלעך, האָט מען שוין אין דעם פריי־טיק־צונאַכטס באַצייטנס געצויגן צום חדר־האוכל אויפן בערגל. די געדיכט־צעוואַקסענע גראַנאַטן־ביימער האָבן פאַרשטעלט די פייערלעך. אין פאָדער־הויז האָט יעדער צוערשט אַ לייען געטון אויפן טאָוול די צעהאַנגענע אַרבעט־מעלדונגען אויף מאָרגן פרי. ס׳איז איבערן טיפן זאַל געשטאַנען אַ גערעדע־ריי, איידער מ׳האָט אַראָפּגערוימט פון די טישן. דערנאָך איז פלוצים שטיל געוואָרן. אין אויסגעלאָשענעם זאַל האָט אמנון זיך אויפגעשטעלט און געמאָלדן, אַז נאָכן קאָלעקטיוון געזאַנג, וועט זיין דער קאָנצערט. אויף דער הויכער וואַנט האָט דער קינאָ־פּראָזשעקטאָר געוואָרפן דאָס ליכט, געכתיבהטע שורות פון אַ ליד, און דער גאַנצער אויסגעלאָשענער זאַל האָט אַ ברום געטון

די מעלאָדיע. ס׳האָט אַ ביסל דערמאָנט אין אַ רעליגיעז געזאַנג פון אַ פּאַר־באַרגענער סעקטע, אין די היילן. ואולי... כנרת שלי... ירושלים של זהב... מים... מים... ווי מען וואָלט טאַקע דערפילט דעם רעגן, וואָס פאַלט צו צו דער לעכצנדיקער ערד.

שושנה האָט נישט באַמערקט ווי מ׳האָט אמנונען אַ רוף געטון. אַזוי געשעט עס דאָ אַלעמאָל מיט מיליטער־לייט, ווען מען טוט זיי שטיל אַ רוף. ער איז פאַרשוואונדן, אַזוי פלינק און אומגעריכט, ווי ער איז געקומען. די פייערלעך אין זיינע שייבלעך האָבן איר, זעט אויס, גענאַרט.

ס׳איז געווען אויפן דריטן טאָג נאָך זיין פאַרשווינדן, צוזאַמען מיט דער באַנדע אַקטיאָרן, ווי זי האָט זיך אויפגעהויבן און איז געלאָפן אים אויפזוכן. זיינע שייבלעך זענען אין באַגינען געשטאַנען אויסגעלאָשן. אָפּגעוואַרט דעם אויטאָבוס אויפן שמאָלן כביש, צווישן די פּרדסים־וועלדלעך; ער איז דאָ, אין די פאַרוואָרפענע מקומות, פאַרבייגעלאָפן איין מאָל אין טאָג. זי האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט קיין תל־אָביב. ביז זי האָט זיך דערפרעגט צו דער קאַפּע „נגה". אָבער קיינער האָט דאָרט נישט געוווּסט וועגן אמנונען, און זי האָט זיך אומעטיק, פאַרטראָגן צוריקגעטרייסלט צום ווייטן קיבוץ אין נגב...

1971

„כ'האָב זיך יאָרן געוואַלגערט אין דער פרעמד"

.1

אַרום שנת תש"ס (אָדער 2.000, לויטן נוצרישן חשבון), האָט זיך דאָ ערגעצווו אין די נידעריקע געסעלעך על שפת הים, נאָך אַלץ אויפגעהאַלטן, אַ לאַנג פאַרגעסענער, איינער פון די לעצטע — און אפשר טאַקע דער לעצטער — יידישער שרייבער, וואָס געדופן האָט ער זיך יאָסל וויטעס. פון דער יונגערער גענעראַציע, פאַרשטייט זיך, איז ער שוין אויך, קיין עין הרע, געוועזן אַ ייד, אַ טיפער זקן, אַוודאַי אַ ניינציקער, אויב נישט מער. אויפגעהאַלטן האָט ער זיך אין קוואַרטאַל, אַראָפּצו פון שוק הכרמל, הינטער די צעשטערטע וויאַדוקטן, אַרום די פעריפעריעס פון אַלט־תל־אָביב. ס'איז געוועזן אַ מין צונויפגעקלעפּטע סוכה, אַ ווילד איבערבלייבעניש פון די אַמאָליקע אַראַבישע פּרימיטיווע געל־געפאַרבטע מויערלעך, נאָנט צו יפו, אַראָפּצוגיין עטלעכע שטיגן אין דער נידער. פון וואָס דער זקן האָט דערהאַלטן די נשמה ? מסתמא פון אַ ביסל ירקות, אַ גלאָז ציגן־מילך, אַ פאָר טייטלען, וואָס אַ שכנה, פון די לעצט־געקומענע ספרדישע עדות, פון די לעצט־ליקווידירטע גלותן, האָט עס אים אַריינבאַזאָרגט. די ראיה איז ביי אים געווען קאַליע. ס'איז אים, נישט־דאָ־געדאַכט, געהאַט אָנגעוואַקסן אַ קאַטאַראַקט אויפן לינקן אויג. די פיס האָבן אים שוואַך געדינט. ר'איז שוין געווען אַ ביסל טויבלעך אויך; אַז מ'האָט גערעדט צו אים, האָט דער זקן אונטערגעשטעלט דעם פאַרוואַקסענעם אויער־מושל, אויסגעקערט די מוטנע ווייסלעכצן, טיף אונטער די געדיכטע ברעמען־נעסטן. אָבער מאָדנע, דער ניכטערער שכל דערפאַר האָט נאָך ביי אים געאַרבעט שאַרף, שניידיק; אַן אַלט פייער, האָט מען געפילט, ברענט נאָך אין אים. די עיריה האָט געזאָרגט פאַר די אַלטע לייט. קיין ווייב, ווידער, האָט זיך יאָסל וויטעס אין די פריערדיקע יאָרן אויך קיינמאָל נישט געהאַט גענומען; אַז ר'האָט אַ גאַנץ לעבן קוים זיך אַליין קאַרג מפרנס געווען. נו, און קיין קינדער און אייניקלעך — אַוודאַי נישט. אויך קיין קרובים האָט ער, דוכט זיך, מער אין ערגעץ נישט פאַרמאָגט.

מיט אָנגעבלענדטע אויגן איז ער פונדעסטוועגן יעדן טאָג געזעסן, די הויכע פלייצע אָנגעבויגן, די שפּאַקולן אָנגערוקט אויף דער שפּיץ

נאָז, און האָט נאָך אַלץ, מיט אַ ציטערדיקער האַנט דאָרט עוסק געווען אין עפּעס משונהדיקע שרייבעכצן, וועגן אַ לאַנג־פאַרגאַנגען לעבן, אַז ס׳האָט אים אַליין אויסגעזען — יאָרהונדערטער־ווייט, און אין אַ לשון, וואָס קיינער האָט שוין דאָ סיי־ווי מער נישט געדענקט.

ס׳קראַטן־פענצטערל, גאַנץ אויבן, איז געווען כמעט גלייך מיטן טראָטואַר. אין דער נידער, ביזן האָריזאָנט פון ים, זענען נאָך אַלץ, צווישן די וואָלקנקראַצער־קאַסטנס, געלעגן אויסגעשאָטן פלאַכע דעכער, טייל רונדיקע, מיט קופּאָלן, ווי קליינע מעטשעטן. אַ קרומע פּאַלמע מיט אַ פאַרגעלטן בעזעם־קרוין, האָט אַרוסגעשטאַרצט איבער זיי. דער האַלבער האָרן פון דער לבנה האָט אָוונט־צייט געוואָרפן אומהיימלעכע, פאַרקראַטעוועטע קעסטעלעך ליכט אויף דער הינטערשטער וואַנט. דאָרט, אַרויפצו, איז געשטאַנען ס׳בעט, דאָס ביכער־שענקל, אַ טישל מיט אָנגעוואָרפענע כתבים. דער זקן האָט אַלץ טויב פאַרנומען ווי די כוואַליעס אין דער נידער קלאַפּן זיך אָן אין די שטיינערנע שוץ־ווענט ביים ברעג, דער עיקר ווען די שטאַרקע ווינטן הוילן.

די מאַראָקאַנישע און תימנער ווייבער, וואָס האָבן אין הויף צעהאַנגען אַ ביסל וועש אויפן שטריקל, האָבן נאָכגעקוקט פאַרבליפט דעם אַלטן: ער האָט אין די לוילעכע טעג, ווינטער־צייט, געפלעגט צו וואַרעמען זיך אויף דער שוועל. אין זייערע אויגן האָט ער שיער נישט אויסגעקוקט ווי אַ „כאַכאַם״; איינע האָט אַפילו געגעבן אָנצוהערן מיט אַ רמז, אַז ער מוז אוודאי זיין אַ נסתר, און אַז ער קומט־אָפּ פאַר פרעמדע זינד אויף דער וועלט... ווען ס׳איז דערגאַנגען צו זיינע טויבלעכע אויערן, האָט ער געשמייכלט אַ ביטערן שמייכל. ס׳איז אפשר נישט אינגאַנצן קרום — טאַקע פאַר פרעמדע זינד... און ער האָט אַרויפגעקוקט צו די עטלעכע פאַרשטויבטע ביכלעך זיינע אינם שענקל; צוליב וואָס, האָט ער זיך געזאָגט, די מאַטערניש, אַז מ׳פאַרשטייט סיי־ווי נישט מיין לשון ? און ער האָט איינמאָל באַקלערט, אַז ס׳וואָלט אפשר גלייכער געווען די אַלע כתבים, צוזאַמען מיט די ביכלעך, אַריינצווואַרפן אין שמאַלן אייוועלע, וואָס האָט אים געוואַרעמט אין די פייכטע, קאַלטע ווינטער־טעג, איידער זיי וועלן אים דאָ געפינען אַ פאַרשטאַרטן, און — אַ סוף אַן עק ! די הענט האָבן אים אָבער יעדעס מאָל אונטערגעציטערט, ווען ער האָט אַ נעם געטון די פאַר־געלבטע קונטרייסים, באַדעקט מיט זיין ציטערדיקן כתב. אַ שטויב איז אויפ־געגאַנגען, ווען ער האָט זיי אַ מיש געטון; זיי האָבן שוין אויך אָפּגעגעבן מיט שימל. אין קאָפּ האָט זיך אים אַ מיש געטון — וויי־געוואַלד, אַ גאַנץ לעבן געפיילט, געשניצט דאָס אָפּגעציטערטע וואָרט, געקריצט, געהאַמערט, ציזע־לירט, ווי אין מאַרמאָר. נאָר וואָס קומט אַרויס ? ווער וועט עס דען לייענען ? ווער וועט אַריינקוקן דערין ? און ס׳איז אים אַ רגע פאַרגעקומען, ווי ער וואָלט פאַר זיך אַליין צוגעטראַכט עפּעס אַ פויגל־לשון, נאָר פאַר זיך אַליין. אַז ער האָט זיך אָבער גענומען דערמאָנען אין אַן אַנדער לעבן, פון אַן אַנדערן גלגול... ווייל אין די וואָכע נעכט, אויפן דאָרן בעטל, האָבן זיך אים נאָך אַלץ געחלומט — די פולע זאַלן מיט יונגוואַרג... די גאַלעריעס ברעכן זיך... דאָס לויטערע

יידישע וואָרט פון דער בינע אין די שטעטלדיקע פייערלעשער־שאַפּעס... די פלאַמיקע רעדנער, וואָס זענען אַראָפּגעקומען פון די גרויסע שטעט; שוישפּי־לער, וואָס ס׳האָט געקלונגען מיט זיי אַ וועלט... די יונגעלייט מיט די אָפּגע־לייגטע ווייסע קעלנער; די ראָמאַנטיש־פאַרליבטע מיידלעך מיט די צעפּ אַרום שטערן; ווי זיי טראָגן אַוועק מיט יראת הכבוד אַ יידיש בוך אונטערן אָרעם... אָדער — אַ פולער קלאַס מיט קינדערלעך זינגט אין כאָר פּרצ׳עס ליד: „האָף און גלויב, נישט ווייט איז שוין דער פרילינג״... זיי זענען אַוועק אין אַלע קאַמפן, אין אַלע פייערן, אויף קידוש־השם. איז זייער קרבן געווען אַן אומזיסטער? און ס׳האָט אים שוין נישט צורו געלאָזן, כאָטש ער איז שוין לאַנג מיד געווען פון די אַלע רייד און דיסקוסיעס, וואָס פירן געוויינלעך אין ערגעץ נישט. אָט האָט ער אַנומלטן אַליין געזען — ס׳רעדט זיך אַזוי אָפּ: אַנומלטן, ס׳איז שוין אויך שיינע יאָרן דערין — ווי אַ ייד אין טונקעלע ברילן, אַ בלינדער, שטייט מיטן פּנים אויסגעדרייט צו דער וואַנט, אין מיטן גרעסטן טומל אויף רחוב אלנבי, און שפּילט אויס אויפן צעסטראָיעטן פידעלע איציק מאַנגער׳ס פאָלקס־ליד „אויפן וועג שטייט אַ בוים״. ווי אַ בליץ־געדאַנק איז עס אים אַדורך — אַזוי האָט אויך איין געטאָ־וואַרשע אַ טרויעריקער ייד, פאַרן אומקום אין טרעבלינקע, אומגעדרייט צו דער וואַנט, אויסגעשפּילט עפּעס אַ מאַוימדיקן ניגון אויפן פידעלע; און ער האָט זיך באַדאַכט געזאָגט: „אוי, איציק, איציק, אַ שאָד וואָס ביסט אַ שוכן עפר; קום, שטיי אויף און זע ווי ביסט צוזאַמען מיט דיין ליד, אַריין אין פאָלק אַריין. ביסט אויסגעוואַקסן צו אונזער סימבאָל! האָסט זיך „יאָרן געוואָלגערט אין דער פרעמד״ און ביסט לסוף געקומען „וואָלגערן זיך אין דער היים״, צוזאַמען מיט דיין ליד, מיט דיין איינציק העמד אויפן לייב, מיט דער איינזאַמלונג פון אונזערע פאָלקס־אוצרות. האָסט נישט דערלעבט די גרויסע זכיה, צו זען ווי דיין ליד קלינגט אויף די גאַסן פון אַ יידישער שטאָט, געשפּילט דורך אַ יידישן „לירניק״. און אפשר — לא כל אדם זוכה. פאַרוואָס אָבער קומט מיר די זכיה? ווער בין איך און וואָס בין איך? כ׳האָב געזען ווי דאָס יונגוואַרג איז געלאָפן זען און הערן דיינע חומש־ און מגילה־לידער אין טעאַטער, ווי זיי האָבן מיטגעזונגען: „פליט, פייגעלעך, פליט, געטרייע״. טאַקע, ווו דען, כ׳בעט אייך, אויב נישט אין יידישן לאַנד, זאָל געראַטעוועט און אויפגעהיט ווערן אונזער יידיש־ציווי־ליזאַציע, די אמתע, די אויטענטישע, פון דורות יידן?

און ס׳האָט זיך אים מיטאַמאָל געגומען אויסדוכטן, אַז די גאַנצע ירושה פון אַזויפיל שיינע יידישע פּאָעטן, דערציילער, פילאָזאָפן, וויסנשאַפטלער, ליגט אויף זיינע אָרעמע, שוואַכע אַקסלען; אַז ער איז נאָך דערוויילן זייער אַפּוטרופּוס אויף דער וועלט; אַז זיי האָבן אים געלאָזן די מיסיע — נישט פאַר־געסן צו ווערן צווישן כּאָלק. הייסט עס, האָט ער ווייטער געצויגן די מחשבה, די שטילע דעקרעטן, די נישט־געשריבענע געזעצן, צו פאַרשטומען, צו איג־נאָרירן, נישט צו לאָזן דערהערן דאָס יידישע וואָרט, פירן סיי ווי צו גאָר־נישט. דאָס לעבן אַליין האָט זיך, זעט אויס, זיין אייגענע אינערלעכע לאָגיק,

זיין דרך, פאַרהוילן פאַרן נאַקעטן אויג פון קלוגיטשקע פּאָליטיקאַנער, פּאַר־ביסענע קנאים, אַפילו פון וויטזיכטיקע אַקאַדעמיקער און ענציקלאָפּעדיסטן. זיי וויסן נישט, די נאַראָנים, אַז אָט דער געזונטער פאָלקס־אינסטינקט האָט אונדז אפשר אויפגעהאַלטן אין דער לאַנגער געשיכטלעכער נאַכט אונזערער. אָט האָט הזה, למשל, נאָך אין יענע יאָרן „פאַרברענט דעם גלות", צוזאַמען מיט אונזער ציוויליזאַציע... די אַלטע, ביטערע קנאים! ס'איז אפשר אויך, אַז מ'וויל, געווען צו פאַרשטיין — אַ קליין לאַנד, אַ באַגרענעצטער אָפּנעמער; כ'וויס, מסתמא אַביסל קנאת סופרים אויך. דאָס פאַלט זיך אָבער מאָדנע צונויף מיטן אַלטן זעלבסט־האַס אונזערן, ביי די פּלוטאָקראַטן און סנאָבן, וואָס קומען אַרויס פון אונזער אייגענעם דיך, אַלעמאָל געניגט צו אַסימי־לאַציע. אין אַלע גלותן האָבן מיר זיי פאַרמאָגט. און אָט האָבן זיי שיין דער־פירט! ביאַליק רעדט אין זיינע כּתבים וועגן כינוס, די צונויפזאַמלונג, דעם צמצום, דעם אָפּשלוס פון יידישע ווערטן, דעם סיום פון אַן עפּאָכע. זייער שיין. ווער באַלד אָבער נישט פאַרמאַכן דאָס לעבעדיקע, שעפערישע מויל פון פאָלק, די טראַנספאָרמאַציע, דעם נאַטירלעכן סינטעז.

נישט קיין נאַרישער ייד געווען, דער יאָסל וויטעס, און ער האָט זיי דאָרט איינמאָל אַזוי אַ זאָג געטון, צו די אַלע קנאים:

ס'איז אמת, די מדינה האָט גרעסערע זאָרגן, די גרעסטע זאָרג — דעם קיום האומה, מ'זאָל אונדז דאָ לאָזן לעבן אונטער אַן אייגן שטיקל הימל. אָבער דער קולטור־קאַמף, מיינע פריינט, איז אומפאַרמיידלעך! און נישט בלויז מיט די פאַרביסענע הלכה־יידן. כ'רעד שוין נישט פונם קלאַסן־קאַמף. אַז מ'האָט באַנומען דאָס גרויסע אומליק, וואָס איז געשען צום אשכנזישן יידנטום אין אייראָפּע, און אַז מ'באַטראַכט זיך פאַרן יורש זייערן — קומט דאָך אונדז אַוודאַי אויך עפּעס פון דער ירושה צו אַרבן. האָבן מיר דאָך על כל פנים אויך אריינ־געלייגט אונזער אייגנס אין פאָלקס־אויפקום. ציוניזם איז מיט דער צייט גע־וואָרן אַ ברייטער באַגריף, פיל ברייטער אַפילו ווי די ראשונים האָבן אַריינ־געלייגט אין אים. ס'איז פשוט — די אידענטיטעט פון אַ ל ע יידן. ווייל יעדע באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס האָט זיך געהאַט איר „ציוניזם", און קיינער האָט דאָ קלוג נישט געקענט זיין. קיין שום מאַנאָפּאָלן קענען דעריבער נישט גילטן. מיר האָבן שוין גענוג געהאַט פון די אַלע מאָנאָפּאָליסטן. ישראל איז אין אונזער דור די זאַך פון אַ ל ע יידן, צי זיי ווילן, אָדער זיי ווילן נישט.

.2

געלעבט האָט ער טאַקע אַרום די פּעריפעריעס פון אַלט־תל־אָביב, אָבער די נייע שטאָט אַרויפצו איז אין די לעצטע יאָרן — נאָך די אַלע וויסטע מל־חמות פון גוג ומגוג — פאַנאַנדערגעוואַקסן זיך אין דער לענג און אין דער

בריית. ביים גרייז אָבער האָט זיך אַלץ פאַרפלאָנטערט. ביי אים איז רעכט גע־ווען, אַז די אַראַבישע שכנים ווילן אונז נאָך אַלץ פאַרלענדן, מיר זענען אָבער געשטאַרקט, אין טיפן בטחון, אַז מ'וועט זיי, אם ירצה השם, מנצח זיין; ווייל ווער האָט דען אין יענע צייטן געגלויבט, אַז ס'וועט אַמאָל קומען אַ שלום אויף דער וועלט ? איז ער דאָך אַליין, אַ פאַרגעסענער, על פּי נס לעבן געבליבן, ווען אַלע זענען געלעגן פאַרשטעקט אין די אונטערערדישע בונקערס; ווען די כלי־משחית, די ראַקעטן פון שונא, זענען געפלויגן איבערן קאָפּ.

אין די ווינטער־חדשים, ווען די שפּע'דיקע רעגנס פאַלן האַסטיק אַראָפּ, איז ער זעלטן אַרויס פאַר דער שוועל, נישט געהערט קיין ראַדיאָ, נישט געזען קיין טעלעוויזיע, נישט געלייענט מער קיין צייטונגען אַפילו. ער האָט גאָר אויף אַזויפיל נישט געוווסט, ווי די שטאָט, וואָס ער האָט זי נאָך געדענקט פון פריער, איז ווונדערלעך אויפגעוואַקסן אין דער הויך, אין דער בריית, אין דער לענג; האָט איינגעשלונגען דעם ווייט־אַרויסגערוקטן צפון, רמת־גן, רמת־אביב, ביז הרצליה. די מעטראָ, אַראָפּצופאָרן טיף אונטער דער ערד מיט ראָל־שטיגן, האָט געקרייצט די שטאָט אין אַלע ריכטונגען, געפירט יעדן טאָג איבער אַ מיליאָן שטאָט־לייט ביז צו די ווייטסטע מקומות.

דער ים־ברעג, דאָ באַלד דערלעבן, פון יפו ביזן צפון, אַרום הירקון, איז מער נישט געווען צו דערקענען. ווען האָבן זיי עס דאָ אַלץ פאַרבויט ? שיף־ווערפן, אַן אַוויאָנען־לאַנדונג־אַעראָפּאָרט, פאַרוואָרפענע בריקן אויף פעסטע בעטאָן־זיילן ווייט אין ים אַריין; און דאָ, אין דער שכונה, איז נאָך אַלץ פאַר־בליבן, ווי פאַרגעסן, די ענגע שורה געלע, נידעריקע מויערלעך, מיט די פלאַ־כע דעכער, מיט די פאַרזשאַווערטע זון־וואַסער־פעסלעך פון אַלט־תל־אביב. ווי מ'וואָלט זיי דאָ געלאָזן שטיין בלויז פאַר מוזעאַלע צוועקן. פּונקט ווי דער שוק־הכרמל, וואָס האָט דאָ אַרום, אין די געסלעך, נאָך אַלץ געווימלט מיט אַ פאַרפלייצונג פון האַנט־וועגעלעך מיט פּירות און אַלערליי אָפּפאַל־סחורות. אָבער דער מענטש, האָט ער באַטראַכט, איז אין גרונט, געבליבן דער זעל־בער, וואָס פאַראַ נייע טעכנישע ווונדער ס'זאָלן אונז נישט פאַרפלייצן, נאָר דאָס לשון איז ביי זיי עפּעס צעמישט געוואָרן. צו זיינע טויבלעכע אויערן זענען דערגאַנגען די גאָרגלדיקע אַראַבישע געזאַנגען, שלשלתדיקע, האָבן זיך איינ־געגעסן אין זיי אַלעמען. געזיגט האָט די אַרומיקע אַראַבישע פאַרפלייצונג. זיי זיצן דאָ אַרום די עלעגאַנטע קאַפייען, די פיס אונטער זיך, ביי די קליינע טע־פעלעך טערקישע קאַפע, מיט די לאַנגע נאַרגילעס. זיי איילן זיך מער נישט. די טעכניק, די אָרדינאַטאָרן, די עלעקטראָניק, אַרבעטן שוין פאַר זיי.

עפּעס איז יאָ דערגאַנגען צו זיינע טויבלעכע אויערן, אַז די שטעט און ישובים פון גולן, פון נגב, צווישן די אויסגעוואַקסענע פאַלמען־ און צעדער־וועלדער, רוישט, קיין עין הרע, אַ ניי פאָלק אויף די געמאַרקן; אַז באר שבע, אין וויטאַלן דרום־צענטער,האָט זיך אויפגעהויבן מיט אירע טורעמס, פאַבריק־קוימענס און וואָלקנקראַצערס; דער געלעגער פון אַלטן ירדן, פון חומש —

אויסגעברייטערט און פאַרטיפערט. לאַסט־באַרקעס, האַנדלס־פלאַטילעס קרייצן זיך, עלעגאַנטע יאַכט־שיפן שפּאַצירן מאַיעסטעטיש אויף זיינע ברייטע, בלויע וואַסערן, איבערן דורכגעבראַכענעם קאַנאַל, ביז אַראָפּ־צו, קיין אילת, צום ים־סוף.

אַמאָל, שוין זייער לאַנג, ווען די פיס האָבן אים נאָך אַביסל לייכטער גע־טראָגן, פלעגט ער, געוויינלעך, קומען אַוועקזעצן זיך אויף דער טעראַסע פון דער קאַפע „דליה", אויפן הירקון. ער האָט פאַרנאַכט־צייט לאַנג געשלעפּט זיך לענגאויס דעם ברעג־טראָטואַר, אָנגעשפּאַרט אויפן יאַמשן שטעקעלע. דאָרט האָבן זיך נאָך צונויפגעטראָפן אַ פּאָר שרייבער, אַ פּאָר פאַרגעסענע קולטור־עסקנים פון עלטערן דור. ס'זענען נאָך אַלץ געווען צווישן זיי אַלטע צאַנקע־רייען, ברוגזן, איינער האָט דעם אַנדערן נישט פאַרגינען ס'לעבן. אַנדערע האָבן גאָר אויסגעלייגט האַלב־פאַרגעסענע טענות, פאַרריסן דעם קאָפּ, באשר מ'האָט אַמאָל זייערס אַ ביכל איבערגעזעצט אין עברית און ס'זענען דאָ און דאָרט געווען פאַרצייכנט אַ פּאָר שורות.

— וואָס — האָט יאָסל וויטעס געפרעגט ביי זיי — איז דען פאַראַן צו האַלטן זיך אין גרויסן ? ווער געדענקט דען ? ווער קוקט זיך דען אום ? איר זעט דען נישט אַז מיר זענען די לעצטע ?...

און ער האָט געלאַכט אַ ביטער געלעכטער :

— ווען אונזער זיידע ר' מענדעלע — האָט ער זיי נאָך דאָרט געזאָגט — שטייט אויף פון קבר און קוקט זיך אַרום, וואָלט ער מסתמא, בדרך משל, אַזוי אַ זאָג געטון : די יידישע ליטעראַטור, רבותי, איז געגליכן צו אַ גרויס, רייך, אַלט־איינגעפונדעוועט הויז, וואָס לויפט אַנטקעגן דעם רואין, די ירידה; ס'איז געבליבן אינגאַנצן הפקר. מ'האָט דעם באַלעבאָס צוגעלייגט אַ פעדערל צום נאָז, אַראָפּגעהויבן אים אויף דר'ערד, אָנגעצונדן ליכט צוקאָפּנס. די שטוב איז נאָך פול מיט פאַרשטיקטע יללות, געוויינען. דורך אַלע טירן און הינטער־טירן זענען זיך אָנגעלאָפן די זין, די טעכטער, די איידעמס, די שנורן, די איי־ניקלעך, ווי אויך אָן אַ שיעור וויטלעכע קרובים, וואָס קיינער קען זיי גאָר־נישט. זיי טוען אַ שמעק אַריין אין גרויסן חדר מיט די האַלב־פאַרמאַכטע לאָדנס, וווּ ס'ליגט דער מת, ווישן איילִיק אויס אַ טרער; אָבער אויסן זענען זיי אין דער אמתן אַ בליק צו טון אַהין, הינטערן שווערן, געשניצטן טיש, ווו דער באַלעבאָס מיטן גרוי־באַזילבערטן קאָפּ, אין די שאַרפע ברילן, איז גע־זעסן אין זיין הויכער פאָטער־שטול. זי איז בכבודיק, די שטול, יעדן איינעם ווילט זיך זען זיצן אין איר. זיי קוקן זייטיק צו דער שווערער קאַסע, צום סייף, ווו עס ליגן פאַרשלאָסן די באַנקנאָטן, די שנירלעך פּערל, דאָס גאָלדוואַרג, דאָס זילבערוואַרג, די זיכערע וועקסעלעך...

„פלינקער און כיטרער פון אַלע זענען אָבער די פרעמדלעכע קרובים. זיי שלייכן זיך מיט שטילע, פרומע טריטעלעך, באַטאַפּן, באַקוקן, באַשמעקן. זיי

שטויסן זיך שוין באַצייטנס. יעדער זאָגט זיך, אַז דאָס אַלץ געהער צו אים. דער גרויסער ויידע ליגט נאָך אַלץ אין שטוב, מיט די פיס צו דער טיר. די ליכט ברענען אים צוקאָפּנס. מ׳האָט אים נאָך זיין רעכט נישט געטון, און דאָ ברעכן שוין אויס סקאַנדאַלן הינטער אַלע טירן.

„דאָס אַלץ — בדרך משל. די יידישע שרייבער — די אייניקלעך — זענען צעריסן, פאַרביטערט, זענען אַריינגעפאַלן אין „גרויסקייט״־מאַניעס; און אפילו דאָרט, ווו עס גייען אָן כלומרשט אידעאָלאָגישע וויכוחים, איז נישט שווער אַרויסצודרינגען גאַנץ פּערזענלעכע פּניות״...

אָבער אויך די אַלע זענען שוין לאַנג געווען אויפן עולם האמת. דער לעצטער נעקראָלאָג אין יידישן בלאַט איז געווען פאַרן... רעדאַקטאָר גופא. נאָך אים איז שוין נישט געווען — ווער; געשטאָרבן אַ מענטש, איז געשטאָרבן — אַן אינסטיטוציע. אין דער העברעאישער פּרעסע איז אַפילו יאָ ערגעצווו געווען פאַרצייכנט אַ פּאָר קליינע שורהלעך. און שוין...

סיי ווי האָט דער זקן געפילט, ווי די כוחות גייען אים אויס. די ווינטער־רעגנס האָבן דאָס יאָר אָן אויפהער געגאָסן טעג און וואָכן. געפלען האָבן זיך געטראָגן פאַרן שייבל. דער ים אין דער נידער האָט גערוישט, ווי אַ קעסל. מיט אַ מוטנע, אויסגעלאָשן אויג האָט ער אַרויפגעקוקט צום שענקל מיט די עטלעכע ביכלעך, אויף די פאַרשטויבטע כתבים. אַ סוף, אַן עק... — האָט ער זיך אַליין איין מאָל אַ זאָג געטון.

3.

ווען די יונגע פרילינג־זון האָט צוריק אַ שיין געטון, דאָס קול פון דער טירקל־טויב האָט זיך ווידער געהערט אין לאַנד, האָט עמיץ אומגעריכט זיך דערפּרעגט צום זקן אין די נידעריקע געסעלעך, און אַ קלאַפּ געטון אין זיין טיר. ער איז געווען שטאַרק פאַרחידושט : „טאַקע, מ׳געדענקט נאָך אין מיר ?״... ווייל אָט איז אים אַנומלטן געקומען אויפזוכן הינטער די צעשטערטע וויאַדוקטן, אַרום אַלט־תל־אביב, א מיטליאָריקער מאַן, אַ באַקאַנטער לינג־וויסט, פּראָפעסאָר דתן. ער איז אַראָפּ די עטלעכע טרעפּלעך און געטראָפן האָט ער דעם זקן, ווען ער האָט גראַד אַלע כתבים און ביכלעך זיינע באַשלאָסן אַוועקצולאָזן מיטן פייער. די טרוקענע שפּענדלעך אין בלעכערן אויוועלע האָבן פריילעך געקנאַקט. אַ שיין איז געפאַלן אויף זיין פּנים, ווי אַ מומיע. דער־זען וואָס ער גייט דאָ אָפּטון, איז דער פּראָפעסאָר האַסטיק צוגעשפּרונגען און אַ כאַפּ געטון די שימות פון זיין האַנט אַרויס.

— חלילה ! — האָט ער אויסגעשריגן, נישט מיט זיין קול — חלילה !

דער זקן איז שטיינגעבליבן מיט אַן אָפן מויל,ביידע אַראָפּגעלאָזענע הענט זיינע האָבן אונטערגעציטערט.

— וואָס, כ׳בעט אייך, גייט עס אייך אַזוי שטאַרק אין לעבן ? מ׳האָט דען עפּעס אַלע יאָרן אַזוי שטאַרק געזאָרגט פאַרן יידישן וואָרט ?...

פּראָפעסאָר דתן האָט אַרונטערגענומען די ברילן, טיף אָפּגעאָטעמט, ווי ער וואָלט נאָר וואָס איבערגעלעבט אַ גרויסע סכנה, און האָט זיך אַזוי ווי פאַר־ענטפערט :

— כ׳בין טאַקע געקומען צו אייך, ר׳ יאָסל... דער כינוס, לויט ביאַליקן, זאָלט איר וויסן זיין, ווערט אין אונזערע טעג אַ רעאַליטעט. ס׳איז נאָך אָבער אַלץ נישט דאָס, וואָס ער איז אויסן־געווען אין זיין נביאישן חזיון.

— כ׳פאַרשטיי, דער יידיש־עלעמענט ! בעסער געזאָגט — די יידיש־ציוויליזאַציע ! כ׳האָב עס אָבער אַלע יאָרן געטענהט. צי גייט עס דען בלויז אויסערלעך אין שפּראַך ? מ׳טיילט נישט אָפּ אַראַמעאיש פון עברית, נישט בלויז דערפאַר, ווייל אויך אַראַמעאיש איז אַ סעמיטיש לשון, נאָר ווייל אין אַראַמעאיש זענען אין משך פון טויזנט יאָר געשאַפן געוואָרן גרויסע יידישע ווערטן; נו, און אונזער יידיש, וואָס אַחוץ אירע גרויסע גייסטיקע ווערטן, איז זי דאָך אויך אַ יידישע שפּראַך...

— בעסער שפּעטער, איידער קיינמאָל... — האָט אים דער פּראָפעסאָר געוואָלט פאַררעדן מיט אַן אַלט ווערטל.

און ער האָט נאָך פאַרציילט, נישט אָן אַ געוויסן שטאָלץ, אַז אין ירו־שלימער אוניווערזיטעט, אויפן פאַקולטעט פון מזרח־שפּראַכן, פאַרשט מען נאָך אַלץ, מען דערלערנט דאָס האַלב־פאַרגעסענע יידיש־לשון, וואָס איז אַמאָל גע־ווען אין מויל פון מיליאָנען יידן אין די תפוצות; אמת טאַקע, אַ גאַנץ ענגער קרייז סטודענטן און פאַרשער. עטלעכע יונגעלייט גרייטן דאָקטאָראַט־טעזעס, ווי למשל : „גאָלדפאַדענס אָרט אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער און העברעאישער דראַמאַטורגיע", ווי אויך „די טראַדיציע פונעם טייטש־חומש".

— אַ קנאַפּע טרייסט... — איז דער אַלטער געוועזן פאַרביטערט און אַלץ אַוועקגעמאַכט.

דער לעצטער יידישער שרייבער יאָסל וויטעס האָט דאָס היינטיקע לשון זייערס קוים פאַרשטאַנען. ס׳האָט, אמת, וואָס אַמאָל מער פאַרלוירן פון די אַראַבישע נאָז־קלאַנגען, מיט די האַרטע חיתן, איז עס אים פאַרט זייער קענט־לעך געווען, דאָס כאַראַקטעריסטישע צווינגען; ס׳האָט פאַרט אָפּגעגעבן מיט אַ היימישן קלאַנג. ס׳האָט אים מאָדנע דערמאָנט דאָס אונטערזינגען פון די פאַרצייטישע וואַרשעווער, לאָדזשער און אַפילו ווילנער יידן. דער זאַץ־בוי, ווידער, איז אים אויך געווען שטאַרק קענטלעך, גאַרנישט תנ״ך־מעסיק; פונקט ווי ביי ש״י עגנון, האָט דאָס יידישע געזאַנג געקלונגען אין זיין עברית. דאָס אַרויסזינגען, אַ שטייגער, דעם למה לא ?... ס׳איז אפשר דער אָנהייב פון נאַ־טירלעכן סינטעז. אויב אַראַמעאיש, טאָ פאַרוואָס נישט יידיש ?

נאָך מער־ווייניק אַ יונגער מענטש, איז פּראָפעסאָר דתן שוין געווען פון דריטן, אָדער פערטן דור היי־געבוירענע; אַ ייד, אַן עקשן, אַ גריבלער, פאַרליבט אין די אָפּגעשטאָרבענע קלאַסישע שפּראַכן: גריכיש, לאַטיין, אַריינגעטון אין די אַלט־מצרישע און אַסירישע היעראָגליפן־פאָרשונגען; פּונקט ווי אין אַלט־שפּאַניאָלישן לאַדינאָ; און ביי דער געלעגנהייט האָט זיך שוין אויך אויפגע־וועקט אין אים אַן אומבאַוווסטער אינטערעס צו דערשיפרירן דאָס האַלב־פאַרגעסענע יידיש־לשון. אָבער נישט בלויז אין דעם איז אים געגאַנגען, ווייל ער האָט זיך אַרומגעזען אין דער גרויסער לעוואַנטינישער קאַטאַסטראָפע, אין כנעניזם, וואָס האָט זיך פאָרט דורכגעריסן.

מ'דאַרף וויסן, אַז די פאַרביסענע לייט, וואָס האָבן אַמאָל געהאַט נאָר ביטול צו דער פאָלקס־שפּראַך, די שפחה, זענען שוין אויך לאַנג געווען אויפן עולם האמת; ביטערע לייט געווען, זיי זאָלן אונז מוחל זיין; אין תוך אַריין, האָבן זיי נישט צופיל פאַרשטאַנען. זיי האָבן, למשל, נישט פאַרשטאַנען, אָדער נישט געוואָלט פאַרשטיין, אַז דער גאַנצער אומזיניקער קאַמף יידיש־העברע־איש, איז געווען אַ פאַטאַלער טעות; אַז אין דעם אַלעמען האָט אפשר אויך געשטעקט — קלאַסן־קאַמף. ס'איז זיך צונויפגעפאַלן מיט דער צייט פון פאַר־שאַרפטע קלאַסן־שלאַכטן אויך אויף דער יידישער גאַס.

אָבער טשעקאָווע, פאַראינטערעסירט איז ער פאָרט געווען, דער אַלטער, אין דעם קליינעם קרייז סטודענטן אויפן פאַקולטעט פון מזרח־שפּראַכן. ווי ער דערציילט, האָבן זיך דאָרט אויסגעטיילט עטלעכע יונגע מענטשן; זיי האָבן מיט גרויס פלייס און מיטן פאַרשאַרפטן חוש פון אַנטדעקער, געגראָבן אין די אַלטע ירושלימער ביבליאָטעקן, געזאַמלט און סעגרעגירט, פאַרזיכערט היני־טער פאַרסטראַכירטע ווענט, פאַרשפּאַרטע פייער־טירן, וואָס זענען לאַנג גע־שטאַנען אָפּגעשלאָסן. דאָרט האָבן זיך געהאַט אָנגעקליבן צענדליקער טויזנטער בענדער, אין הויכע שרענק, ביזן סופית, אונטער גלאָז. אמת, די קאָנסערוואַ־טאָרן האָבן דאָ, ממש אייפעריק, אַלץ אָפּגעהיט. ס'איז אויך פאַר דער צייט אויסגעפונען געוואָרן אַ כעמישע סובסטאַנץ, אַזאַ מין זאַלבע, אָדער אַזעלכע וואַסערלעך, וואָס האָבן די אַלטע ספרים אויפגעהיט פון פאַרלענדונג, כמעט פריש; ווייל ביי אַ סך ביכער, צו וועלכע מ'האָט זיך נאָר צוגערירט, זענען די ראַנדן שוין געווען היפּש פאַרזענקט, גאַנצע קונטריסים — דורכגעפרעסן פון מילבן; געצײנדלטע לעכער, פון ערשטן ביזן לעצטן בלעטל; אַנדערע ספרים האָבן זיך ממש צעשאָטן אונטער די הענט אין שטויב, ווען מ'האָט זיי אַ מיש געטון.

אין די פריערדיקע יאָרן פלעגן נאָך קיין ירושלים אַלץ אָנקומען קאַסטנס מיט יידישע ביכער פון כל תפוצות ישראל. דאָרט — האָט מען דערציילט — האָט מען פיל פּריוואַטע, רייכע ביבליאָטעקן פון יידן, וואָס האָבן אַ גאַנץ לעבן עוסק געווען אין יידישע ביכער, כסדר מעיין געווען אין זיי, און ווי נאָר זיי זענען אַוועק אויפן עולם האמת, צומאַרגנס נאָך זייער טויט, האָט מען די בי־

כער געפונען אין די מיסט־קוישן פאַרן הויז. די קינדער און די אייניקלעך האָבן זיך מער גאָרנישט פאַרשטאַנען אין די דאָזיקע ספרים. האָבן זיי אַרויס־געשמיסן, צוזאַמען מיטן די אַלטמאָדישע ספרים־שענקלעך פון זייערע אַל־טע טאַטעס. זיי האָבן דאָרט אָבער אויך געהאַט פונדעסטוועגן איינזען, די אָפּ־געפרעמדטע יידן; כאָטש קיין געמיינזאַם לשון האָבן זיי שוין פון לאַנג נישט פאַרמאָגט מיט די ישראל־יידן; אָבער אַ ווייטע גדעדכעניש, מוז מען זאָגן, האָט נאָך פאָרט געלעבט אין זיי; און טייל האָבן די ספרים אָפּגעשיקט אין די ביבליאָטעקן פון ירושלים.

דאָ, אין די ביבליאָטעקן, איז אַלץ געווען קאָנסערווירט, פּינקטלעך קאַטאַ־לאָגירט, נאָר קיין סך בעלנים אַריינצוקוקן אַמאָל אין זיי האָבן זיך נישט גע־פונען, זייער זעלטן. פון צייט צו צייט האָט זיך אַפּילו יאָ אַראָפּגעיאָוועט עפּעס אַ צעחושטער וויסנשאַפטלער, אַ פילאָלאָג, אַ שפּראַך־פאָרשער, פון ווייטע לענ־דער, דווקא אַ נישט־ייד. מ׳האָט אים דאָ אַנגעקוקט מיט אַ ביסל פאַרדאַכט, וואָס ער פאַראינטערעסירט זיך פלוצים אין די ספרימלעך פון אַ האַלב־פאַר־געסענעם גלות־זשאַרגאָן. זיי האָבן זיך דאָ איצט אויך אָבער געכאַפּט, אַז די איינצלנע, זעלטענע איבערזעצונגען אין אַלט־עברית, אַפילו פון אַזאַ מייסטער ווי י. ד. בערקאָוויטש, פון שלום עליכמען, זענען ווייט נישט עקוויוואַלענט צום סאַמע תוך, צום עיקר פון יידישן אָריגינאַל; אַז זיי פאַרשטייען דאָ מער אי־בערהויפּט גאָרנישט, למשל, פון טביה׳ס צעדרייטע, צוויי־דייטיקע פסוקים, אָפּט מיט אַ צומיש פון סלאַוויש; און דווקא דערין איז געווען דער גאַנצער יידישער חן. וואָס — האָבן זיי זיך געפרעגט, די יונגע פאָרשער — איז דאָ ס׳געלעכטער ? זיי האָבן לחלוטין נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס שלום עליכם האָט אַמאָל אַרויסגערופן אַזאַ האַרציק לאַכן ביים פאָלק, ווי זיי שרייבן עס דאָרט אין די ביכער איבער אים.

איין זאַך האָט ער איצט נאָר געוואָלט דערגיין, דער פּראָפעסאָר, ביים זקן :

— זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, וואָס פאַראַ ווילדע עקשנות האָט אייך, כ׳מיין אײן דור, געטראָגן צו קלאַמערן זיך אין אַ לשון, וואָס גייט פאַר אייערע אויגן אונטער, פאַרשווינדט ?

— ס׳איז נישט אונטערגעגאַנגען און נישט פאַרשווונדן. ס׳לעבט נאָך אַלץ אין אייער געדעכעניש. מ׳האָט אונז אויסגעקוילעט, דערשטיקט. אַזאַ רשעות, אַזאַ אומברחמנותדיקייט, פון פרעמדע און אייגענע, האָבן מיר נאָך נישט גע־זען. ווייזט מיר נאָך אַ לשון און נאָך אַ פאָלק מיט אַזאַ גורל. און דאָך פיל אייך, אַז ס׳איז פאַרבליבן, ס׳לעבט אין אַוויר פון ישראל; ווייל ס׳האָט אַקומולירט אין זיך אַ טויזנט־יאָריקע גרויסע יידישע ציוויליזאַציע; ווייל אָן דער יידיש־ציוויליזאַציע וואָלט אפשר, חלילה, קיין ארץ ישראל נישט געווען.

ביים גרייז האָבן זיך דערביי אָנגעגאָסן די בעקלעך מיט אַ בראַנדיקער רויטקייט; אַן אַלטע עקשנות איז אויפגעגאַנגען אין אים :

— די אַלע ווערטער־ביכער האָבן נאָר, זעט אויס, אויפגעהיט די שאָל פון ווערטער, אָבער נישט דעם קערן, דעם סאַמע תוך זייערן. פּונקט ווי די היעראָ־גליפן, דאַרפן מיר איצט צוריק דעשיפרירן דעם וואַרעמען ריטם, דעם אַראָ־מאַט, דאָס קאָכיקע בלוט, וואָס ריזלט אין די אָדערן, דעם נשמה־צאַפּל פון אונזער גרויסער ליריק, פון אונזער גרויסער עפּיק. זיי פוילן אין די קאָנסער־ווירטע אַרכיוו־ביבליאָטעקן אייערע, אָבער ס׳שלאָגט נאָך אַלץ אין זיי אַ לע־בעדיקער אָדער.

4.

דער אַלטער האָט צוערשט נישט געוואָלט אַפילו הערן דערפון, ווען פּראָ־פעסאָר דתן האָט אים פאָרגעלייגט צו קומען פאַר אַן אוידיטאָריע סטודענטן אין ירושלים.

— וואָס, איר גייט מיך אויסשטעלן ווי אַ זעלטענע פּרעהיסטאָרישע חיה ?... ווי אַ זעלטענער עקספּאָנאַט...

— ווען איך זאָג אייך אַלץ — האָט אים דער פּראָפעסאָר פאַרזיכערט — וואָלט איר אייערע אייגענע אויערן נישט געגלויבט.

אַ קליינער העליקאָפּטער האָט זיך אין פרימאָרגן אַראָפּגעלאָזן נאָענט ביים ים. דער פּראָפעסאָר און צוויי יונגעלייט האָבן דעם זקן געברענגט צו־פירן אונטער די הענט, איינגעאָרדנט אים אין וויכן זיץ, און איידער וואָס־ווען, האָבן זיי זיך אויפגעהויבן איבער תל־אָביב. די פרילינג־זון האָט אויפ־געלויכטן אין די שויבן־ווענט פון טורעמס און וואָלקנקראַצערס. דער אַלטער האָט זיינע אויגן נישט געוואָלט גלויבן; ער, וואָס איז נאָך אין די אָנהייב 20־ער יאָרן פון יאָרהונדערט אַליין געקראָכן, צוזאַמען מיט די קעמלען און אייזעלעך, אין די זאַמדן אַרום מוגראַבי, אַרום שדרות ראָטשילד, געמישט זיפּזיף, גע־טראָגן ציגל אויף די רושטאָוואַניעס צו די הויכע בנינים. דער גאַנצער וועג, ביז די אַלטע און נייע חומות אַרום ירושלים, איז געווען איינגעטונקט אין גרינס, צעשניטן אין רעגולערע קאָסטנס, צווישן פאַבריק־קוימענס. דער הר הצופים האָט אַ שיין געטון מיט די נייע, ווייסע אוניווערסיטעט־געביידעס, אָב־סערוואַטאָריעס, קופּאָלן, פאַרשפּינט אין אַנטענע־ און ראַדאַר־טורעמס. די בערגלעך, די טעראַסן, זעגען, ביז בית לחם, ביז חברון, באַדעקט געווען מיט אַ ים פלאַכע דעכער, פאַרטרונקען אין געאָמעטריש־צעשניטענע גרינס־אַלייען.

דאָס האָט ער יאָ באַלד באַמערקט, דער זקן, אַז ביים לאַנדן פון העליקאָפּ־טער אויפן פלאַכן דאַך, איז צוערשט געווען עפּעס אַ קליינע בהלה צווישן פּראָפעסאָר און די יונגעלייט, וואָס האָבן אים באַגלייט; מ׳האָט זיך געסודעט, גענומען און מיט אַלע פאָרזיכטיקייטן קודם אַריינגעפירט אים אין אַ

קליינער, ליכטיקער גאַלעריע, איינגעאָרדנט אים אין אַ סאָפּע, ביי אַ נידע־ריק טישל, באַשטעלט מיט קאַלטע, דערפרישנדיקע געטראַנקען. כאָטש ס׳איז אין דעם טאָג געשטאַנען אַ כאַמסין, ס׳האָבן נאָך אַלץ געבלאָזן די הייסע ווינטן פון מדבר יהודה, איז אונטערן קופּאָל געווען אַן אָנגענעמע קילקייט. דער אַל־טער האָט אָבער נישט געקענט פאַרשטיין די געשרייען און געוואַלדן, וואָס זענען אויפגעגאַנגען אַרט הינטער די ווענט פון דער גאַלעריע; און צווישן די געוואַלדן, פּלוצים — דאָס פּייקלען פון אַ טאַם־טאַם, דאָס צימבלען פון גי־טאַרעס.

—וואָס קומט דאָ פאָר ? — האָט ער זיך, דערשראָקן, געפרעגט ביים פּראָפעסאָר — אַ פעסטיוואַל, בלע״ז ?...

— ס׳איז די יוגנט... — האָט דער פּראָפעסאָר זיך אָפּגערופן, אַ ביסל אין פאַרלעגנהייט — ביי זיי זענען די איינשטעלונגען, ווייסט איר, שטאַרק צע־טיילט. מ׳דיסקוטירט הייס. ס׳דערגייט אַפילו צו געשלעגן. מיר האָבן נישט ווייניק צרות פון זיי. די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן פון אָפּגייענדיקן יאָר־הונדערט האָבן אונז געלאָזן אַ שווערע ירושה. כ׳בין נאָך דעמאָלט געווען אַ קינד, אָבער איר דאַרפט עס אַוודאי געדענקען בעסער פון מיר.

— כ׳געדענק ! נאָך ווי געדענק איך עס ! קיין גוטס האָט עס נישט אָנ־געזאָגט. סימפּטאָמען פון אַ שלעכט־פאַרדייעטער ירושה... אַ פולער קאָפּ מיט אידייען, היפּער־פילבאַר, אַלץ צו צעשטערן און כאָטש איבערמאַכן די גאַנצע וועלט...

— טשעקאַווע... — האָט זיך דער פּראָפעסאָר געווישט דעם קילן שוויס פון שטערן, און ס׳איז געווען צו מערקן, אַז ער וויל טאַקע הערן וואָס דער זקן האָט דערצו צו זאָגן.

— אָ, דער דריטער דור, נאָכן „אָקטאָבער״, נאָכן פאַשיזם, איז געווען דער דור פון קאַטאַקליזם. זיי האָבן געמיינט צו מאַכן געשיכטע, אָבער באַקו־מען האָט זיך גאָר עפּעס אַנדערש. דער דור, וואָס איז אַרויסגעקומען פון די מלחמה־קאַנוווּלסיעס נאָכן 1945־טן יאָר. די אידייען, וואָס זיי האָבן געירשנט — פאַרגליווערטע, טויטע דאָגמעס. די כוואַליע, וואָס איז אַרויף אַזוי הויך, איז אָפּגעפאַלן. זיי האָבן אָפּגעפרעגט די קאָנסומאַציע־געזעלשאַפט, די געזעל־שאַפט פון טאָטאַליטאַריזם, פון מעכאַניזם, וואָס פאַרוואַנדלען דעם יחיד נישט מער ווי אַ שרייפל פון אַ גרויסער מאַשין. דער פּרינציפּ פון דערהויבענעם ספק; ווי ביי דעקאַרט, וואָס זיין כוח איז, אייגנטלעך, געלעגן נישט אַזוי אין די נייע פילאָזאָפישע קאָנסטרוקציעס, ווי אינם ספק; און ער איז אַוועק פון דער וועלט — צום גרויסן ספק. ס׳איז געווען די קאָנפוזיע פון כל מיני שיטות, איבערגענומענע אידעאָלאָגיעס. וואָס האָט געשטעקט הינטערן שוים און ברויז ? ספּאָנטאַנישקייט, אָפּצוואַרפן יעדע סטרוקטור פון אַפּאַראַטן, אַ בונט קעגן דער געזעלאַשפט, וואָס איז נישט גייסטיקער ווייזער, נאָר דריקנדיקער

רעגולאַטאָר. צוזאַמען מיט דער איבערקערעניש אין דער נאַטורוויסנשאַפט, אין דער טעכניק — אַן איבערקערעניש אין דער וויסנשאַפט פון מענטש גופא. מיט שטוינונג און ביטול האָבן מיר געזען — די „ביטניקס״, די „היי־פּיס״. ס׳איז נישט געגאַנגען אין פאַרבייטן קלאַסן־קאַמף דורך דורות־קאַמף. אַמאָל פלעגט אָט דער פּראָצעס אָפּטמאָל דויערן דורות...

— נו, און אונזער ישראל־יוגנט פון יענעם דור ?

— אַוודאי, צום דאָזיקן דור האָט אויך געהערט די יוגנט פון ישראל. אויף אירע אַקסלען האָט זי אָבער געטראָגן דעם גורל פון לאַנד: אַ סינטעז פון פאַרגעזעלשאַפטלעכטער ווירטשאַפט און פּערזענלעכן תיקון. אָבער אין די באַרימטע פּאַריזער מאַי־טעג, וואָס האָבן מרעיש־עולם געווען, האָבן זיך אין הויף פון דער סאָרבאָנע, לעבן די צענדליקער פּלאַקאַטן פון גרופּעס און קרייזלעך, אויך באַוויזן פּלאַקאַטן פון „אַל פאַטאַך״; אין מיטן פון דער זשום־מענדיקער סאָרבאָנע, ווו הונדערטער טויזנטער יוגנטלעכע האָבן געזוכט, אין דער גרויסער קאָנפוזיע, אין צוזאַמענשטויס פון כל המינים אידייען, עפּעס אַ נייעם וועג, וואָס איז געווען ווי אַ שאַרפער מעסער־שניט אין אינגעווייד; אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס וואַרפט באָמבעס אויף פרידלעכע מענטשן, גראַטעוועטע פון אוישוויץ־גיהנום, מאָרדעט פרויען און קינדער. הייסט עס, אַז אויך דאָ איז אויפגעשווומען אונזער„יידישע פּראָגע״. די „נייע לינקע״ זענען געווען קעגן סטאַליניזם. גוט. אָבער אויך קעגן אונזער סאַמע עקזיסטענץ, כאָטש אַלע זייערע „געטער״ האָבן גערעדט וועגן „פאָטערלאַנד״ אין הויכע אָקטאַוועס; מאַאָ טסע טונג, למשל, האָט גערופן די כינעזישע יוגנט אומצוקערן זיך צו דער כינעזישער טראַדיציע, געפּאָדערט פון רוסלאַנד געביטן, וואָס די צאַרן האָבן אָקופּירט. (און די רוסן האָבן טאַקע געמוזט צוריקגעבן). און אָט זענען גאָר די „נייע לינקע״ ביי יידן — קאָסמאָפּאָליטן; לויט סטאַלינען — „מענטשן אָן אַ פאָטערלאַנד״. דאָס איז געווען אַ מין מאַזאָכיזם, געירשנט אַוודאי פון אונזערע אַלטע קבלה־יידן. זיי האָבן נישט געוואָלט געדענקען די שחיטה פון 6 מיליאָן יידן. זיי האָבן געוואָלט די וועלט־רעוואָלוציע. פּונקט ווי די יידישע קאָמוניסטן האָבן אין די 20־ער יאָרן פאַרטיידיקט די אַראַבישע פּאָגראָמשטשיקעס. אין זייער תמימות, האָבן זיי געגלויבט, אַז מען דאַרף ברענגען דאָס יידישע פאָלק ווי אַ קרבן — יידן זענען אַגענטן פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם... „קאַ־פּיטאַליסטן״... מאַאָיסטן, טשע־געוואַריסטן, טראָצקיסטן, אַנאַרכיסטן — אַלע זענען זיי געווען אַנטי־ציוניסטן, אָדער — אַנטי־יידן...

— אָבער וואָס איז פּאָרט געווען זייער אידעאָלאָגישע באַזע ?

— דער אידעאָלאָגישער באַגרינדער פון „נייעם לינקס״ איז געווען איי־נער, הערבערט מאַרקוזע, אַ מאַן שוין דעמאָלט איבער די זיבעציק, אַ דייטשער ייד. ער האָט געזוכט דעם סינטעז פון העגעל, מאַרקס, פרויד, אין פאַר־בינדונג מיטן היינט. זיין צוגאַנג איז געווען : נישט דער קאָנפליקט פון קלאַסן, נאָר די סתירה צווישן יחיד און דער ציוויליזאַציע. ער האָט אויך אַרויסגע־

בראַכט דעם קאָמפּליצירטן פּראָבלעם פון סעקס און ציוויליזאַציע. „דער סעקס — שרייבט ער ערגעצוווּ — איז אַ נאַטירלעכער אינסטינקט, אָבער די קולטור פון קאָלעקטיוו האָט צוליב כמה טעמים אים געפּענטעט און דערמיט גורם געווען קרענקלעכע רעאַקציעס". ער האָט געהאַלטן, אַז דער מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם איז מאַטעריעל אַזוי געשטיגן, אַז ער קען זיך דערלויבן צו קאָרומפּירן דעם פּראָלעטאַריאַט. מחוץ די זעלבסטצופרידענע קלאַסן, פּריווילעגירטע אַרבעטער, איז אָבער געווען אַ שיכט פון עלנטע, פּאַראַרעמטע, האָפענונגלאָזע. מיט זיי רעכנט זיך קיינער נישט. דאָס שאַפט „די קאָאַליציע פון שקלאַפן". ער פירט אויס, אַז „נאָר פאַרן ווויל פון די האָפענונגלאָזע, איז די האָפענונג געבליבן".

— צי איז עס גענוג געווען צו ברענגען אַזאַ שטורעם ?

— יאָ. פאַרהייליקן דעם אַקט פון געוואַלט, צעשטערונג, זיין אַנדערש ווי דער אַרום, נעגירן די געשיכטע, די עוואָלוציע פון מענטש, אירע ביז איצטיקע דערגרייכונגען. דערפאַר— זייער אַנדערשקייט אין קליידן זיך, אין פאַרלאָזן זיך לאַנגע האָר, בערד, עקסטראַוואַגאַנטע אויפפירונג, דראַג־מיטלען, פּאַרטויבן די פּוסטקייט, גערילאַס, סאַבאָטאַזש, ווילדע שטרייקן, באָיקאָט, נעגאַציע פון אַלץ. זיי דאַרפן נישט קיין רעזולטאַטן, נאָר — די אַקציע גופא. דאָס אַלץ — אין אַנבליק פון דער אַטאָמישער קאַטאַסטראָפע, ווען די אַלטע סטרוקטורן פאַלן איין; סכנות פון „נעאָ־פאַשיזם", מיט אַן „אידעאָלאָגישער" באַרעכטיקונג פון געוואַלט— דאָס האָט זיך לייכט געקענט פאַרוואַנדלען אין אַ נייעם טאָטאַליטאַריזם.

— צו וואָס האָבן זיי דען דערפירט ?

— אָבער די ישראל־יוגנט האָט זיך יאָ אַריינגעגאָסן אין פרעמדע שטראָמען, כאָטש גרויסע אויפטוער אין מלחמה־תורה, האָבן זיי זיך אָריענטירט אויף דער כנענישער „פילאָזאָפיע".

— אָט דאָס איז עס טאַקע... — האָט דער פּראָפעסאָר לייכט אָפּגעזיפצט.

— אָבער וואָס טומלען זיי דאָרט אַזוי, די יונגע חברה ?

דער פּראָפעסאָר האָט צעשפיליעט דעם שטייפן קאָלנער מיטן שוואַרצן שלייפל, אַרויסלויפנדיק און אַריינלויפנדיק צום אַנדערן מאָל פון דרויסן. ער האָט דעם זקן געוואָלט אַראָפּפירן פון די רייד זיינע, מיט אַזויפיל ביטערניש :

— איר פאַרשטייט, די באַוואַלדונג פון צענדליקער יאָרן, דאָס פאַרטרייבן דעם מדבר, אונזער וויסנשאַפט און טעכניק, האָט ביי אונז טאַקע אַ סך געמילדערט דעם קלימאַט, אָבער פון יענער זייט, פון מדבר יהודה, בלאָזן נאָך אַלץ די הייסע ווינטן. די אַראַבער פון יענער זייט ירדן זענען, ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק, פאַרבלייבן אין זייער אָריענטאַלישער פאַרגליווערט־

קייט. מיר האָבן געגלויבט, אַז נאָכן איינשטילן די געבלוטן זייערע, נאָכדעם ווי ס׳וועט אַריין אין זייער באַוווסטזיין אַז אויך מיר לעבן אין דעם ראַיאָן, וועט זיך ביי זיי פּאָרט עפּעס ענדערן. מיר קענען נישט נאָכקומען זייער באַ־פעלקערונג־עקספּלאָזיע, פּונקט ווי מיר קענען נישט בייקומען דעם „כנעניזם״ ביי אונז גופא. זיי וואַרפן פשוט אָפּ גאַנצע יאָרהונדערטער...

— פאַר אָט דעם צעשטערערישן לעוואַנטינישן גייסט האָבן מיר אַלעמאָל געוואָרנט. דאָס איז אונזער גרויסע סתירה. דער ציוניסטישער שיבת־ציון אין די 80־ער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט איזגעווען אַ בונט קעגן דער קריסט־לעכער איראָפּע, פון פּאָגראָמען. ביל״ו איז אַוועק פון אונזערע אַלטע היימען, צו קולטיווירן אונזער אייגענע גייסטיקע קולטור, אָבער באַקומען האָט זיך לסוף — זעלבסט־האַס, קעגן דער אייגענער קולטור, פּונקט ווי קעגן די יידן פון גלות. אין זיי איז איינגעפּלאַנצט געוואָרן דער באַוווסטזיין, אַז זייער גאַנץ גייסטיק פאַרמעגן איז דער תנ״ך. פאַר די רעליגיעזע יידן איז עס געווען קדושה, פאַר די אַנדערע — נישט מער ווי מיטאָלאָגיע; ווייל אויך די קריסט־לעכע פעלקער האָבן זיך צוגעאייגנט דעם תנ״ך. האָט מען געמוזט אויסגעפּי־נען: אידענטיפיצירן זיך מיט אַ סעמיטיש פאָלק. דאָס איינפירן די „תודעה יהודית״ (יידישקייט־באַוווסטזיין) האָט געהאַט אַ זייער קליינע השפּעה. זיי האָט געפעלט דער באַוווסטזיין וועגן מאָדערנע יידישע באַוועגונגען אין גלות, יידישע ליטעראַטור, יידישער שטייגער, יידישער ווידערשטאַנד אין געטאָס און וועלדער. דער „כנענישער״ דור האָט אַפילו נישט פאַרשטאַנען די פירער פון דער מדינה, אָנגעזאַפּט מיט „גלות״. מ׳האָט זיי שפּראַכלעך, שטייגעריש און המשכדיק אָפּגעריסן פון פאָלק. די עלטערן זענען געווען איראָפּייער. זיי האָבן דעריבער נישט געזוכט קיין אַנדערע אידענטיפיקאַציע, ווי מיט די אור־אַלטע כנענים, וואָס האָבן אונז איבערגעלאָזט אַ פּאָר צעבראָכענע שערבלעך פון געצן, טעפּ און וואַזעס. די אַראַבער זענען, הייסט עס, פאַר די „כנענים״ געווען נענטערע קרובים, ווי די יידן אין גלות...

5.

ביי דער טיר איז אויסגעוואַקסן אַ פריילעכער יונגערמאַן מיט קרייזע־לעך און אַ ווונק געטון:

— מ׳קען שוין...

ס׳איז טאַקע שטילער געוואָרן אַרום די ווענט פון דער גאַלעריע. די געשרייען זענען ווייט אָפּגעפּלאָסן. זיי זענען אַרויס אויף דער טעראַסע, און דער זקן האָט דערזען — ווייט אויפן פלאַץ פונאַנדערגעוואָרפן — יינגלעך און מיידלעך, אַרומגעוויקלט אין קאָלירטע אינדישע סורמאַנעס, ווי אין שעפּסן־פעל, האַלב־נאַקעטע, ווילד־פאַרוואַקסענע, ווי זיי זינגען עקזאָטישע

פסוקים, מיט אויפגעהויבענע הענט צום הימל, פונקט ווי די אַמאָליקע ליו־באַוויטשער חסידים. איינער, מיט אַ צעלעכערטער קאָלדרע איבערן אַקסל, צעפּאַטלטע לאַנגע האָר, אַ בלאַס פּנים, מיט בלויע, מילדע אויגן, האָט ער דערמאָנט אין אַ הייליקן אַפּאָסטאָל. אין די הענט — אַ גיטאַרע. ער זיצט הינטער אַ וואַנט, אויף דר׳ערד, און זיינע פינגער פּויקן די זעקס סטרונעס.

— ווו זענען דיינע שיך ? — האָט דער אַלטער ביי אים אַ פרעג געטון.

— מ׳האָט זיי מיר אַוועקגעגנבעט.

— וואָס עסטו ?

— כ׳האָב זיך אָפּגעוווינט פון עסן, זינט כ׳בין אַוועק פון מיין טאַטנס בורזשואַז הויז.

— ווו וועסטו נעכטיקן ?

— אין פּאַרק.

און דער זקן האָט אַ טראַכט געטון : עפּעס געשעט דאָ ווידער אין היינ־טיקן דור אומגעוויינלעכס. איז עס צום בעסערן, אָדער צום ערגערן ?

מ׳האָט אים קוים אַוועקגעריסן, דעם אַלטן. זיי האָבן אים אַרויפגעפירט די ברייטע טרעפּ. די געוויינלעך שיטערע אודיטאָריע פון פאַקולטעט פון מזרח־שפּראַכן, איז דאָסמאָל געדיכט אויסגעוואַקסן צו אַ פול־געפּאַקטן זאַל, אונטערן גלאָז־קופּאָל. דער זאַל האָט גערוישט. איינער פון די סטודענטן, אַ פאַרוואַקסענער, איז גאָר געווען פאַרוווּנדערט :

— אַ יידישער שרייבער ?... אַבי ס׳איז געווען ביי אונז דער איינדרוק, אַז — שוין אפשר יאָרהונדערטער...

און איינע אַ מיידל, אַ ווילדע לאָכערקע, אַ בלאָנדע, האָט דערציילט :

— ביי אונז איז געווען אַן עלטער־באָבעשי, האָט זי אונז פאַרוויגט מיט לידלעך, וואָס כ׳געדענק שוין נישט... עפּעס וועגן אַ ציגעלע, וואָס איז געפאָרן האַנדלען... מיר האָבן אַזוי געלאַכט...

פּראָפעסאָר דתן האָט זיי אָנגעקוקט כלומרשט שטרענג. ער האָט גע־גלעט דאָס ציגן־בערדל און געלאָזן פאַלן צווישן די ציין :

— מיר האָבן אפשר געזינדיקט קעגן זיי, חברה... צווישן די מושלים פון אונזער מדינה, אין די ערשטע זיבעציקער יאָרן, זענען אַפילו געווען אַזעל־כע, וואָס האָבן זיך אַמאָל אַרויסגעכאַפּט... מיט אַ גוט וואָרט...

— ווייל זיי זענען נאָך אַליין געווען גלות־יידן... — האָט זיך דערהערט אַן איינציקע שטימע פון די הינטערשטע רייען.

— פאַר אונזערע היינטיקע מושלים איז עס טאַקע אַלטע געשיכטע... זיי פרווון אַלץ צו מינימיזירן, אָבער זיי הייבן שוין אָן צו פאַרשטיין...

נאָך גוט, וואָס דער זקן, אין זיין פאַרטויבטקייט, האָט נישט אַלץ דער־הערט; ער האָט זיך אָפּגערופן, מיט אַלטער פּאַטעטיק:

— כ׳האָב אָבער אַלעמאָל געזאָגט, אַז זיי וועלן נאָך אַמאָל צוריקקומען, ס׳יונגוואַרג. זיי מוזן צוריקקומען צום לעבעדיקן קוואַל, צום מים־חיים. ס׳קען נישט געמאָלט זיין אַ לאַנד פון יידן, צו פאַרלייקענען די טויזנט־יאָריקע יידיש־ציוויליזאַציע; ס׳איז, לויט מיר נאָך, גאַרנישט אָפּצוטיילן יידיש פון עברית. טיילט אָפּ מענדעלען, פּרצ׳ן, שלום עליכמ׳ען פון עברית־עלעמענט — וואָס וועט זיך באַקומען? טיילט אָפּ עגנונ׳ען פון יידיש־עלעמענט. וואָס וועט פאַרבלייבן?

און ער האָט אָנגעקוקט די יונגעלייט און די מיידלעך, און ער האָט זיי ווי צום ערשטן מאָל דערקענט. די זעלבע שול־קינדער, וואָס זייערע שטי־מעלעך האָבן אַזוי פריש, גלויביק, פריי געהילכט אין לויטערן פרימאָרגן:

האָף און גלויב,

נישט ווייט איז שוין דער פרילינג...

ער האָט אָבער נישט געזען, דער זקן, ווי הינטער זיינע פּלייצעס האָט דאָס יונגוואַרג געלאַכט, געשריגן „ווס־ווס״, און פּראָפעסאָר דתן, בלייך און צעשטרייט, האָט געווונקען צו זיי, געבעטן זיך ביי זיי:

— לאָזט אים... זאָל ער כאָטש אַוועקגיין מיטן באַוווסטזיין, אַז ער איז גערעכט געווען...

אָבער אין דער שטימע פון זקן האָט געציטערט אַן אַלטער מעטאַל:

— כ׳וויל אייך זאָגן, קינדער, וועגן אונזער פאָלקס־לשון, מיט די ווער־טער פון איציק מאַנגער:

כ׳האָב זיך יאָרן געוואָלגערט אין דער פרעמד,

איצט קום איך זיך וואָלגערן אין דער היים...

טאַקע, וואָס פאַראַ אַנדערע היים, כ׳בעט אייך, האָבן מיר דען פאַרן פאַרשעמטן, אויסגעליטענעם, אויסגעקוילעטן יידישן וואָרט?...

1970

„אַ גוטע נאַכט, ברייטע וועלט״...

1.

אין יענע יאָרן פלעגט זיך נאָך רפאל דעמבעס, דער קרעפּטיקער בעלעט־ריסט, וואָס האָט שטיין אין דער ביבליאָטעק ביי זיך אַ שורה גאָלד־געליישטע רוקנס פון אַלע זיינע ווערק, געווינלעך ביז שפּעט נאָכמיטאָג טיילמאָל פאַר־זיצן אין דער קאַפעטעריע אויף איסט־בראָדוויי, אין ראָג פון „פאָרווערטס״־בילדינג. מ׳איז געזעסן צווישן קאָלעגן, רויך און הייסע רייד; מ׳איז נאָך טאָקע געווען אַ ביסעלע יינגער אויך.

דאָרט האָבן זיך, צווישן די אַלערליי צעחושטע פּען־לייט און סתם נודני־קעס, נאָך אַלץ אַרומגעדרייט די גלאַרייכע אלמנות, די קליינע, דראָבנע, די געוועזענע „סימפּאַטיעס״; זיי האָבן נאָך אַלץ שטאָלץ געטראָגן די קרוין פון די „ערשטע ליבעס״ ווייערע, ביי דער זייט פון די גרויסע נעמען אין אונזער ליטעראַטור.

ביים טישל, אָנגעשטעלט מיט ליידיקע טעפּלעך, טעלער, גלעזער, האָט די דאַמע מיטן פאַרכאַפּנדיקן בלוי אונטער די פאַרשאָטנטע וויעס, זייטיק גע־בליקט אין אַ טאַשן־שפּיגעלע, דאָ און דאָרט אַ פאַריכט געטון די גרויע לע־קעלעך. אַ פאַרגייענדיקער חן איז נאָך אַלץ געלעגן אַרום איר שיין־געצייכנט מויל, אונטער דער וואָלקע, איינגעוועבט אין דינע ווירעס. מיט דער לינקער האַנט האָט זי, אַ ביסל קאָקעטיש, געפאָכעט די ווייסע הענטשקע; און דעמבעס, פון דער יונגערער גענעראַציע, מיטן לוקעלע אין ווינקל מויל, האָט זיך דאָרט איינמאָל, מאָדנע־פּאַראַינטריגירט, איינגעקוקט אין דער פרוי, נישט פון דער ערשטער יוגנט, זיך שטיל אַ זאָג געטון: „זי געדענקט נאָך אַוודאי די „נעכט, פאַרבראַכט אין בענקשאַפט נאָך דער צאַרטער, דינער לוסטי״... און געדאַכט האָט זיך אים אַפילו — מאָדנע באַנג — אין אַרומיקן טומל אויפצור־כאַפּן אַ וויט, גלעקלדיק, מיידלש אויפלאַכן. זי האָט נאָך אַוודאי געהערט צו דער חברותא „יונגע״ פרזן־געטער אויפן ניו־יאָרקער שטיינערנעם פאַר־נאַס; זיי האָבן זיך דאָ, אויפן פרעמדן אָלימפּ, צווישן פריש־אַריבערגעקומענעם יידישן שער־און־אייזן־פּראָלעטאַריאַט, אַנהייב יאָרהונדערט, אַרומגעדרייט אין די רוישיקע קאַפעטעריעס און וויין־קעלערן, און געשטורעמט די „אַלטע״, אין זייער „מאָדערניסטישן״ עסטעטישן רעוואָלט.

היינט לויפט מען דאָ פאַרביי, און ס׳קוקט זיך שוין גאָר קיינער מער נישט אום; און אַוודאַי קוקט מען זיך נישט אום אויף דער האַלב־פאַר־מעקטער, פאַרברווינטער וואַנט־מאַלעריי, וואָס אים, דעמבעסן, וועלכער האָט אַ טבע צו קוקן אויף אַלץ מיט „געשיכטלעכע״ אויגן, האָט זי דווקא מאָדנע פאַרכאַפּט. מ׳לויפט פאַרביי צווישן די ענגע טישלעך, אַרום בופעט, מיט אַ טעפּל קאַפע, צוזאַרפנדיק דעם און יענעם אַ „העלאָו״. מ׳פאַרשלינגט עס און מ׳לויפט ווייטער.

אַהער כאַפּן זיך אַריין אין די מיטאָג־שעהן, אויף אַ פּאָר מינוט, די „הענט״ פון די רעדאַקציעס און דרוקערייען, וואָס רוישן אין די דערבייאיקע צייטונג־בילדינגס. אָבער דורך אָט דער אָפּגעבליאַקעוועטער וואַנט־מאַלעריי — אפשר נישט אַזאַ גרויס שעדעוור — אויף וועלכער קיינער קוקט זיך שוין מער נישט אום אין דער קאַפעטעריע, האָט דעמבעס דערזען — דאָס ציען צו די אַמע־ריקאַנער ברעגן, פון אַלטן קאָנטינענט, מיט איבער 80 יאָר צוריק, דעם שטראָם יידן־עמיגראַנטן, זייער ביטערן גערנגל אויפן קאַלטן שטיין פון דער ניו־יאָרקער, הימל־קראַצערישער ריזן־מעטראָפּאָליע. ס׳טיילן זיך אויס פון דער זשאַווערדיקער וואַנט־מאַלעריי צעפּאַטלטע יידן אין אַלטמאָדישע סורדוטן, אין פאַרשטויבטע מעלאַניקעס, ווי זיי שטופּן האַנט־וועגעלעך מיט אַלטוואַרג; ברייטע יידענעס ביי פיש־געשטעלן; יינגלעך מיט פאַרקאַשערטע דאַשיקעס, אַרומלויפן און אויסשרייען דאָס יידישע בלאַט צו פאַרקויפן. אַ גאַנץ פאָלק האָט געלאַנדעט ביי אָט די ברעגן, און מיט זיי — אַ גרויסע שעפערישע אינ־טעליגענץ. זיי האָבן דאָ שווער געהאָרעוועט אין די שוויץ־שעפּער און גע־לעבט אין די ענגע „טענעמענט״־הייזער, אַרום איסט־בראָדוויי, אין דער איסט־סייד, אין קאַנאַל־סטריט.

ווי נעכטן וואָלט עס געווען. אָט וועט זיך באַלד דורך דער דריי־טיר אַריינשטעלן דער תכשיט משה־לייב, די דיקלעכע ברילן פאַרהויכט, איבער די שטאָל־גרויע אויגן; אַ שלימזלדיקער פּרעסער אין אַ שאָפּ, ווי געוויינלעך, אַר־בעטסלאָז; דער שוסטער־יונג מאַני לייב, מיט זיינע בלייכע, אײדעלע הענט און גרינע מיידלשע אויגן; דער פּויעריש־געלאַסענער באַלמעלאָכע, מיט דער פאַרשטעקטער פּיפּ צווישן די שטאַרקע ציינער, אייזיק ראַבאָי; י. אָפּאַטאָשו, מיט דער פויגל־נאָז איבער דער אונטערשטער, אַרויסגערוקטער ליפּ, מיטן אויפגעשטעלטן קערנערל פון זיין העלן מאַנטל, דעם ברייט־ראַנדיקן הוט כמעט איבער די אויגן, אַ לערער אין די אָרעמע „היברו״־שולן, ערגעץ אין דער איסט־סייד.

נישט לאַנג אַריבערגעקומען, נאָך אַליין אַ יונגערמאַן, האָט זי דעמבעסן מיט עפּעס פאַרלאָקט, די פרוי, אַ לעבעדיקער עדות פון יענער גרויסער תקופה. ער האָט זי דאָרט אַפילו איינמאָל צעשטרייט אַ פּרעג געטון:

— כ׳בעט אייך, צי האָבן זיי דעמאָלט טאַקע אַזוי שטאַרק געגלויבט אין אונזער באַשטענדיקייט דאָ ?... צווישן אַן אויסגעדאַכטן רענעסאַנס... כ׳מיין, ווייל ס׳דוכט זיך אונז היינט...

— אָ, מ׳האָט זיי באַדאַרפט צו קענען — האָבן זיך אירע מאָגערע באַקן אונטער דער וואַלקע קרענקלעך געריוטלט — ס׳האָט געברענט אין זיי א הייליק פייער. זיי האָבן זיך געזען ווי אַ טייל פון וועלט־פאָלק... פון „עם עולם״.

מ׳האָט נאָך דאָרט לאַנג, גאַנץ פריילעך, אַרומגעפּלאַפּלט, און דאָס ווייבל מיט דער וואַלקע איבער די שיין־געצייכנטע, וועלקנדיקע ליפּן, האָט אים שוין דערנאָך געפירט מיט זיך. זיי האָבן זיך אין שפּעטן נאָכמיטאָג לאַנג געפּלאָנטערט אין די סאָבוויי־קאַטאַקאָמבן, אונטערגעשפּאַרט מיט זיילן, בעלקעס, אייזערנע שטיגן, טרעפּ־אַרויף, טרעפּ־אַראָפּ. ס׳האָט אַרום געצויגן א קעלערדיקע פייכטקייט. אין דער דעמפּיקייט, אין מעכטיקן געקלאַפּ פון ראָד־און־שינעס, האָט געציטערט, וויברירט הויכע עלעקטרישע שפּאַנונג. זי האָט אים פּלוצים אַ שטופּ געטון אין אַ געווימל פון נעגער, פּאָרטאָריקאַנער, מולאַטן, איטאַליענער, מיט פאַרביקע טיכער פאַרוואָרפן אַרום די העלדזער, ווען דער צוג איז האַסטיק אָנגעפלויגן. אין דער ענגעניש האָבן זיך איבער קעפּ געדרייט ווענטילאַטאָרן, ווי פליגל פון אַ רויב־פויגל, און דערפון איז, דוכט זיך, די היץ נישט אָפּגעפאַלן, נאָר פאַרקערט. די צעפּאַרעטע לייבער האָבן זיך געקנאָטן איינס אין אַנדערן. ער איז שיער נישט געהאָנגען אויפן היפּשן בוזעם פון אַ ברייט־צעוואַקסענער נעגערטע. אָבער ס׳קליינע ווייבל האָט זיך פלינק דורכגעגליטשט צו אַ שטיקל באַנק און אים אַ צי געטון נאָך זיך. מ׳איז געפאָרן לאַנג, ביז דער 118־טער גאַס. אויסגעשטיגן, זענען זיי אַראָפּ צו דער זייט פון איסט־ריווער, אויפגעהויבן זיך צו אַ 16־טן אָדער 17־טן שטאָק. זי האָט אויבן אָפּגעשלאָסן אַ טיר אין אַ ווינקל־קאָרידאָר, אים אַ רוף געטון, און אונטער דער וואַלקע איז געווען, דוכט זיך, אַ יונג־מיידלשער פאַרפירערישער פלאַטער. דאָס אַרויפגעדרייטע ליכט האָט אָפּגעדעקט צוויי באַשיידענע צימערלעך, מיט פאָרהענגלעך, סערוועטקעס, אַ שענקל מיט ביכער, אויף די ווענט צוויי שלעכטע רעפּראָדוקציעס פון „מאָנאַ ליזאַ״ און פון „מאָלצייט אויפן גראָז״ פון מאָנע. זי איז צו, אויפגעשפּאַרט דאָס פענצטער פון אונטן אַרויף. אַ פרישער שטראָם לופט האָט זיך אַריינגעריסן, אַ ווייע געטון דאָס מושלין־פאָרהענגל. פון אָונטיקן בראָדוויי האָט פּלוצים אַ פלייץ געטון, ווי אַ מעכטיק ים־גערויש, די אויטאָ־באַוועגונג. די פילקאָליריקע עלעקטרישע שילדן האָבן ביז ווייט אַראָפּ זיך געגאָסן, געווימלט, ווי אַ פייערדיקער פאָנטאַן.

— זיצט — האָט זי צוגערוקט אַ טיפן אַלטמאָדישן פאָטעל, און אַליין האָט זי מיידלש־פלינק, אַוועקגעאיילט צום זייטיקן קיכל, צוצוגרייטן כיבוד.

אויפן נידעריקן טישל מיטן אויסגענייטן „לויפער״, האָט ער דערווייל, עפּעס זייער אומרואיק, געבלעטערט דעם אַלבום, אין סאַמעט־געבונדענע טאָוולען, און טאַקע באַלד דערקענט צווישן די פאַרברוינטע אַמאַטאָרן־פאָטאָגראַפיעס, די „יונגע״, וואָס ער האָט נאָך אַמאָל, אין דער אַלטער היים, געטרונקען פון זייער קוואַל; ר׳האָט אויך אומגעריכט דערקענט צווישן זיי ס׳קליינע, פלאַטערנדיקע מיידל. זי איז געשטאַנען איבימטן דער באַנדע יונגע־

לייט, טייל אין ברילן, די מערסטע מיט גערייכטע, צעפּאַטלטע טשופּרינעס, אַנדערע מיט ברייט־ראַנדיקע היט, צעזונגענע, צעהוליעטע. איינעם האָט זי געהאַט פֿאַרוואָרפֿן אַ האַנט אויף זיין אַקסל.

זי האָט זיך שטיל צעלאַכט הינטער זיין רוקן. ר׳האָט גאָרנישט געהערט, ווי זי איז מיט קעצישע טריט אונטערגעקומען.

— און מיך דערקענט איר כאָטש ?... אַך, דאָס זענען געווען די „יונגע״... טאַקע אויף אַן אמת יונגע...

אין זיינע אויגן איז זי אַליין אויך מיטאַמאָל געווען ס׳קליינע, לאַכנ־דיקע, פֿאַרפֿלאַמטע מיידל פֿון צוריק מיט אַ יאָר 50 אַוודאי, פֿאַרבלאָנדזשעט אַהער איבערן אוקינוס פֿון עפּעס אַ ווייט, פֿאַרלוירן שטעטל אין דער אוקראַי־נע; אַ מיידל, צופֿעליק פֿאַרבלאָנדזשעט אויף א פּיקניק, אַ זונטיק־אַרויספֿאָר איבערן האָדסאָן. איר שטרענג־אויפֿגעטורעמטע פּריזור האָט זיך מיטאַמאָל צעשאָטן איבערן אַקסל, ווי אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע; זיי זענען אָבער אַצינד געווען גרוי, שטייף, ווי די דראָטן.

זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, אַ נעם געטון פֿון צוקאָפּנס א דין בענדל, אין רויטן סאַפֿיאַן־לעדער, כמעט בלינד אויפֿגעמישט, געלייענט, געלייענט :

...אין בענקשאַפֿט נאָך דער צאַרטער, דינער לוסט,

און שאַרפֿע ציינער־צייכנס אויף מיין ברוסט

פֿון אַ פֿאַרטרויטער, ציטערדיקער פֿרוי.

ער געדענקט שוין נישט אַקוראַט, נאָר אויב דער זכרון דינט אים, איז ער שוין, דוכט זיך, דעם אָוונט פֿאַרבליבן ביי איר, אויפֿן שמאָלן דיוואַן, אָדער — אפשר איז עס גאָר אינגאַנצן נישט פֿאָרגעקומען ? ווייל ער האָט זי מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער, דערמאָנט ער זיך, עטלעכע טעג אַרומגעזוכט אין דער קאַפֿעטעריע, נאָר זי האָט זיך נישט געוויזן מער. נאָך איין מאָל האָט ער אומישנע פֿאַרבלאָנדזשעט אויף דער 118־טער גאַס, אויפֿן בראָדוויי, וואָס פֿירט אַראָפּ צום איסט־ריווער. אָבער איידער נאָך ער האָט זיך אויפֿגעהויבן מיטן ליפֿט, האָט ער דערזען, ווי עטלעכע לייט פֿון דער גיכער הילף פֿירן אַראָפּ אַ טראָג־בעטל, איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך. קיינער פֿון די איילנדיקע לייט אין האָל קוקן זיך אפילו נישט אום. פֿון אונטערן שוואַרצן דעק האָבן אַפּערגעקוקט אַ פּאָר שפּיציקע פֿרויען־שיכלעך. אים האָט זיך פֿלוצים אויסגעוויזן, אַז דאָס זענען טאַקע אירע שיכלעך; ווי פֿלינק זי איז גע־לאָפֿן אין זיי איבער די טרעפּ פֿון דער סאָבווי. דער קליינער גוף אירער האָט זיך פֿאַרלוירן אונטערן שוואַרצן צודעק. דאָס קעטשל האָט געוואַרט פֿאַר די טרעפּ. זיי האָבן דאָרט ס׳טראָג־בעטל פֿלינק אַ פֿאַרשטופּ געטון דורכן הינטער־שטן טירל, און דאָס קעטשל איז באַלד, מיט אַ וויסטער קלינגעריי, אַנטלאָפֿן

אַראָפּ־בראָדווי. ער האָט נאָך אַ רגע געצווייפלט — ס׳איז נישט זי. פאַרוואָס מוז עס עפּעס גראָד זיי זי ? געדרייט זיך אַ היפּשע ווײַלע אין לאַנגן האָל, אַ ביסל אַ צעטראָגענער, און לסוף באַשלאָסן אַרויפצופאָרן ביזן 17־טן שטאָק. אויבן האָט ער פּלוצים מער נישט דערקענט דעם לאַנגן קאָרידאָר. ר׳איז נישט געווען זיכער, צי איר טיר איז טאַקע אין רעכטן, אָדער אין לינקן ווינקל. ער האָט שוין באַדויערט, וואָס ער האָט זיך פריער נישט געמאַכט עפּעס אַ סימן, למשל : די רויטע עמערס מיט די בייגל פון די פייערלעשער־קישקעס אויף יעדן שטאָק. ער האָט פונדעסטוועגן נישט דרייסט אָנגעקלונגען. דאָס גלעקל פון אינעווייניק האָט טויב אָפּגעהילכט, ווי פון אַ ליידיקייט. קיינער איז נישט געקומען אויפמאַכן. שטומע טירן אַרום. קיין איין טיר האָט זיך נישט געעפנט.

האָט ער באַשלאָסן צוריקצופאָרן אין דער קאַפעטעריע אויף איסט־בראָד־ווי, נאָכצופרעגן זיך דאָרט, אפשר וויסן זיי עפּעס ? אָבער קיינער האָט גאָר־נישט געוווסט אים צו ענטפערן. איינער פון די אַלטע שטאַם־זיצערס, אָנגע־שפּאַרט אין אַ טישל, האַלב־דרעמלענדיק, ווי אין אַ בית־מדרשל, האָט זיך, זעט אויס, נאָך געוויצלט אויך :

— וואָס רעדט איר ? זי ?... נאָך פּאָר צוויי־יאָרן, דוכט זיך, איז זי גע־שטאָרבן אין לאָס־אַנדזשעלעס... פון אַ קענסער, נישט־דאָ־געדאַכט... זי איז שוין נישט געווען קיין מיידעלע...

דער בייזלעכער ייד האָט אים שוין אינגאַנצן צעמישט.

— וואָס הייסט ?... — האָט דעמבעס געשטאַמלט איבער אים — ערשט פאַר עטלעכע וואָכן בין איך דאָ געזעסן מיט איר אין דער קאַפעטעריע. זי האָט מיר אַפילו געוויזן אַ מעדאַליאָן פון אים, דאָס באַרימטע בילד זיינס, ווו עס שיינען אַרויס זיינע גרינע אויגן...

— מיין פריינט... — האָט יענער, אָנגעשפּאַרט אין שטעקן, געקוקט פון אונטן אַרויף, ווי אין אַ ליידיקייט — איר זוכט דעם נעכטיקן טאָג... איר קומט שוין אַביסעלע צו־שפּעט... צו דער שקיעה...

.2

אַזעלכע שווערע מחשבות, ווייטע, נעפּלדיקע דערמאָנונגען, זענען אים די לעצטע צייט אָפּט באַפאַלן. ס׳איז אים — מ׳ווייסט נישט פאַרוואָס — פיל מאָל אויפגעשווומען יענע האַלב־פאַרגעסענע, אויסטערלישע באַגעגעניש, האָט אים פאַרפאָלגט, האָט אים נישט אָפּגעלאָזן אין די וואַכע נעכט. פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך שוין לאַנג מער צום רוישיקן איסט־בראָדווי נישט אַריבערגע־כאַפּט. נאָך וואָס ? צו וועמען ? ער איז לעצטנס סיי ווי שלעכט געשלאָפן, זיך אויפגעכאַפּט פון אַ ליאַדע שאָרך. ס׳איז אים טרוקן געווען אין מויל, ר׳האָט

געגענעצט, געצויגן די פאַרשטייפּטע גלידער; פּאַרטאַג, אין די פּעדזשאַמעס, אַרויסגעשאַרט זיך פון שלאָף־שטוב, זיצן געבליבן אין דער ליג־שטול אויפן באַלקאָן, פאַרשטעלט צו דער גאַס מיט די הויך־אויפגעשאָסענע וואַזאָנען — אָלעאַנדרעס, קאַקטוסן, פיקוסן, אַלערליי קריכנדיקע פלאַנצן. די אַלטע האָדע־וועט זיי מיט גרויס ליבשאַפט נאָך אַ ביסל גרינס. אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט אַפּילו אַ פאַרביק זומער־פייגעלע אין דער שטאָט פון בלויז ווענט, פלאַטערט אַרום, שטעלט זיך אַוועק אויף די אויפגעשאָסענע בליעכצן; פאַרבלאָנדזשעט אַוודאי פון נאָענטן צענטראַל־פּאַרק. פאַרוואָס, פרעגט ער זיך, קריכט מיר נאָך אַלץ אין קאָפּ אַריין די געשיכטע מיט יענעם ווייבל, וואָס ער האָט זי אַמאָל צופעליק געהאַט באַגעגנט אין דער קאַפעטעריע ? און ווי אַזוי אויך זי, אַ לע־בעדיקע איבערבלייבעכיש פון די „יונגע״, איז אַזוי אומגעריכט אַוועק אין כף־הקלע פון דער שטיינערדיקער מעטראָפּאָליע ? צי איז עס אַמאָל נישט די אויסגייענדיקע בענקשאַפט פון אונז אַלעמען, וואָס האָבן געשריבן, און שרייבן נאָך אַלץ, פאַר אַן אויסגעדאַכטן לייענער ? מ׳לעבט, הייסט עס, מער אין דער פאַנטאַזיע, ווי אין דערווירקלעכקייט. פאַרוואָס איז יענער פּאָעט מקנא יע־סיענינען, נישט אַזוי זיין גרויסן טאַלאַנט, זיין שפּראַך־מייסטערשאַפט, זיינע אימאַזשן, נישט אַפילו זיין הפקר־לעבן פון אַ באָהעם, זיין כוליגאַניש־פּאָעטי־שן טויט ? ער איז מקנא, דעם רוסישן פויערים־זון, יעסיענינען, ווייל — אויך די אינטימסטע ליריקער ביי אונז בלייבן — אַבסטראַקט. מאַני לייב האָט געזונגען פון פעלד און שניי; ס׳איז גיכער די דערמאָנונג וועגן שניי. ישראל שטערנס היי־פעלד שמעקט מיט — שפּיטאָל, מיט באַנדאַזשן. ז. ווײַנפּערס געשמאַקע וואַלינער ערד קלינגט אין זיין ליד אַזוי — „ערגעץ איז אַ לאַנד פאַ־ראַן״. אין אונזער וואָרט קענען מיר דעם אמתן גערוך פון ערד נישט דער־שפּירן. ביי אונז שמעקט די ערד נאָך אַלץ מיט — קאָלאָניזאַציע... טעריטאָר־יאַליזם... אַביסל ציוניזם... מיט תנ״ך־וויזיעס... אונזער ליריק איז אַ פילאָזאָ־פישע, זי ציט איר יניקה גיכער פון פּיוט, פּאַטאָס, קלאָגן על גלות השכינה, בענקשאַפט נאָך ערד. אָנשטאָט ערד־פרישקייט, פילן מיר דעם ריח פון גייסט, זעלישע באַפליגלטקייט, וואָס שוועבט איבער דער ערד.

ער האָט אין דער פרי עפּעס מער קיין חשק נישט געהאַט אַוועקצוזעצן זיך, ווי געוויינלעך, צום אַלטן שרייב־מאַשינדל; האָט פאַרלוירן דעם פאָדעם נאָכצוגיין די העלדן, אַרויסצוכישופן זיי פון זיין שווער־איבערגעלאָדן געמיט. ווי שטאַרק זיי האָבן אים אָבער אין אָנהייב פאַרכאַפּט, באַגייסטערט, האָט ער אַצינד איבערגעוואָרפן די בלעטלעך, אַ בליק דאָ, אַ בליק דאָרט, געפונען אַלץ באַנאַל, פלאַך, און — פאַר וועמען, כ׳בעט אייך ? „קיצלען די אַלטע יידע־נעס״... ווי זיין אַלטער פריינד פישל בימקאָ האָט זיך, מיט נישט ווייניק ביי־טערניש, אַנומלטן אַרויסגעכאַפּט, איידער ער אַליין איז אויך אָפּגעשטאָרבן.

ער איז אין די לעצטע פּאָר יאָר געזעסן ערגעץ אין אַ זייט, אָפּגערוקט פון גאַנצן טומל, אַרום דער 5־טער עוועניו, ביים צענטראַל־פּאַרק, אין אַ באַ־שיידענעם אַפּאַרטמענט, אַרומגערינגלט מיט ווענט ביכער־פּאָליצעס, שטויסן

אַנגעוואָרפענע צייטונגען, נישט־פאַרענדיקטע כתבים, דעם באַרג פּאַפּיר פון זונטיקדיקן „טיימס״, פאַרפאַלן צו ווערן. נאָר דער מילד־ווייסער טעלעפאָן האָט אים נאָך פאַרבונדן מיט דער אויסערלעכער וועלט. דעם וועכנטלעכן קאָלום האָט ער לאַנג געמייסטרעוועט, עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד, נישט מיד גע־וואָרן צו פיילן, צו שניצן יעדעס וואָרט, איבערצושרייבן, און לסוף, אָן אָנ־געבלענדטער, מיט אַ מידן רויש אין קאָפּ, געכאַפּט זיך — נאָכוואָס, צום טייוול, פאַר וועמען האָרעווען, אַריינלייגן דעם גאַנצן כוח און מוח ? ווער שאַצט עס דען אָפּ ? מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָט ער דעם מאַנוסקריפּט אָוועקגעשיקט מיט דער פּאָסט. דעם טשעק האָט ער אויך באַקומען דורך דער פּאָסט. ס׳האָט זיך אים מער נישט געגלוסט צו גיין בטלנען, פּטרן צייט אין דער קאַפעטעריע אויף איסט־בראָדוויי. די אַלטע קאָלעגן זענען שוין כמעט אַלע געווען אויפן עולם־האמת. די דיכטער לידלען נאָך דאָרט אַלץ וועגן חורבן. צי זענען זיי נישט דעם חורבן אַרום אונז גופא ? און די זשורנאַליע — צו זיי האָט ער נאָר ביטול. זיי פאַרשונדעווען דאָס יידישע לשון, זוכן ביליקע סענסאַציע, רייסן זיך אַרום ווי די קעץ איבער אַ שטיקל „דזשאַב״. טשעקאַ־ווע, צי דרייען זיך נאָך דאָרט אַלץ אַרום די געעלטערטע אלמנות, פרעגט זיך ?

געוויינלעך, מ׳באַגעגנט זיך פון צייט צו צייט — נאָר ביי אַ לוויה פון עמיצן פון עלטערן דור. נאָר אין אָנבליק פון טויט אַליין מאַכט מען, זעט אויס, אַ שטיקל ערלעכן חשבון־הנפש. ווי באַנג, אויסגייענדיק ס׳האָבן אַנומלטן געקלונגען די צוואות; ביי איינעם — מ׳זאָל ביים אָפענעם קבר זינגען משה־לייב׳ס : „ווען די זון וועט אַרונטערגיין הינטערן באַרג״... און אין זיך אַריין האָט דעמבעס אַ מורמל געטון : „אַז די זון וועט אַרונטערגיין הינטערן באַרג״, וועט נאָך איין מאָל אַ לויכט טון די פאַרגייענדיקע וועלט פון יידישע פּאָעטן, דערציילער, דראַמאַטורגן און חלומות־שפּינער. פאַרפאַלן, מיר מוזן זיך אָפּ־שיידן. אָבער וואָס פאַראַ שיינע וועלט ס׳פאַרגייט מיט אונז״... ביי אַ צווייטן — האָבן אין דער שטילקייט פון בית עלמין, אַזוי ווייט, אַזוי הויל, אַזוי מאַוימדיק, אָפּגעהילכט, צווישן די שיטערע ביימער, די אומעטיקע צימבל־טענער פון לערמאָנטאָוו׳ס אַלט, ראָמאַנטיש ליד : „וויכאָזשו אַדין יאַ נאַ דאָ־ראָגו״... דאָס ליד האָט געזונגען אינעם אויפגעשטורעמטן בלוט פון אַ דור יידיש־רוסישע אינטעליגענטן. ווו זענען זיי ? וויי־וויי, גאַנצענע וועלטן האָבן זיך מיט אָט די לידער אויסגעלאָשן. ערשט ווי לאַנג, אַז מ׳איז דאָ געזעסן מיט זיי, פריילעך געטומלט, דיסקוטירט האַלבע נעכט, ביי שלום׳ען אין דער קאַפעטעריע, אין די וויין־קעלערן, אין דער בוכהאַנדלונג ביי בידערמאַנען, אויף די רוישיקע קולטור־קאָנפערענצן, צו זען ראַטעווען פון אונטערגאַנג. שוין ! אויס ! אַלץ האָט זיך מיט זיי פאַרענדיקט !

אומגעקערט זיך צו די אייגענע פיר ווענט פון קבר אָבות, איז אין האַרצן געבליבן אָפּגעזעצט ביי אים אַ מין פּאַסקודנע קנאה־געפיל, אַפילו צו די, וואָס זענען שוין לאַנג אויפן עולם־האמת. דאָס פאָלק האָט זיי באַגלייט צו זייער אייביקער רו ! אין יידישע שטובן זענען אין ספרים־שענקל אין יע־

נע יאָרן פונדעסטוועגן שטיינגעבליבן זייערע געזאַמלטע ווערק, אין שטרענגע שורות; זיי האָבן פאַרמאַכט די אויגן, אין טיפן גלויבן, אַז זיי האָבן געדינט דאָס פאָלק.

סוף וואָך קען מען אַמאָל אַזוי אָפּזיצן שעהן און דורכרעדן זיך ביים טעלעפאָן, מיט אַ געעלטערטן קאָלעגע, מיט דעם עלקינען, למשל. געוויינ־לעך, מען וווינט איינער פון אַנדערן מיילן־ווייט אין דער ריזיק־פאַנאַנדער־געוואָרפענער שטאָט. די אַלטע ביינער ברעכן, קרעכצן. דער ווינטער אין ניו יאָרק איז אַ ביטערער. זיצט מען אין ווייכן פאָטעל, אונטערן אַבאַזשור, אין דער פאַרשטעלטער, אָנגענעמער, מילכיקער שיין. אַ האָריקער דיוואַן אונטער די פיס, אין די שטעק־לעטשלעך. די קאָלאָריפערן פאַרשפּרייטן אַ ליבע וואַרעמקייט אין הויז. די געעלטערטע פרוי שטעלט אַוועק אַ גלאָז טיי אויפן טישל, גייט שטיל אַרויס, און מ׳רעדט זיך אָדודך דורכן דראָט:

— צי איז דען די וועלט, כ׳בעט אייך, אויף אַ האָר בעסער געוואָרן, נאָכן איבערזעצן אויף שבעים לשונות אונזער תנ״ך, דעם רמב״ם, שפּינאָזאַן?

— מילא — די וועלט... זי לאַכט זיך אויס פון אונז... אָבער די יוגנט, אונזער יוגנט... זי פאַרשטייט נישט און וויל נישט פאַרשטיין אונזער לשון, אונזער וועלט.

— דער טויט — קלאָגט זיך דעמבעס — רייסט פון אונז לעבעדיקע שטיקער. „מיר שטאַרבן יעדן טאָג אין קליינע דאָזעס״... ווי ס׳זאָגט דער פּאָעט. אַלץ איז, דוכט זיך, ראַציאָנעל, אָבער די גאַנצע געשיכטע און קול־טור־געשיכטע אונזערע איז איראַציאָנעל. מיר זענען אָפּטימיסטן בעל כרחך. באשר — אמתע ווערטן ווערן נישט פאַרלוירן... ס׳איז נאָך גאָרנישט אַזוי זיכער. מ׳טרייסט זיך צוביסלעך — מיט חלשות.

און ער דערכאַפּט דורכן דראָט, ווי עס צעשיט זיך דאָרט אַ בייז, דראָבנע געלעכטער:

— קנאת סופרים מרבה — שטות... קליינלעכע עלנבויגן־רייסעניש. מ׳שטיינסגעזאָגט — איבער וואָס? מאַכט זיי כאָטש אַלע פאַר סטאַרן...

— אונזער גאַנצע האָפענונג איז אָבער אַלעמאָל געווען, אַז דער קו־מענדיקער דור... אונזערע אידייען... אונזער וועלט... מיט איין וואָרט...

— אויך אַן אילוזיע, מיין טייערער דעמבעס. און אפשר איז עס נאַטיר־לעכער גאַנג? האָבן מיר דאָך אויך אַמאָל ווידערשפּעניקט אין אונזערע אבות. וויפיל צרות האָבן זיי געהאַט פון אונז?

— נו, און איבערזעצן, איינבעטן זיך ביי זיי, אונטערטראָגן זיי אַ ביכל, אָנטון זיך אין פרעמדע אותיות, אין פרעמדע קלאַנגען. צי האַנדלט זיך עס בלויז אין געפינען דעם ספקדיקן עקוויוואַלענט אין אַ פרעמד לשון?

ס'האַנדלט זיך אין אַרויסבאַקומען די עכטע פאַרב, דעם אידעלן ניואַנס, די עפיש־היסטאָרישע באַלויכטונג, די אַדעקוואַטע ווערטער־סימבאָלן, הונדער־טער יאָרן איינגעפרעגט אין אונזער געמיט. אַנישט — צו וואָס טויג עס ? שלום עליכמען פילן זיי דען, מיינט איר, יאָ, ווי מיר פילן אים ?

דעמבעס רייסט זיך דערנאָך מידלעך אויף, שפּאַנט איבערן צימער, אַן אומרואיקער, אַן אומצופרידענער מיט זיך אַליין. עפּעס פרעסט אים אינע־ווייניק; כאַפּט זייטיק אַ בליק. דאָרט שטייען אויף דער פּאָליצע אין שטרענגע רייען די געליישטע רוקנס פון די קלאַסיקער, די נעאָ־קלאַסיקער, די „יונגע״, פאַרזען מיט דעדיקאַציעס, וואָס האָבן אים אַמאָל זייער געשמייכלט. משה־לייב ברילט דאָרט אין זיין „ניו יאָרק״, לאַמעד שאַפּיראָ — אין זיין „ניו־יאָרקיש״; עס רוישן אָפּאַטאָשו׳ס אַלטע „פּוילישע וועלדער״; מאַני לייב פאַרוואָרפט די בלייכע הענט אין זיינע בלויע אָוונט־לידער. גאָט מיינער, פאַר וועמען וועט עס דען בלייבן ? מאָדנע, יאָרן, ביזן גרויסן אומגליק, האָט מען ווי ס'איז געלעבט אין אַ גאַנצער יידישער וועלט; געשאַפן מיט אַן אָפּ־טימיסטישער זעלבספאַרשטענדלעכקייט, אַז ס'איז היינט גאָר אַ חרפּה צו טראַכטן; ביז — די וועלט האָט זיך אַ טרייסל געטון, גענומען זינקען. אַפילו יעקב גלאַטשטיינ׳ס קלאַפּ אין דער טיר :

אַ גוטע נאַכט, ברייטע וועלט,
גרויסע, שטינקנעדיקע וועלט,
נישט דו, נאָר איך פאַרהאַק דעם טויער,
מיט דער פייערדיקער געלער לאַטע,
גייט איך צוריק אין געטאָ.
מיט דעם שטאָלצן טראָט,

איז דעמאָלט עפּעס נאָך אַלץ צו זיינע חושים נישט דערגאַנגען.

ווען די וועטערן ווערן לינדער, מאַכט מען טיילמאָל האַלב־וועגס און מען טרעפט זיך ערגעץ אין אַ שטילערער געגנט, אַרום דער 56־טער גאַס, אָדער אַרום לינקאָלן־צענטער. דאָרט האָבן זיי אָפּגעפונען אַן ערטעלע, אין אין אַ קאַפעטעריע, פאַר געציילטע. שיינע ווינער מיידלעך אין ווייסע הייב־לעך אויף די לופטיק־בלאָנדע האָר, מיט חנוודיקע פאַרטוכלעך, סערווירן דאָרט קאַפע מיט שלאַגזאַנע (סמעטענע). עס שוועבן דיסקרעט, אין האַלב־פאַרטונקלטן ליכט, פון אַ פאַרהוילענעם הילכער, שיינע ווינער וואַלסן.

מען מוז זאָגן, ר'איז אַ ייד אַ חכם, דער עלקאָן; טראָגט דעם באַגאַזש פון אַ שיינעם אינטעלעקטועלן דור אויף זיינע אַביסל געזונקענע אַקסלען. ער איז נאָך אַן אַנטרונענער פון די אַמאָליקע, לאַנג אויסגערונענע, רוישיקע אינטעלעקטועלע בינשטאָק־צענטערן, ווו אונזער געשיכטלעכע מיסטעריע

האָט זיך אָפּגעשפּילט; ווו אַזוי פיל יידן פון אַלע מינים האָבן זיך מיטגע־פלאָנטערט — קיעוו... פּעטראָגראַד... מאָסקווע... בערלין... פּאַריז... די ערב־היטלער־כוואַליע האָט אים, שוין קוים אַ לעבעדיקן, פאַרטראָגן אַהער, צו די ברעגן פון לאַנד. מ׳קען זאָגן אַ גאַנץ לעבן — אַן עמיגראַנט. זיינע קורצינקע עסייען, אַזוי קאָנדענסירט, נעמען אין זיך אַריין אַ וועלט מיט אויסגעאיידלטן פּעסימיזם, אידייען, סטיל־געשליפנקייט, בליץ־געדאַנקען. אָבער ווער קען זיך דען היינט אויס אויף דעם ? ווער שאַצט עס דען ביי אונז היינט אָפּ ? ער האָט געפילט, דעמבעס, אַז מיט קיינעם נישט, ווי מיט אים, קען ער זיך אַזוי אינטים אַראָפּרעדן פון האַרצן, טאַקע „פּאַ דושאַם״, ווי מ׳זאָגט. ס׳איז מאָד־נע, מיר זוכן אָפּט אַזאַ מענטש, ווי אַ דורשטיקער זוכט אַ טרונק, מיר עפע־נען פאַר אים דאָס האַרץ, און — ס׳בלייבט נאָך פאַרט אַזאַ פּוסטע הוילקייט. ס׳איז נאָך אַלץ נישט דאָס. מ׳האָט טיילמאָל דאָס געפיל, אַז יענער לאַכט זיך גאָר אויס הינטער דיינע פּלייצעס, מיט דיין גאַנצן צער און ביטערניש.

עלקאָן קוקט זיך איין אין דעמבעסן אַריבער דער שאַרפער, אויפגע־לויכטענער בריל. זיין לענגלעך אַריסטאָקראַטיש פּנים מיט די אַראָפּהענגענ־דיקע בעקלעך, איז זאַפּרען־געל. אָבער ער קלאָגט זיך, חלילה, קיינמאָל נישט אויפן געזונט. אַזעלכע ווי ער הערן גאָרנישט די דאָקטוירים אויך, מיט זייע־רע שטרענגע אָנזאָגן, מיט זייערע דיעטעס, וואָס מ׳טאָר און וואָס מ׳טאָר נישט; געניסן פון אַלץ, ווי לאַנג ס׳לאָזט זיך און — שטאַרבן פּלוצים. ס׳איז אפשר גאָרנישט נאַריש ! אין דער צייט, ווען ער פרעסט זיך אַליין אויף, לעבט מיט שטרענגע דיעטעס, שלינגט פּילן, וואָס ער טראָגט ביי זיך אַלע־מאָל אין וועסטל־קעשענע. דאָס קלוגע, דורכדרינגלעכע שמייכעלע זיינס זאָגט, אַז ער וואַרט ער זאָל ווידער עפּעס אַרויספּלאַצן. לאָזט ער אים, על־קאָן, פאַרציט ברייטלעך דעם טראַדיציאָנעלן אַראָמאַטישן ציגאַר פון זיינע אַמאָליקע בערלינער „ראָמאַנישע־קאַפיי״־יאָרן.

— אָט צו וואָס מיר זענען דערגאַנגען, מיין ליבער עלקאָן. מילא — די אַנגליזירטע, וואָס כאָטש אַליין האָבן זיי זיך אויפגעהאָדעוועט אין הויז ביי יידיש־רעדנדיקע טאַטע־מאַמע, אַז זיי צעשמירן אונזער אָרעם ביסל יידיש־קייט פאַר דער וועלט, באַשפּייען עס, ציניש, אויסלאַכעריש... מען לייענט זיי מאַסנווייז. זיי זענען די „בעסטע סעלער״, כאָטש ווי קומען זיי צו אונזע־רע דורכשניטלעכע אַפילו. אָבער אַזאַ בלייוויס, למשל... וואָס טוט ער אויף דערמיט, אונז אויסצושטעלן פאַר דער וועלט דווקא מיט אונזערע מיאוס־קייטן... און די פּרעמיעס לייזן שוין דען אַלע אונזערע וויטיקן ?

— פּרעמיעס לייזן בכלל גאָרנישט. אויך ביי לייטן טיילט מען פּרעמ־יעס, ס׳רוב פאַר דורכשניטלעכע ביכלעך. הינטער די שרייבער שטייען אָבער געווינלעך, רעגירונגען, קולטור־מיניסטעריומס, קולטור־אַטאַשעס; אַ גע־נויער יערלעכער פּראָגראַם פון אַ קולטור־אָפּענסיווע אין די וועלט־שטעט. ס׳איז אויך — פּאָליטישער פּרעסטיזש, אַז איר ווילט — פּאַקטיש קולטור־

אימפּעריאַליזם. אָבער געלט און כּיבודים איז נאָך אויך נישט אַלץ. מען פאַר־געסט זיי סיי ווי. אונזערע קאַריפייען אין וויטן עבר, ווי אין נאָענטן עבר, האָבן נישט געדאַרפט קיין פּרעמיעס. זיי האָבן אין זייערע מעכטיקע ווערק באַלויכטן דעם פינצטערן וועג אונזערן, אין די ענגע געטאָ׳ס, אַרומגע־רינגלט פון באַרבאַרן און וועלף. לאָמיר זיך לערנען אויסדויער, סטאָישן גע־דולד ביי אונזערע ראשונים. נעמט אונזער שלום אַש׳ן. כ׳רעד שוין נישט פון זיינע קריסטלעכע אויסברוכן. אַביסל געשעפטסמעסיקייט קען מען אים מוחל זיין. אָבער צי וועט דען עמיץ אין דער וועלט געדענקען אין אים ? צי איז ער דען ביי זיי שוין נישט אַ פאַרגעסענער ? אָבער אין אונזער גרויסן, אַרעמען מקדש וועט ער פאַרבלייבן. זיין מעכטיק געזאַנג צו דער פּראָסטער, הייליקער שיינקייט פון אונזערע פאַרשווונדענע שטעטלעך ביי די טייכן פון פּוילן, צו דער הויכער רוחניות פון אונזער אָרעם, דערשטיקט לעבן — אויב פאַרבלייבן, וועט ער נאָר ביי אונז.

דער שיינער קאָפּ ביי רפאל דעמבעס האָט זיך שוין באַצייטנס געזיל־בערט. דער מידער בליק, אַ פאַרגייסטיקטער, פון אונטער דער בריל, האָט אויסגעגעבן שלאָפלאָזע נעכטביים שרייב־טיש, פאַרטון אין ספרים, אין כּתבים, אין מחשבות.

— דער בלייוויס... — דערזופט דעמבעס די אויסגעקילטע קאַפע, און מען פילט, אַז עפּעס טאַטשעט אים — האָט, וויסט איר, גרויס דערפאָלג מיט זיינע איבערזעצונגען. איז מילא, פאַרגין איך עס אים מיטן גאַנצן האַרצן. ער איז, מוז מען זאָגן, אַ געוואַלטיקער סטיליסט, אַ מייסטער אין יידישן לשון. מ׳קען יאָ, אָדער נישט מסכּים זיין מיט זיין אופן פון שילדערן אונזער יידישן עבר אויף דער פּוילישער ערד, דעם געדיכט־אָפּגעשטאַנענעם שטיי־גער אונזערן. נאָר צי איז דען סעקס דער אמתער שפּיגל פון יידישער גייס־טיקייט אין די אויגן פון דער וועלט ? זיין גרויסער ווערט ליגט אָבער דער עיקר אין פאַראייביקן, מיט אַ געוואַלטיק־קינסטלערישן אויג און אויער, ביזן מינדסטן ניואַנס, דעם אידיאָם אונזערן פון אוראַלט־יידישן לובלינער קאַנט. צי פילן זיי עס דען אַרויס, די גוים ? וואָס ברענגט דען די איבער־זעצונג ? פאָלקס־מעשה, פאָלקס־לעגענדע, מיט איין וואָרט — פאָלקלאָר, אָבער נישט אונזער טיפּישן נוסח, אוראַלט־יידיש, וואָס לאָזט זיך אפשר גאָר־נישט איבערזעצן. פאַר מיינע אויגן שטייט דער דיכטער מיטן אָפּגעצערטן סקעלעטן־פּנים, מיט די פיבערדיקע הענט. ער איז דאָ נישט לאַנג אויסגע־גאַנגען, אַן עלנטער, אַ פאַרגעסענער. גיי זעץ איבער זיין ווייטיק, זיין גרויל־וויזיע פון אַ וועלט, וואָס איז צוזאַמען מיט אים אונטערגעגאַנגען.

ער האָט זיך שטאַרק געפאַרכטן דערפאַר, דעמבעס, און פאַרט איז ער פון צייט צו צייט אַליין שטיינגעבליבן ביי די ביכער־שרענק, אַביסל פאַר־מוחט, אַרויסגעצויגן אַ בוך זיינס, דערשינען אין יענע יאָרן פון גרויסע אי־לוזיעס; געבלעטערט, אַריינגעקוקט, פאַרקרומט זיך, ווייל נישט אַלץ איז אים

אַליין אַצינד געפעלן. ס׳האָט אים אַזש אויפגערעגט: ווי אַזוי האָט ער געקענט שרייבן אַזעלכע שטותים ?... דאָס פאַרגעלטע פּאַפּיר האָט שוין, חוץ אַלעמען, אָפּגעגעבן מיט צעפּאַלונג, מיט שימל. „די אייביקייט... די שטויב־אייביקייט״... — איז ער געקומען צום אומעטיקן אויספיר — איז אויך נאָר אַן איינרעדעניש. וויפל יוגנט־האָפענונגען, יוגנט־פיבערן, אין די בלעטער זענען אָבער פאַרזיגלט ! די גרויסע קריטיק האָט אים אין יענע יאָרן געלויבט. ער האָט באַלד דאָס בוך צוריק פאַרשטעקט, מער נישט אומגעקוקט זיך. „די פאַרשאָלטענע בעסט־סעלערס״... — האָט ער געמורמלט מיט זיינע דינע, פאַרביסענע ליפּן און אויסגעמיטן דעם אייגענעם צעשטרייטן בליק זיינעם, צו דערזען זיך אין שפּיגל. ער האָט זיך פונדעסטוועגן זייטיק גענומען נאָכפרעגן וועגן איינעם פון די איבערזעצער; אַ פלינקער יונגערמאַן, איז אים עפּעס גלייך פאָרגעקומען חשודיק. יענער האָט אַ נעם געטון דאָס בוך, געווויגן עס אין דער האַנט, אַ מיש געטון מיט די אָפּגעביסענע נעגל פון זיינע ווייכע פינגער, האַסטיק אַוועקגעשמיסן עס און אָפּגעפּסקנט אויפן אָרט:

— שטרייכן... קירצן... אַרויסוואַרפן די אומפאַרשטענדלעכקייטן פון אייערע יידישע פלאָנטערן... מיר לעבן אין אַ צייט פון טעכניק... מען פליט צו דער לבנה...

דעם געעלטערטן, סאָלידן יידישן שרייבער רפאל דעמבעס איז פּלוצים באַפאַלן אַן איבל. ער האָט שטאַרק חשק געהאַט צופירן דעם יונגנמאַן צו דער טיר, פאַרקלאַפּן זי אים הינטער דער נאָז. נאָר ער האָט זיך באַהערשט, קוים איינגעהאַלטן אין זיך דעם צאָרן, איינגעשטימט, בלינד איינגעשטימט. שטילערהייט האָט עס אים (צווישן אונז זאָל עס בלייבן) אָפּגעקאָסט אַ היפּשע מטבע אויך. נאָר גאָרנישט, צו באַרואיקן דאָס אייגענע געוויסן. און אַז ער האָט דערנאָך אַריינגעקוקט אין די בלעטלעך און זיך אַליין אינגאַנצן נישט דערקענט, האָט ער עס מיט כעס אַוועקגעשמיסן; האָט זיך נישט געקענט שענקען, אַריינצולאָזן זיך אין עסקים מיט אַזעלכע גליטשיקע יונגעלייט. ס׳איז געווען ביי אים דאָס פּאַסקודנע געפיל, ווי ער וואָלט איינגעטונקען די הענט אין שמוץ, געלאָזן זיך טרעטן מיט די פיס פון אַ ליאַדע גאָרנישט, און ועל כולם — פאַרשוועכן דאָס אויסגעליטענע יידישע וואָרט. גאָט מיינער ! צו וואָס מיר זענען דערפירט געוואָרן ! אָט זעצט מען זיי דאָרט אויך איבער, אין רוסלאַנד, מ׳גיט אַרויס זייערע ביכלעך אויף רוסיש. די אויסגעמאָרדעטע רעהאַביליטירט מען אויף אַזאַ ביליקן אופן. אַ בראָך צו אַזאַ רעהאַביליטאַציע ! קיינער קוקט זיך סיי ווי אויף זיי נישט אום, ווי אויף אַ שרץ. אוי, ווי זיי בענקען דאָרט אָבער נאָכן פשוטן יידישן אות ! און מיר... מיר זענען צו פעט געוואָרן פון שוווילטאָג. אַ מין נייע עבודה זרה.

און געקומען אויפן זיבען איז אים דער ייד, דער ביטערער עקשן, דער פּאַטריאַרך פון אַ פאַרגייענדיקער ציוויליזאַציע; ער רופט צוריק צו דער שטעטל־קולטור, צו אירע ערלעכע, אויטענטישע ווערטן; ער רופט צוריק

צו די אמתע פאָלקס־קוואַלן, מיט אַזאַ גרויסער נאָסטאַלגיע, מיט אַזאַ בענק־שאַפט, מיט אַזויפיל האַרצוויטיק, וואָס מיר צערינען אין דער וועלט, וואָס אונזערע יידן און אונזער יידישקייט פאַרשווינדט, ווערט אויסגעריסן מיטן וואָרצל אויף אייביק פון דער מזרח־אייראָפּעאישער לאַנדשאַפט. און דאָ, אין אורבאַניזם, וואָס פרעסט אונז דירעשט אויף... די געשיכטע... וואָס פאַרמאָגן מיר דען, אויסער די געשיכטע ?

3.

און ס'האָט אים, נאָך אַזויפיל יאָרן, נאָך אַמאָל אַ צי געטון צו די רעשט־לעך פון אויסגעקוילעטן פאָלק, אויף יענער זייט אוקיינוס. די וועלט איז קליין געוואָרן. אַ פלי איבער נאַכט און — שוין. ביי זיי האָט זיך נאָך דאָרט אַוודאי עפּעס אויפגעהיט פון אַמאָליקן אַראָמאַט, וואָס גייט אים נאָך אַ גאַנץ לעבן. אַנדערע זענען געגאַנגען פאַר אים קיין ישראל. דאָרט איז, ווי געוויינ־לעך — כיבודים, רעדעס. מען דריקט די האַנט פון טייערן ייד, דעם בן־תורה, דעם פרעזידענט, וואָס שרייבט אַליין לידער אין יידיש. מ'זיצט ביי דעם, ביי יענעם, ביי אַ שבתדיק גלעזל טיי. וואָס קען נאָך זיין היימישער, ליבער, ווי דערמאָנען זיך, ווי אין דער אַלטער היים ? אין זייער נערוועזיטעט אַפילו איז דאָ — באַשטענדיקייט. זיי זענען ביי זיך. איז דאָרט אויך אַזוי — אַביסל באַדויער, אַביסל קוים־פאַרשטעלטע היפּאָקריזיע. מען זעצט דאָרט אַמאָל איבער אויך אַ יידיש ביכל, נאָר ווער קוקט זיך דען אום ? אַט האָט מען איבערגעזעצט זיינס אַ ביכל און ס'האָבן זיך געפונען בלויז... פיר לייענער. האָט ער זיי געוואָלט אָנקוקן, די פיר לייענער זיינע.

— כ'בין געקומען — האָט ער זיי באַלד געזאָגט — איינלאַדן מיינע פיר העברעאישע לייענער צו אַן אינטימען באַנקעט... קוקן זיי אין די אויגן אַריין און ביי זיי אַ פרעג געבן : „זה השכר מכל עמלי ?"...

געפירט האָט אים דער איידעלער דיכטער מיטן פאַרנעפּלטן בליק, ווי ביי אַ קעמל. ער האָט דאָ אַמאָל, פון די ערשטע, געזונגען דאָס ליד פון עמק, אין יידיש. ער האָט מיט זיין ליד געהאָלפן בויען. אין זיין שווער־אָנגעלאָדן שווייגן איז געווען נאָכמער אויסברוך, ווי אין זיינע קאַרגע רייד. פונדעסט־וועגן האָט עס זיך צומאָל אַרויסגעכאַפּט :

— זיי וואַרטן נאָר, אַז דער דור זאָל אויסשטאַרבן. זיי וואַרטן געדול־דיק, קלוג, הומאַניטאַר, זייער גרויסמוטיק. כ'בין אַפילו חושד, אַז ערגעצווו ווערט שטיל געפירט אַ סטאַטיסטיק, אַ גענויער חשבון, לויט עלטער, לויט יאָרן. זיי זענען זיך אָבער טועה. אונטער טיפע אַשן פון פאָלק גליט נאָך אַלץ אַ פונק. ער וועט נישט פאַרלאָשן ווערן...

— איר ווייסט, אין אַ סך הינזיכטן, דערמאָנט עס דאָ אַלץ אין אונזער אַמעריקאַנער וועסטערן־אַוואַנטוריזם... גאָלד... נאַפט... שטחים... די איבער־נאַכט אויפגעשטאַנענע מיליאָניקע שטעט... אַ סאַלון... שיסערייען... עפּעס גאַרנישט יידישלעך.

— קוקט אָן, די שיינע בוכהאַנדלונגען,די ברייטע שוי־פענצטער אויף דיזנגוף, בן־יהודה, באַליגט מיט די שענסטע אויסגאַבן, אין ענגליש, פראַנ־צויזיש, רוסיש, אַראַביש, אַפילו דייטש... אָבער קיין יידיש וואָרט וועסטו דאָ נישט געפינען. קיין געזעצן דערויף זענען נישטאָ, אָבער עס עקזיסטירט אַ שטילער געזעץ, זיי ווילן עס דיר נישט זאָגן אָפן. נאַכוואָס אַרויסרופן בייז בלוט ? לועזית — פרעמד־שפּראַכיק... זיי ווייסן אַליין נישט אויף וויפל זיי פאַרדאַרבן דערמיט די יוגנט.

דרויסן איז געווען סעפּטעמבערדיק־שיין, כאָטש די ווינטער־רעגנס זענען שוין געהאָנגען איבערן קאָפּ. אין שבתדיקן נאָכמיטאָג האָט ער אים געפירט אין דער רוישיקער קאַפע „כסית", אין קלוב „מילא". צוליב דער געשטער־טער שבת־קאָמוניקאַציע, איז דאָרט שיטערלעך פון עולם. די נידעריקע עס־טראַדע — אין טיפן שאָטן פון אויסגעלאָשענע לעמפּ איבער דער פּיאַנע. אַ פּאָר שטאַם־געסט, ביי אַ פּאַרטיע שאַך, אָדער פאַרגראָבן אין די צייטונגען אויף די שטעקעלעך. אָבער ווי נאָר ס׳באַווייזט זיך דער ערשטער שטערן אויפן הימל, וואַקסן זיי דאָ אויס, פון אַלע עקן לאַנד; ווען די רעדער אין לאַנד נע־מען זיך ווידער דרייען מיט דער גאַנצער פּאַרע, ווערט דאָ פול און רוישיק. מען כאַפּט זיך דאָ יעדע ווילע צום קליינעם קעשענע־טראַנזיסטאָר — ביים סועץ... אין גולן... אין די אַלע היימישע מסיבות, סוף וואָך, אין ירושלים, פונקט ווי אין שדה בוקר, איז דער שבת, זעט אויס, נישט קיין געוויינלעכער רו־טאָג. ביי אַ היימישן טיש מיט כיבוד, עוגה, פּירות, ווערן אַרומגערעדט, באַשלאָסן אַלע וויכטיקע ענינים פון טאָג. מען וועגט, מען מעסט, און די זשורנאַליע — אַרום זיי — זיי ווייסן שוין ווי צומאַרגנס אָנטאַפּן דעם פּולס, שטעלן דעם טראַפּ, אין די לייט־אַרטיקלען, אין די פּרעסע־אָפּרופן. אין „כסית" דערפילט מען פלוצים, ווי ענג, ממש אינטים, ס׳איז דער גאַנצער קרייז. ס׳קומען די לאַנגהאָריקע, די „אַבסטראַקטע" קינסטלער, „לייכטע" דאַמען, פאַרבונדן מיט הינטערקוליסן, פּאָליטישע אינטריגעס, און אפשר — שפּיאָנאַזש ? ווער ווייסט ? מיט אַ געניט אויג, קען מען אַפילו דערכאַפּן די געהיים־אַגענטן, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום.

— קומט ! — האָט אים דער דיכטער, פאַרטראַכט, מיטגערופן.

זיי זענען אַרויס. אַ פינצטערלעכע גאַס, גרינס הינטער גאַרטן־שטאַכעטן. דאָ קלאַפּט דער פּולס פון דער גרויס־שטאָט. אויפן פּלאַץ האָבן זיך אַריינגע־ריסן די טעאַטערן, די סינעמאַס, די צענטראַלע בענזין־סטאַציע, דער ככר דיזנגוף מיטן פאָנטאַנדל, מיט די פּאָר שיטערע בענק אויפן אָפּגעוועלקטן גרעזל; ס׳זעט דאָ אויס אַביסל פּראָווינציעל, כאָטש עס הויערן אַרום הויך־

פאַרריסענע, פילשטאָקיקע הייזער, ס׳בלענדן, ס׳צינדן און לעשן זיך די גרויסע רעקלאַמעס. אַט פליסט די רוישיקע גאַס מיט יוגנט, עס רוישן די קאַפייען, צעלייגט אויפן טראָטואַר פון רחוב דיזנגוף.

— פלוצים קען דאָ אַלץ ווערן — פראַנט, קיין שפּאַן נישט אָפּצוטרעטן. די, וואָס קריגן זיך, וועלן זיך בייזאַמען וואַרפן אויפן שונא, אים צו פאַרטיליקן, צו פאַרטיידיקן דאָס שטיקל ערד, וואָס איז הייליק, נישט דווקא לויט די הייליקע ספרים, נאָר פון דורותדיקער בענקשאַפט צו טרעטן אויף איר זיכער.

און ער הערט אַלץ איבער זיך די שטילע, פאַרביסענע רייד פון דיכטער מיטן פאַרנעפּלטן בליק:

— מיר פאַרלירן זיך דאָ. אַ ביכל קען נאָך איבערזעצן, אָבער אַ גאַנצע ציוויליזאַציע פון אַן אויסגעקוילעטע פאָלק? זי קען נישט ווערן אַ טייל פון אַ מדינה פון יידן. נישט קולטור־מיניסטעריומס און דעקרעטן וועלן באַשאַפן דאָס לעבעדיקע לשון פון פאָלק. צי זעט דען נישט היינט, אין רעטראָספּעקטיוו, אויס נאַריש דער גאַנצער פּרוקטלאָזער קאַמף יידיש־העברעאיש?

— יאָ — האָט דעמבעס געקרעכצלט — אין דער געשיכטע איז שווער עפּעס צוריקצוכאַפּן. מען קען נאָך אָבער אַ סך ראַטעווען. די יידישע ליטעראַטור איז נאָך אַלץ גרויס, אין איר טראַגיזם, אין איר טרויעריקער עפּיק, אַפילו אין איר אונטערגאַנגיזם, פון דורות, לענדער, קלימאַטן, רעזשימען. מיר לעשן זיך אומעטום אויס לאַנגזאַם, אָבער איך ווייס נישט, צי די ליטעראַטור וועט נישט ווערן פּראָווינציעל־קליין אין קליינעם ישראל. פון א קליין פאָלק מיט אַ גרויסער ליטעראַטור, קענען מיר ווערן אַ קליין פאָלק מיט אַ קליינער פּראָוויניציעלער ליטעראַטור. איז עס אפשר אויך נישט קיין אומגליק. סיי ווי איז די אַלוועלטלעכקייט — אַן אילוזיע. ס׳טראַכט זיך טיילמאָל, אַז די אַלוועלטלעך־גרויסע שרייבער זענען געוואָרן אַלוועלטלעך אין עפּאָכעס, אַן טעלעוויזיע, אָן פליען צו דער לבנה, ווען דער מענטש האָט געלעבט אין זיין קליין וועלטל; מ׳האָט זיך פון שטאָט צו שטאָט געטרייסלט אַ טאָג מיט אַ נאַכט. די ראָמאַנטיק־שלייערן זענען אַראָפּגעריסן געוואָרן. פיל „גרויסע״ אַלוועלטלעכע, זענען גיכער אַ פּראָדוקט פון רעקלאַמע, בעסט־סעלעריי, און זיי בלייבן — אומבאַקאַנט. אָבער וואָס מער אינטערנאַציאָנאַליזם — אַלץ מער די ביי־גונג פון נאַציאָנאַלער אָפּגעשלאָסנקייט, ביי קליינע און גרויסע פעלקער. אַל־דאָס איבעריקע זענען מסתמא — פראַזן.

אָבער ווי געטון האָט אים, דעמבעסן, אונזער זעלבסטמערדערישער זעלבסטהאָס, די עגאָפאָביע.

— אַט האָט לייוויק ערשט פאַר עטלעכע יאָרן, קורץ פאַר זיין אַוועקגיין פון אונז, זיי דאָ אַ וואָרף געטון: „כ׳בין צו שטאָלץ היינט צו מאָנען ביי יידן כבוד פאַר יידיש. איך ווייס אויך, אַז מיר אַלע, ווער מיר זאָלן נישט זיין, זענען נישט די לעצטע פּוסקים און אַנטשיידער. נישט מיר — דער, צי יענער — זע־

נען די אַבסאָלוטע האַרן איבער אונזער געשיכטע, אַפּילו ווען זיי זענען אין געוויסע מאָמענטן אירע מייסטערס און בויערס. עס איז דאָ אַ העכערע קראַפט איבער אונז"...

4.

צוריקוועגס פון ישראל, האָט זיך דעמבעס פאַרהאַלטן אויף עטלעכע טעג אין פּאַריז אויך. עפּעס טומלט זיך דאָרט. פון דער ווייטנס — קען מען טאַקע מיינען מי יודע וואָס. אַ מענטש מאַכט זיך אַלעמאָל אילוזיעס; בפרט, אַז מ'האָט אים טאַקע אַרומגערינגלט מיט גרויס כבוד, אַראַנזשירט אַ פייערלעכן באַנ־קעט, גערעדט וועגן זיינע וויכטיקע ווערק, אים שיער נישט געשטעלט אין שפּיץ פון דער יידישער ליטעראַטור. דער גאַנצער נאַר איז ער אויך נישט געווען. ר'איז, נישקשה, אַ מבין אויף קוים־פאַרשטעלטער חניפה. נאָר — ס'איז דאָך פאָרט אַן עולם השקר. מ'נאַרט צוביסלעך זיך אַליין אויך, און מ'לאָזט זיך נאַרן פון אַנדערע. עפּעס איינעם פון זיי האָט מען דאָ איבערגע־זעצט אַ ביכל, האָט ער זיך צעשמירט אין בלאַט, זיך אַליין שיער נישט פאַר־גליכן צו... טאָלסטאָיען, מיט זיינע לאַנגע, לאַנגווייליקע שילדערונגען פון אַן עפּיגאָן, מיטן פּוסטן אָנשטעל פון ביליקער זעלבסט־געקרויינטקייט. אים טוט גאָרנישט ווי, אין דער צייט, ווען מיר גריזשען זיך מיט אַזויפיל ספקות.

זיי האָבן אים געברענגט צופירן אין אַ היימיש רייך הויז פון יידישע קאָנ־פעקציאָנערן, שטריקער־פאַבריקאַנטן, מעצענאַטן בלע"ז; יידן מיט רויטע קערק, און דיקלעכע ווייבער, באַהאַנגען מיט צירונג. זיי זענען דאָ אַלע פול געווען מיט שמייכעלעך פאַר דער בלאַנד־צוגעפּאַרבטער באַלעבאָסטע, פלינק ווי אַ מיידעלע, און פאַרן מאַן אירן מיט די פּויערישע, ראָז־אויסגעגאָלטע באַקן. דער יונגערמאַן מיט די פאַרשפּיצטע פּיאַהלעך האָט דער באַלעבאָסטע געקושט אין דער פולכנער האַנט, באַלייגט מיט שווערע רינגלעך, מיט בליש־טשענדיקע בריליאַנטלעך. זי איז געווען שרייענדיק־בלאָנד. יענער האָט דאָרט עפּעס הייס געפּלאַפּלט אין איר ראָזן, אָפּגעדעקטן אויער. און צום חשובן גאַסט, צו דעמבעסן, האָט זי באַלד אַ זאָג געטון:

— כ'זאָל אַזוי גוטס־האָבן, ווי אייערע „באַשרייבונגאָס" זענען גאָלד מיט בריליאַנטן... לאָמען שוין טאַקע אַלע האָבן אַזאַ יאָר...

„וויי־וויי... — האָט נאָך דעמבעס באַוויזן אַ טראַכט צו טון, און ס'איז אים באַפאַלן אַ מין איבל — אין וואָס פאַראַ טיפן פּראָווינציאַנאַליזם מיר זענען צוריקגעפאַלן"...

— ווו איז ערגעץ וויינלעז ? — האָט דעמבעס פלוצים הויך אַ פרעג געטון, און האָט זיך האַסטיק אונטערגעהויבן פון שטול, ווי צו אַנטלויפן. ער האָט גע־

פילט, ווי אַ קלעפּיקער שוויס באַפאַלט אים — וויינלעז... זיינע לידער האָבן מיך דאָס האַרץ צעריסן.

דער פלינקער יונגערמאַן איז געשטאַנען לעבן אים, צעמישט :

— אָ, ווינלעז... ער קומט, געוויינלעך, נישט אַהער, אין די דאָזיקע הייזער... — און ער האָט עפּעס געשטאַמלט — אַן אָרעמער מענטש...

— ווו איז ער ?

— ער ליגט אין שפּיטאָל...אַ האַרץ־אַטאַקע...

— ער איז נישט אַזוי אָרעם, ווי איר מיינט.... פירט מיך צו אים... — האָט ער כמעט באַפוילן.

און ער האָט זיך באַלד אויפגעריסן אַוועקצוגיין. ס׳איז געוואָרן אַ ביסל נישט אָנגענעם צו צעשטערן די גאַנצע רוישיקע שמחה, מיט די פול־אָנגעשטעלטע טישן; נאָר ס׳האָט אים פשוט אַרויסגעטריבן.

מ׳האָט אים געפירט. געפאָרן איז מען לאַנג מיט דער מעטרא, צוויי מאָל געטוישט די ליניעס, געדרייט זיך אין לאַנגע קאָרידאָרן, ביז מ׳איז אַרויסגעקומען אויף אַ גרויסן פאַרשנייטן פּלאַץ. (ס׳איז געווען סוף יאַנואַר, ווען אין פּאַריז פאַלט טיילמאָל אַראָפּ אַ שניי, און בלייבט ליגן נישט מער ווי איבער נאַכט). אין טונקל־באַלויכטענעם טויער פון שפּיטאָל האָט מען זיי אָנגעוויזן אַראָפּצו אַ ווייטע געביידע. ס׳האָט דאָרט פאַרשמעקט מיט יאָדאָפאָרם, מיט איבלדיקע שפּיטאָל־ריחות. ס׳האָבן אַקעגנגעפּלאַטערט צוויי שמאָלע מיידלעך אין ווייסן, קראַנקן־שוועסטערן. זיי האָבן שווייגנדיק אָנגעוויזן צו דער האַלב־אָפענער טיר. אַז דעמבעס האָט לייכט אָנגעקלאַפּט, אַריינגעקוקט, האָט ער דערזען וויינלעזן, ווי ער ליגט פאַרטראַגן, אומגעדרייט צו דער וואַנט. לויטן שאָרך, האָט זיך דער קראַנקער אומגעדרייט און באַלד אָפּגערופן זיך מיט אַ שוואַך, געשפּאָלטן קול :

— פּריינט דעמבעס... ווי דאָס קראַנקע האַרץ וואָלט מיר אָבער געזאָגט...

און ער איז צוגעפאַלן און אַרומגעקלאַמערט אים מיט הייסע, פיבערדיקע הענט, כמעט ווי געכאָרכלט :

— מען וועט שרייבן נאָך מיר טרויער־אַרטיקלען, האַלטן טרויער־רעדעס, אַז מ׳האָט מיך נישט דערשאַצט... כ׳וויל נישט ! — האָט געשריגן — פאַלשע טרערן ! ווען איר ווייסט, וואָס פאַראַ סדום דאָ איז !...

— ווי אומעטום, טייערער וויינלעז... אויף אונז ליגט אָבער די גרויסע אחריות, די שליחות, נישט צו לאָזן אויסלעשן זיך דאָס פלעמל... שטאַרקט זיך, זיי אַלעמען אויף צו־להכעיס.

אַ שטומע קנויל איז אים שטיינגעבליבן אין דער קעל. טאַקע, מיט וואָס נאָך האָט ער אים דען געקענט טרייסטן? אַראָפּגייענדיק מיט אויסגעלאָשענע טריט, האָט ער זיך געכאַפּט, דעמבעס: וואָס האָט אין אים, דעם עלנטן, צע־וויטיקטן יידישן דיכטער, אין אורשפּרונג אויפגעפּיבערט? נישט אַנדערש, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל דערפילט אויף זיך דעם וואַרעמען טוי אין אַ מיידלשן בליק. שוין זייער לאַנג מסתמא ווי זיינע יינגלשע פּיס האָבן זיך פלינק געטראָגן איבער די פאַרנאַכטיקע ווילנער געסלעך, צום כאַר אויף זאַ־וואַלנע; יונגע באַלמעלאָכעס, שילער, אַ צוויטשעריי פון יונגע שטימעלעך. עס זינגט אין די געבלוטן ביי אים ביזן היינטיקן טאָג. די רעאַל־גימנאַזיע; דער לערער משה קולבאַק, זיין געשליפן וואָרט, כולו רוחניות. דערנאָך — איז אים אין וועלט נאָך דער אַנדערער אונטערגעגאַנגען; אַ קאַלטע, ציינישע, מערדע־רישע וועלט. פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך שוין מער, אויף אַלע זיינע וואָגלע־נישן, אין ערגעץ קיין אָרט נישט געפונען. אָט רעדן מיר, ווי פון שלאָף — קולטור... יידישע ליטעראַטור... ס׳איז אפשר נאָר אַן אילוזיע, אַן אויסדוכטע־ניש.

דער יונגערמאַן מיט די פאַרשפּיצטע פּיאהלעך איז אים אָבער אומעטום נאָכגעקראָכן, נאָכן פאַרשטערטן פייערלעכן באַנקעט ביי די אַרויפגעאַרבעטע יידן און יידענעס; אַפילו צונויפגעפּירט אים מיט איינעם פון די חשודיקע ליטעראַרישע רעדאַקטאָרן פון עפּעס אַ פראַנצויזישן פאַרלאַג; אַ גאַליציאַנער ייד, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, האָט אַליין אַמאָל אַרויסגעגעבן אַ פּאָר ביכלעך אין דייטש. רעמינעסצענצן... ווידערשטאַנד... אַביסל טראַנצקיזם... אַ גרויס מויל און הויכע פראַזן. גרויע, שיטערלעכע האָר אויפן פלאַכן פויגל־שאַרבן, צו־ביסטרע אויגן אונטער געדיכטע ברעמען, דינע ליפּן, נידעריק אין דער פאַרשפּיצטער גאַמבעקע. ווען ס׳איז געווען אין דער מאָדע, האָט זיך אַזאַ איי־נער מסתמא טיטולירט: דאָקטער, פאַרלייקנט, אָדער קאָמופּלירט זיין יידן־אָפּשטאַם. גערעדט האָט ער דווקא זאַכלעך, שכלדיק, טרוקן. דעמבעס האָט זיך מער נישט געמאַכט קיין אילוזיעס, אָבער האָט געוואָלט דערגיין, וואָס הינ־טער דעם אַלעם שטעקט. ער האָט יענעם לאַנג געלאָזן רעדן:

— איר מיינט אַז מען וויל אונז אַזוי שטאַרק? איר ווייסט נאָך נישט אַלץ. כ׳בין אייך נאָך מקנא מיט אייער... אַרעמקייט. איר זענט גאַנץ, איר זענט ביי זיך...

דאָ האָט ער דערפילט דעם ריס אין דער נשמה פון אַ יידן־אָפּשטאַמיקן. אָבער דעמבעס האָט עס געוואָלט פאַרשטיין מיטן שכל:

— פונדעסטוועגן... ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ יוגנט, וואָס קען אונז נישט... וואָס וויל אונז נישט קענען... זיי פאַרכליניען זיך מיט מיטלמעסיקע ביכלעך, וואָס ווערן ביי זיי געקרוינט מיט פּרעמיעס...

— איר זאָלט מיר מוחל זיין — איז יענער אומגעריכט אַריינגעפאַלן אין צאָרן ממש — וואָס ווילט איר, מיר זאָלן דערלייגן צו אייך געלט? אַ בוך איי־

בערזעצן, אַרויסגעבן, טרייבט אַריין אין גרויסע הוצאות. און וויפל פאַרקויפט מען דען ? ווער קוקט זיך דען אום ?... ווייסט איר דען נישט, אַז הינטער די אַלע פּרעמיעס שטייען וועלט־פּאָליטישע אינסטיטוציעס, אַפילו פּאָליטישע אינטריגעס. מען גיט דעם פּרייז לענדער, נישט קיין שרייבער; און ס׳האָט נישט אַלעמאָל דווקא צו טון מיט ליטעראַטור...

אַז ער האָט זיך גוט איינגעקוקט אין יונגערמאַן מיט די נידעריקע, שי־טערלעכע האָר אויפן פלאַכן שאַרבן, איז אים אַליין עפּעס אַ רחמנות געווען אויף אים. יענער, האָט מען געזען, שטיקט זיך מיטן ביסל יידישקייט. ער איז נישט דאָ און נישט דאָרט. אַזעלכע שרייבנדיקע יונגעלייט פּלאָנטערן זיך דאָרט אונטער די פיס. גרעסערע פון אים וועלן מסתמא נישט פאַרבלייבן. דאָרט אַרבעט שטילערהייט אַ שטרענגע סעלעקציע. נישט איליאַ ערענבורג, נישט פיל אַזעלכע, ביי די פראַנצויזן, ביי די דייטשן, ביי די רוסן. ער איז אפשר גערעכט, ס׳האָט זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט אָן ערלעך וואָרט — מיר זענען אָרעם, נאָר — ביי זיך.

אָבער ווער זענען זיי אין תוך, די יונגעלייט ? ער האָט זיי אומעטום גע־זען פּלאָנטערן זיך אונטער די פיס. זיי זענען אין די ערב־חורבן־יאָרן אויפ־געוואַקסן אין דערשראָקענע יידישע היימען; געקומען צום שכל, האָבן זיי אָנגעהויבן קוקן מיט ביטול אויף זייערע אייגענע טאַטע־מאַמע, מיט זייער ווילד לשון, מיט זייער קולטור (לאָזיקייט), מיט זייערע טרויעריקע שנײדערי־שע פּראָפעסיעס. זיי פאַרשטייען בכלל נישט צוליב וואָס פאַראַ סאָרט יידיש־קייט זיי דאַרפן עס ליידן. זיי זענען פּעאיקער פון אַנדערע אין שול, און פאָרט — נישט גלייך. מ׳קען זיי איבערזעצן פּרץ׳ן, שלום עליכמען ווערטלעך, אָבער אָבער דעם גייסט־געפיל, די פאַרשוווּנדענע וועלט — קיינמאָל נישט. און דאָס איז דאָך דאָס פאָלק פון פּרץ׳ן, פון שלום עליכמען, וואָס איז געפירט געוואָרן צו דער שחיטה.

אָט דער דור שרעקט זיך אַפילו קנאַפּ־וואָס פאַר שמד, וויל אַנטלויפן, וואָס שנעלער אַנטלויפן. די אומבאַהאָלפענע רייד אין אונזער מויל, אויפצו־קלערן זיי, זענען בלאָס. מיר קענען זיי די וועלט, וואָס מיר טראָגן אין זיך, נישט דערקלערן. מיר זענען דער דור אָן יורשים; כאָטש מ׳קען קיינמאָל נישט וויסן: מ׳האָט שוין אַמאָל געזען עפּעס ענלעכס אין אונזער געשיכטע.

ס׳ליגט שוין אָבער אין דער נאַטור פון געוויסע יידן, איבעראַשט צו ווערן פון אַ פרעמד לשון, פון אַ פרעמד ביכל — האָט דעמבעס וויט נאָכגע־טראַכט. זיי האָבן דאָס צווייפלהאַפטע גליק צו באַזיצן אַ נישט־יידיש לשון. ווייטע יידישע רעמיניסצענצן לעבן נאָך אין זיי. ווען זיי האָט די פראַנצוי־זישע שרייבערין סימאָן דע באָוואָר דאָ נישט לאַנג זיך אַרויסגעכאַפּט : „זיי זענען נישט אומפּעאיק... אָבער זיי בלייבן ביים ראַנד פון פרעמדע ליטעראַ־טורן"... מיר זענען די לעצטע יאָרן טרויעריק אַריין אין דער „מאָדע", און זיי קומען אויסלייגן יידישע צרות, ווי מציאות אויפן יאַריד. אין דער נישט־

יידישער וועלט נעמט מען טיילמאָל אויף זייערע גבית־עדותן ווי אויטענטישע יידישע שאַפונג, אָבער וואָס פאַראַ שייכות האָט עס מיט אונז ? זיי גייען צו עפּעס אַזוי קאַלט, כירורגיש. מיר — עמאָציאָנעל, מיט אַלע אונזערע פיבערן. זייערע ביכלעך האָבן אין יידיש נישט קיין באַזונדערן ווערט, אָדער אינגאַנצן נישט קיין ווערט. זיי זענען קוים אַ בלאַסער אָפּשיין פון אונזער חורבן־ליטע־ראַטור. זיי טיילט אָפּ אַ הויכע מויער פון די אמתע, טיפע יידישע פאָלקס־קוואַלן. נישט אומזיסט רופן זיי אַרויס אַזאַ אויפרעגונג ביי די, וואָס האָבן אַליין איבערגעשוידערט די געטאָ־ און לאַגער־וואָר. מען רירט דאָ אָן אַ טיפע וווּנד אין זיי. דאָס איז אויך אַ באַווייז, אַז מען שאַפט נישט קיין יידישע ווערטן אין נישט־יידישע לשונות. אויסנאַמען, בלויז אויסנאַמען. די דייטשן האָבן אונז אפילו היינריך היינע צוריקגעוואָרפן אין פּנים אַריין...

ערשט נאָך דעם אַלעמען האָט זיך רפאל דעמבעס אויפגעהויבן און אומ־געקערט זיך צו זיין ניו־יאָרקער היים, באַדאַכט, ווי קיינמאָל נישט. טרויעריקע יידישע וואַנדלונגען... — האָט ער זיך געזאָגט — יידישער גאַנג צווישן די פעלקער, ווי יענער ייד, דער פּאַטריאַרך, באַצייכנט עס, מיט אַזויפיל ווייטיק און נאָסטאַלגיע. לאָמיר זיין דאָס, וואָס מיר זענען, און נישט רייסן זיך אין פרעמדע טירן. אַ יוגנט, וואָס גייט אַוועק פון אונז, קוקט אויף אונז מיט ביטול, דאַרפן מיר זיי נישט נאָכלויפן, איינצובעטן זיך ביי זיי מיט אַן איבער־געזעצט ביכל. זיי וועלן זיך אפשר נאָך אַמאָל באַדענקען, ווען מ׳וועט זיי אין דער פרעמדער וועלט אַרויסשטעלן הינטער דער טיר... מיר האָבן שוין נישט איין מאָל אַזוינס אויך געזען.

און מאָדנע, ווי ער וואָלט זיך געפילט אויסגעהיילט פון אַלע זיינע קאָמ־פּלעקסן. ער האָט זיך געפילט געשטאַרקט, איז גוט געשלאָפן, אויפגעהויבן זיך אין פרימאָרגן, און מיט אַ לייכט, זינגענדיק געמיט, מיט אַלטן ברען, אַוועק־געזעצט זיך צום אַלטן שרייב־מאַשינדל, געפּיילט, געשליפן, אַריינגעלייגט אַ וועלט מיט אַרבעט, זיין גאַנצע ליבע אין יידישן וואָרט, וואָס האָט נישט איין דור הפלגה איבערגעלעבט. און זיין אַלטער גוטער פריינד, עלקאָן, האָט מיט זיין אויסגעאיידלטן פּעסימיזם, גערעדט צו אים דורכן דראָט :

— מיין ליבער דעמבעס, מיר זענען אַן אַלט, אויסגעפּרוווט פאָלק, פאַר־סקלעפּעוועט אין יהדות, אין תורה. דאָס איז אונזער גורל, נישט פון היינט. דאָס נאָכשפּרינגען די וועלט האָט אונז קיין גוטס נישט געבראַכט. לאָמיר זיין דאָס, וואָס מיר זענען. איר דערמאָנט זיך אפשר די פערזן פון יעקב גלאַט־שטיין, ערב דעם גרויסן וועלט־אומגליק ?

אַ גוטע נאַכט, ברייטע וועלט...

...נישט דו נאָר איך פאַרהאַק דעם טויער...

1970

דער ייד פון ראָטערדאַם

אויסגעגעבן ס׳פּאַרגרינטע טעכטערל, דאָס איינציקע שטיקל קינד, וואָס איז איר פאַרבליבן נאָכן דעפּאָרטירטן מאַן אירן, האָט דאָס זשוואַוועו ווייבל, ראַשעל, אַ ספּריטנע, אַן אויסטויגעריין, זיך מיט איין מאָל דערפילט אַ ביסל פּרייער; און זי איז אַנומלטן אַליין געגאַנגען און אַריינגעשטעלט אַ קליינעם אַנאָנס אין יידיש בלאַט אַריין, דהיינו, אַז: „ס׳ווערט געזוכט אַ גוט־אויסזעענ־דער מאַן, אַזוי צווישן 55 און 65, צוועק — הייראַט״; און ס׳האָט זיך טאַקע איינגיכן געמאַכט פאַר איר אַ גאַנץ פּאַסיקע „זאַך״; ווען ס׳לאָזט זיך נישט דער־נאָך אויס מיט דער וויסטער גראַטשקע דאָרט...

דער מרה־שחורהדיקער ייד, אַ שטיקל מעקלער, אַ שטיקל שדכן, וואָס דרייט זיך דאָ אַרום אויף דער קאַפּע־טעראַסע, פּלאַץ רעפּובליק, האָט צוערשט מיט איין פאַרקוועטשט אויג זייטיק אָפּגעמאָסטן דאָס צוגעפּוצטע ווייבל, גע־געגוג צופרידן; נאָר אײדער וואָס־ווען, האָט ער פאַרלאַנגט עפּעס אָפּגעשטעקט אין יד אַריין; ווייל געוויינלעך, ס׳איז פאַרבונדן מיט הוצאות... דאָס, יענץ... ווי שייך...

אין דער שידוכים־בראַנזשע צווישן די לייט, נישט פון דער ערשטער יוגנט, איז אויך אָנגעגאַנגען אַ וויכטיקע קאָרעספּאָנדענץ צווישן פּאַריז, בריסל, אַמסטערדאַם, אַפילו מיט תל־אָביב און לאָנדאָן. דאָס מאָל האָט ער ס׳ווייבל נאַראַיעט אַ שידוך אַזש פון ראָטערדאַם; זיי האָבן זיך אָבער געזאָלט טרעפן אויף „באַשוי״ אין מיטן וועג, אין פראַנקפורט אַם־מיין. סיי ווי האָט זי אין דייטשלאַנד שוין לאַנג געהאַט עפּעס צו דערליידיקן וועגן דער דייטשער רענ־טע, און האָט זיך ביי דער געלעגנהייט אַריבערגעכאַפּט אַהין אויף אַ טאָג־צוויי. מ׳וויס נישט פאַרוואָס, נאָר זי איז גלייך געפאָרן אַהין מיט אַ ביסל פאָרכט, מסתמא אויפסניי אָנצוקוקן די טריפהנע דייטשע צורות, און אפשר נישט בלויז צוליב דעם.

די באַן פון פּאַריז איז אָנגעקומען שפּעט אין אָוונט. אַ טאַקסי האָט זי גע־פירט, און ס׳האָט היפּש געדויערט ביז זי האָט זיך דערפרעגט צום „האָ(טעל)־אָביב״, אויף דער שילער־שטראַסע, אין פראַנקפורט אַם־מיין. דעם זעלבן האָטעל „צום ווייסן שוואַן״, וואָס איז דאָ משנה שם געוואָרן אויף „האָ(טעל)־

אָביב", האָט דאָ פאַר עטלעכע יאָרן געהאַט איינגעהאַנדלט אַ שטילער, חסי־דישער יונגערמאַן, מיט אויפגעשטעלטע קלאַפּקעס, מיט אַ צעחושטן בליק פון אונטער דיקלעכע ברילן, אַ יורד פון ישראל. דאָס האָט ער אַליין טאַקע, שוין שפּעטלעך, געפירט מיט זיך דאָס פּאַריזער צעשראָקענע ווייבל צום הויכן שטאָק, מיט דער ווינדע, טיר נומער 78, און האָט ביי איר באַלד זייטיק גע־פּרווּוט אַלץ געוויר צו ווערן; זי האָט זיך, דאַכט זיך, מיט גאָרנישט אַרויסגע־כאַפּט, אָבער ער האָט שוין אַלץ געוווּסט. ער האָט טשעקאַווע אַ באַקוק געטון ס'ווייבל מיט זיין צעחושטן בליק פון אונטער די דיקלעכע ברילן:

— אַזוי... דעם ייד פון ראָטערדאַם ?... — האָט ער זיך געשטיקט מיט עפּעס אַ טרוקן געלעכטערל — כ'קען אים, צופעליק...

— פון וואַנען ווייסט איר — סאַרענער ?... — האָט זי געלאַכט פאַר־אינטריגירט.

— הערט, וואָס דאַרפט איר מער ?... כ'האָב פאַר אייך אַ בעסערן שידוך... — האָט ער איר באַלד אויפן אָרט פאַרזיכערט — יענער איז אַ שנאָרער... איר וועט האָבן ביי אים אָפּגעשניטענע יאָר... איר זעט דאָס אַלץ ? — האָט ער איר געוויזן — אַזאַ באַלעבאָסטע ווי איר, פעלט דאָ...

זי האָט אים אָנגעקוקט — מאָדנע, גאָרנישט געענטפערט, נאָר האָט באַלד דערנאָך, אַביסעלע צו האַסטיק, פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר פון פרעמדן, קאַלטן האָטעל־צימער; צוויי מאָל איבערגעדרייט דעם שלאָס. זי איז שטיין־געבליבן אַ ביסל דערשראָקן, אַרומגעקוקט זיך און האָט זיך נאָך לאַנג איינ־געהערט אין די טריט פון פרעמדן מאַן, פאַרלוירן אין די ווייכע דיוואַנען פון טיפן קאָרידאָר.

זי האָט זיך רעכט אַפילו נישט אויסגעטון, אַוועקגעוואָרפן זיך אויפן פרעמדן, קאַלטן בעט. איבערן פינצטערן סופיט זענען נאָכאַנאַנד געלאָפן רויטע, בלויע, גרינע ליכט־העזעלעך פון דער אויטאָ־פאַרעריי אין דער שילער־שטראַסע. זי האָט זיך איינגעהערט מיט פאַרדאַכט צו די פאַרשטיקטע גערוישן הינטער די ווענט און ס'איז איר אַלץ נישט אַרויס פון זינען — אַ מאָדנער ייד, ער וויל שוין אַלץ וויסן, און מאַכט נאָך אַ מינע, ווי ער וואָלט קיין צוויי נישט געקענט ציילן...

ערשט פאַר עטלעכע יאָרן, אַז ער אַליין, דער צעחושטער יונגערמאַן, האָט זיך געהאַט אַראָפּגעכאַפּט פון ישראל, קיין פראַנקפורט, איז אַ פאַר מאָל זייטיק אַריינגעקומען אין דער קאַפע „פרענצל", אויפן רוישיקן האַשערסהיימער־טורם־פּלאַץ; דאָרט האָבן דעם גאַנצן טאָג געראַיעט אַרום די טישלעך די נאָך־מלחמהדיקע, פלינקע יונגעלייט מיט די ברייטע אַקסלען און שווערע רינגען אויף די פינגער. זיי האָבן דאָ געהאַט עפּעס גאַנצע עסקים — נאַכט־קלובן, נאַכט־באַרן; די מערסטע אָבער — וואַלוטע־הענדלער, הענדלער פון יאַפּאַני־שע טראַנזיסטאָרן, בוי־פּלעצער און... טואַלעט־פּאַפּיר. נאָכגעפרעגט זיך, אי־

בערגעשמועסט, האָט דער צעחושטער יונגערמאַן אינגיכן איינגעהאַנדלט די קניה, אין גלייכע געלטער; ס׳האָט זיך דעמאָלט געהאַנדלט, האָט מען געשמועסט, אין אַ היפּשער סומע דאָלאַרן, קאַסע־געלט.

אַזוי איז ער שוין דאָ פאַרבליבן אַ תושב, אַ נכתב אין דער קליינער יידישער קהילה; אַריינגעכאַפּט זיך יעדן שבת דאַוונען אין בית־מדרשל, פאַרשטעקט אין אַ הינטער־גאַס; האָט זיך טאַקע אויך שיין געלאָזן קאָסטן פאַר כלל־זאַכן, פאַרן מגבית, אַן עליה ביים אויפרופן אים צום ספר. מערסטנס יידן האָבן שוין געוווּסט צו פאַרפאָרן צום „האַ(טעל)־אַביב״, אין דער שילער־שטראַסע, א געביידע פון אַ זיבן־אַכט שטאָק, מיט אַן אַ שיעור צימערן. אין אַ זייט פון לאַבי, אין פאַרשטעלטן, ראָזלעכן ליכט, האָט גערוישט אַ קליינער באַר. דאָרט האָבן געהאַלטן אין איין קומען די האַלב־נאַכטיקע, פאַרשייטע דייטשע מעדלס. ס׳האָבן זיך געיאָוועט אַמעריקאַנער זעלנער, מאַטראָסן, טשעקאָווע טוריסטן. די טריט האָבן זיך דאָרט פאַרלוירן אין די ווייכע טרעפּ־דיוואַנען; ס׳זענען בלויז דערגאַנגען פאַרשטיקטע, צוגעדושעטע געלעכטערלעך. די טירן אויף די אונטערשטע שטאָקן האָבן זיך דיסקרעט, גערוישלאָז צוגעמאַכט. אַז ס׳איז, געווײַנלעך, אויסגעבראָכן אַ שטיקל סקאַנדאַל פון די הפקרע לייט, שיכורים, איז נאָך איידער ס׳איז אָנגעפלויגן דאָס „שופּאָ״־קעטשל מיט פּאָליציי, איז דער קליינער, שטילער, חסידישער יונגערמאַן פלוצים אויסגעוואַקסן צו אַ ריז; איז אַליין אָפּער פון הינטערן לאַדן מיט ווילדע קולות, אַליין אַ כאַפּ געטון די פאַרשווינען ביי די קעלנער און אַראָפּגעשליידערט זיי פון אַלע שטיגן.

כמעט אַ גאַנצע נאַכט נישט צוגעטון קיין אויג, איז דאָס ווייבל באַלד אין דער פרי צום ערשטן מאָל אַרונטער אויפן האַשערסהיימער־טורם־פּלאַץ, צעזעצן זיך אויף דער טעראַסע אין דער קאַפע „פרענצל״. זי האָט זיי דאָ באַלד דערקענט, די יידישע יונגעלייט, אַנגעלאָפענע פון פּוילן, פון רוסלאַנד, פון אונגאַרן, פון רומעניע. זיי האָבן אָבער אומעטום דערשמעקט, ווו מ׳קען לייכט מאַכן אַ פּאָר גילדן; האָבן זיך דאָ, ביי די טישלעך, געלאָזן באַדינען פון די נעטע, בלאָנדע דייטשע מעדלס. איינקע, האָט מען געשמועסט, האָבן זיך אויך גענומען דייטשקעס פאַר ווייבער. אויף די הויכע באַר־זעסלעך, פון פאַרנט, זענען געווען צעזעצט די בלאָנדע דייטשע קאָקאָטעס, מיטן סיגאַרעטל אין מויל. די שפּיגלען און פאַרשטעלטע ליכטער האָבן צוריקגעוואָרפן בלויז שאָטנס. ס׳האָט דאָרט ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, אין געווירבל פון ווילדע דזשאַז־קולות, געראַיעט מיט אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, נעגערס, מאַטראָסן, פאַרדעכטיקע ציווילע לייט. ווי אָפּגעפאָרענע אַקטיאָרן, די באַקן אויסגעגאָלט ביז בלוי, מיט בענדלעך אין לאָץ, זענען אין דער טיפער, קילער האַליע דעם גאַנצן טאָג געקומען אַוועקזעצן זיך אָט די נעטע לייט; עלטערע דאַמען מיט הינטלעך; ביי איינקע מיטליאָריקע מענער האָבן זיך געשאָקלט ליידיקע אַרבל, פאַרשטעקט אין די קעשענעס פון רעקל; שטייפע, מיט נידעריק־געשוירענע קעפּ, ווי באַרשטן, מיט אויסגעגאָלטע קערק, זענען זיי געזעסן ביי הויכע קופּ־

ליעס בייעריש ביר, די גרויע, וואָסערדיקע בליקן פאַרשווומען אין ציגאַרן־רויך. אויפֿן מיידל, וואָס האָט זיי באַדינט, האָט איינער, מיט אַלטער פרעכקייט, געלאָזן פאַלן: „די איזט היבש אונד פליסיק"...

אַהער, אויף דער טעראַסע, האָט דער פאַרבלאָנדזשעטער ייד פון ראָטער־דאַם, באַדאַרפט קומען צוזעצן זיך. ער האָט זיך אָבער פאַרזוימט, ווייל ער איז פריער געהאַט אָפּגעשטיגן אין בית־מדשל. ס'איז פונקט אויסגעפאַלן אין אַ פרייטיק־צו־נאַכטס, צו קבלת־שבת. ס'איז דאָרט, אונטערן נידעריקן באַלקן, געווען אַ צו־רוישיק ליכט פון די אָנגעצונדענע מנורות, פון די יאָרצייט־ליכט. צוויי יידן זענען געשטאַנען אומגעדרייט אין אַ ווינקל, ביים עמוד, אַריינ־געשלונגען אַ וואָכעדיקן קדיש, און דער שיטערער עולם האָט יעדעס מאָל אונטערגעכאַפּט: ברוך הוא, ברוך שמו. אָמן. אויפֿן לאַנגן, נאַקעטן טיש האָבן זיך געוואַלגערט אַ פּאָר צעשיטע סידורימלעך. ביים עמוד, מיט די צוויי אָנ־געמאָלענע לייבן, איז געשטאַנען אַ קליינער ייד מיט אַ גרויע, פאַרשפּיצט קאָמעץ־בערדל, אַ זיידן טליתל פאַרוואָרפן אויף די אַקסלען, אין אַ הויך קאַפּל, ווי אהרון הכהן, און מיט אַ פריילעכער מתיקות געזונגען „לכו נרננה".

נאָך קבלת־שבת האָבן זיי זיך באַגעגנט, ווי ס'איז געווען אָפּגעשמועסט, אויף דער טעראַסע פון דער קאַפע „פרעגנצל". ס'ווייבל איז נאָך אַלץ געווען בלייך, צעטומלט, אומגעדולדיק, פול מיט חשדים.

— ווו שטייט איר איין? — האָט דער ייד באַלד ביי איר אַ פרעג געטון.

— וואָס הייסט — ווו? ביים חסידל... אין דער שילער־שטראַסע...

— אַזוי? ביי דעם־אָ... איך שטיי דאָרט אויך איין.

ר'האָט אַרונטערגענומען די טונקעלע ברילן, זי בעסער צו באַטראַכטן. ער האָט געזען ווי ביים ווייבל מיט דער הויך־אויפגעטורעמטער פריזור פון אַ פלאַמיקן בראָנדז, האָט זיך געשאָקלט אַ גילדערן מגן־דודל אויף איר פולן האַלדז. זי האָט זיך, ווי אַ מיידעלע, זייער שיין געהנדלט, געוווסט אָנצוטון זיך מיט געשמאַק, די האָר צוגעפאַרבט, די ברעמען — אויסגעצופּט אין בויגנס; און ביים מאַן איז געווען אַ מוטנער בליק, אַ זאַפרען־געלקייט אין די ווייס־לעכצן; האָט אַלץ שווייגנדיק צוגעזען, ווי איינער זאָגט — מיר קענען זיך דערויף... אַ זופּ געטון די אָפּגעקילטע קאַפע, האָט ער באַלד געוואָלט געוויר ווערן ביי איר תכלית:

— כ'בעט אייך, ווו קריגט איר אייער רענטע, אין קעלן, אָדער אין די־סעלדאָרף? ווייל ס'ווענדט זיך...

— איר ווילט שוין אַלץ וויסן?... — האָט זי זיך, לאַכנדיק, זייער שיין געהנדלט.

— ביי מיר איז אַזוי... — האָט ער אָפּגעזיפצט, געשמונצערט מיט די קרומע, דיקלעכע ליפן אונטערן וואָנסעלע און עפּעס באַלד אַלץ אַוועקגעמאַכט — כ'האָב עס אין דר'ערד... כ'ליקווידיר אַלץ און פאָר קיין ישראל...

— כ׳פאַרשטיי... מ׳איז עלנט... — האָט ס׳ווייבל געמאַכט אַ קלוגע מינע, אַז זי פאַרשטייט אַ סך מער, ווי ער דערזאָגט — מ׳האָט מער קיינעם נישט אין לעבן...

— ווער זאָגט עס ? — האָט ער באַלד צוריקגעכאַפּט — איר דאַרפט אָנ־קוקן די ווייבלעך, וואָס דרייען זיך אַרום ביי אונז...כ׳טרייב זיי פון זיך... איר ווייסט פאַרוואָס ? ווייל זיי מיינען נאָר מיינע פּאָר גילדן... איר זאָלט אָנקוקן אַ באַלעבאַטישקייט ביי מיר, אין ראָטערדאַם. פּאָקאָיעס... אַ פולער אייז־קאַסטן... און פרנסה — נישט צו פאַרזינדיקן...

— כ׳פאַרשטיי... איך פעלט נאָר די ריכטיקע באַלעבאָסטע אין הויז...

— יאָ... — האָט דער ייד טיף אָפּגעזיפצט — ס׳זאָל זיך נאָר מאַכן עפּעס אַ פּאַסיקע זאַך...

— כ׳בעט איך, מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך ? — איז זי שוין געוואָרן אַ ביסל צוגעלאָזענער.

— אַזוי... פאַרשידנס... ווי אַמאָל, וואָס ס׳מאַכט זיך... אַ ביסל אַרום די שיפן, וואָס קומען אין פּאָרט פון ראָטערדאַם... מ׳האַנדלט אונטער... אַמאָל אַ זייגערל... אַ שיינעם, געפּרעסטן הויז פון טערגאַל...אַ טראַנזיסטאָר... די רוסישע מאַטראָסן ווערן פּאָר אַלץ די כפרה... אָבער כ׳וועל סיי־ווי אַלץ אָוועקוואַרפן, ליקווידירן און פאָרן קיין ישראל. און איר ? איר האָלט נישט דערביי ?

— מ׳עט נאָך שמועסן... טרינקט — האָט זי אים צוגערוקט דאָס טעפּל קאַווע — ס׳ווערט קאַלט.

דער ייד האָט צוריק אָנגעטון די פאַרהויכטע, טונקעלע ברילן און זייטיק אַרומגעקוקט זיך ביי די אַרומיקע טישלעך, צו די פאַרשווינען מיט די קאַנטי־קע, אויסגעגאָלטע קערק, פאַרוויקלט אין ציגאַרן־רויך; אַ לייען געטון, סילאַ־ביזירנדיק, אויפן טאָוול דעי־לעבן :

— וווּרשט־ברעטכען... שינקען־ברעטכען... בראַטן־ברעטכען... 1 פּאָר פראַנקפורטער... — און געלאָזן פאַלן צווישן די ציין — וווּרשט... וווּרשט... זיי האָבן פון מענטשן געוואָלט מאַכן אַ וווּרשטל... זשליאָקען געלאָסן דעם ביר, ווי דעמאָלט, ווען זיי האָבן אונז געפירט צו דער שחיטה... איך וואָלט אויף דער טריפהנער ערד נישט געקענט לעבן...

— וואָס ווילט איר — האָט ס׳ווייבל זיך אָפּגערופן — יידן, זע איך, מאַכן דאָ דערוויל אַ פּאָר גילדן. מ׳האָט זיי אין דר׳ערד, די יעקעס. מ׳עט זיי אויך איבערלעבן...

ער האָט זיי אָבער נישט אויפגעהערט צו זידלען מיט די געמיינסטע רייד, די, וואָס דרייען זיך נאָך אַרום אויף דער פאַרשאָלטענער דייטשער ערד, האַנד־לען מיט אשר־יצר־פּאַפּיר, פאָרן זיך, ווי די הינט, מיט זייערע טעכטער און פלאַדיען אַן ממזרים...

— אַט, הער איך, האַנדלט איר דאָך אויך אונטער...

— ביי מיר איז עפּעס אַנדערש. ס׳קומען אין פּאַרט פון ראָטערדאַם רו־סישע שיפן — „סוועטלאַנאַ", „קיראָוו"... זיי קענען מיך שוין דאָרט. איינער אַ מאַטראָס קויפט ביי מיר יעדעס מאָל אַ שיינעם, געפּרעסטן הויז פון טער־גאַל, אַ זייגערל, אַ טראַנזיסטאָר... זיי פרעגן זיך ביי מיר אַלץ נאָך אויף די פּריילעכע מיידלעך פון פּאָרט... און נאָך זאַכן פרעגן זיי זיך נאָך, אָבער ביי מיר האָבן זיי נישט געטראָפן ס׳אָרט... איר האָט געמעגט אָנקוקן אַ געזונטן גויעץ און — רעדט יידיש, „ווי אַ וואַסער"... און צו מיר מאַכט ער אַזוי: „דו רעדסט מיר עפּעס צו־גוט רוסיש, באַריס... ביסט זיכער אַ שפּיאָן"... „און דו, מאַך איך צו אים, גאָוורילאַ, רעדסט צו־גוט יידיש, זאָלסט נישט זיין קיין שפּיאָן"... אַ וואָרט־פּאַר־אַ וואָרט, און יענער גיסט זיך אָן מיט דער טריפהנער יוכע, ווי א רוצח... כ׳האָב זיך קוים אָפּגעטראָגן... — האָט ער גרילצנדיק אַרויסגעלאַכט.

עפּעס אַ מאָדנער ייד, האָט ס׳ווייבל געקוקט אויף אים מיט אַ ביסל פּאַרכט. אַ נערוועאישער צוק אַרום די מויל־ווינקלען, אונטערן וואַנסעלע, און באַהאַלט דעם צעמישטן בליק אונטער טונקעלע ברילן. זיין קרומלעך מויל ציטערט אונטער. און פּלוצים האָט זי גאָר מורא געקריגן פאַרן ייד מיט דער זאַפּרען־געלקייט אין זיינע ווייסלעכצן, אונטער די טונקל־פאַרהויכטע ברילן. אָן אַלטע, ווייטע, מיידלשע שרעק פון — פּאָרטן, שיפן, וואָס שמעקן מיט ווייטע, אומבאַקאַנטע לענדער מעבר־לים... פּרויען־הענדלער, וואָס פאַרנאַרן יונגע יידישע טעכטער, צו פאַרקויפן זיי אין שאַנד־הייזער...

מ׳איז נאָך אַ ביסל אונטערגעזעסן, און לסוף האָט ער אַזוי אַ מאַך געטון:

— אַלץ גוט, נאָר דאָ בלייב איך נישט. כ׳ליקווידיר אַלץ און פאָר קיין ישראל... ווי איר פאַרשטייט...

— כ׳בעט אייך... — האָט זי פונדעסטוועגן זייער איידל געלאַכט. ס׳ווייבל — ווו ברענט דען? מ׳עט זיך נאָך די זאַך אַדורכלייגן...

און שפּילט זיך, אַ ביסל נערוועז, מיט אירע פולכנע הענט מיטן גילדער־נעם מגן־דודל אויף איר פולן האַלדז. דאָס האָט זי אָבער יאָ באַלד זייטיק דער־בליקט, ווי די פאַרדעכטיקע יונגעלייט אויף דער טעראַסע בליקן זיי נאָך מיט באַהאַלטענע געלעכטערלעך, ווי ער פירט זי צוריק צום האָטעל. און זי האָט זיך דערפילט — מאָדנע. ס׳איז געווען דאָ באַלד דערלעבן. אַ ביסל האָבן זיי נאָך געשמועסט אין לאָבי, און איידער זי האָט זיך אויפגעהויבן מיט דער ווינדע, זענען זיי דאָרט ווידער אויסגעוואַקסן, די יונגעלייט, אַריינגעשאָטן זיך אין באַר אונטן. וואָס פאַראַ געשעפטן, האָט זי געוואָלט וויסן, האָט ער עס, דער ייד, מיט אָט די פאַרשוויבנען? און האָט זיי נאָך פריער געשאָלטן, וואָס זיי דרייען זיך דאָ אַרום, אויף דער פאַרשאָלטענער דייטשער ערד.

ער האָט שוין געוווּסט, דער ייד, אַז איר צימער איז אויפן זעקסטן שטאָק, טיר לינקס, נומער 78. און ס׳האָט איר מיטאַמאָל פאַרדראָסן, וואָס זי האָט עס אים גאָר געזאָגט. זי איז אַרויף, האָט אויבן לאַנג געלאָזן ברענען דאָס ליכט; האָט אַראָפּגעוואָרפן די שיך מיט די הויכע שפּילקאָווע אָבצאַסלעך, אַרויפ־געוואָרפן אַ לייכטן געבלימלטן שטוב־כאַלאַט, געשפּרייזט אומגעדולדיק אי־בערן פּוכיקן דיוואַן אין די זיידענע שטוב־לעטשלעך; האָט זיך פּלוצים דער־זען אין די שפּיגלען, מיט בלויע רינגען אונטער די אויגן, די נידעריקע, גע־זעצטע פיגור, אָנגעקוואָלן מיט פליישן. יעדער שאַרך אין קאָרידאָר האָט איר געמאַכט אויפציטערן. זי איז צו, געפּרוווט נאָך אַמאָל די טיר, צי זי איז גוט פאַרריגלט. ס׳איז שוין געווען נישט פרי.

פון הינטער ווענט האָבן זיך פּלוצים אָפּגעריסן פאַרטויבטע געריש, דערנאָך — פאַרשטיקטע געשרייען. אַזוי האָט זיך איר געדוכט. ס׳איז געפאַלן עפּעס שווערס — בענקלעך, שטולן, צי טישן. ס׳האָט אויך אַ קראַך געטון, ווי פון אַ פּיסטאָלעט. דערנאָך — אַ ווילד געלויף אויף די טרעפּ, אין קאָרי־דאָר, אַ שווער אַוועקפאַלן, כמעט אָרט ביי איר טיר. פאַרשטיקטע קולות. ס׳האָט זיך איר מיט אַמאָל אויסגעוויזן, אַז מ׳קלאַפּט איר טיר אויך, מיט לייכ־טע קלעפּלעך. „מאַדאַם״... — האָט זי, דוכט זיך, דייטלעך, געהערט. זי האָט זיך אַ הייב געטון, געוואָלט שרייען, אָבער ס׳געשריי איז איר שטעקן־געבליבן אין דער קעל. זי איז נישט אַראָפּ עפענען, האָט זיך נאָך טיפער פאַרנורעט אין קישן.

אונטן, פאַרן איינגאַנג צום האָטעל — אַ געמיש פון קולות, אַ פּייפעריי פון פּאָליציי־קעטשלעך. אפשר אַ שרפה ? אפשר אַ מאָרד ? מיט איין שפּרונג איז זי אַרונטער פון נידעריקן בעט, געמאַכט ליכט, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ שטיינגעבליבן אין דער מיט צימער און זיך שאַרף איינגעהערט. „אַזאַ פּלאָנ־טער... גאָט מיינער... אַבי דער ייד, דער כיטראַק״... זי האָט נאָך געוואָלט אַרויסלאָזן אויך — „נאַדיר אַ שידוך, צו מיינע צרות... גיי וויס״...

זי האָט פאַרלאָשן ס׳ליכט, צוריקגעקערט זיך צום בעט און לאַנג געלעגן מיט אָפענע אויגן, אָנגעשפּיצט צו אַ ליאַדע שאָרך. קוים דערוואָרט זיך ביז ס׳האָט גענומען גרויען אויף טאָג, האָט זי באַלד אַ כאַפּ געטון די קליינע וואַ־ליזקע, איז צופוס אַרונטער די שטיגן. פון יונגערמאַן מיט די אויפגעשטעלטע קלאַפּקעס, איז אין לאַבי,הינטערן לאַדן, מער קיין זכר נישט געווען. ס׳איז מער קיין זכר נישט געווען פונם משונהדיקן ייד פון ראָטערדאַם. פרעמדע לייט מיט ברייטע אַקסלען האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט, זענען געלאָפן אַריין און אַרויס.

האָט זי זיך דערשראָקן געשאַרט ביי די ווענט, איז אַרונטער די טרעפּלעך צום דרויסן, אַ רוף געטון אין בהלה אַ טאַקסי אויפן ראָג, באַלד צו לויפן כאַפּן דעם צוג, אומצוקערן זיך צו איר אומעטיק הויז אין פאַריז, ווו קיינער קומט קיינמאָל נישט אַ קלונג טון איר איר טיר...

1973

יאָסל

1.

שוין שיינע יאָרן אַוודאַי, ווי ס׳זענען פֿאַרשוווּנדן יענע הדרת־פּנימדיקע יידן, וועלכע האָבן אַמאָל, ביז אין די ווייטע יאָרהונדערטער, עוסק געווען אין דער פּרעציזער האַנטווערקער־מלאכה, די חכמת־הדפוס. ס׳איז געווען אין זייער מלאכה עפּעס פֿון דער אָפּגעציטערטער הייליקייט פֿון אַ סופֿר, אָפּגעשלאָסן בחדרי חדרים, אין אויס׳כתיבהן יעדן אות בכוונה. דאָס זענען געווען קליינע, פֿאַרשטויבטע זעצערייען, אין לובלין, אין פּיאָטרקאָוו, ביי דער אלמנה והאחים ראָם, אין ווילנע, שוין אָפּגערעדט פֿון געדיכטן יידישן כרך, אין וואַרשע; דאָרט זענען, פֿאַרשטעקט אין די טיפֿע, טומלדיקע יידישע הייף, צווישן דער דזשיקע און די גאַלעווקעס, אונטער די נידעריקע סופּיטן, געווען צעשטעלט, אין לאַנגע שורות, שיפּע קאַסטנס מיט מרובע־אותיות, רש״י־שריפֿט. יידן מיט לאַנגע, גרויע בערד, אין צעפֿלויגענע טלית־קטנ׳ס, די אַרבל פֿאַרשאַרצט, אָנגעזאַטלט מיט מעשענע שפּאַקולן איבער די רויטלעכע, קאַליע אויגן, זענען 14־15 שעה אין מעת־לעת געשטאַנען איבער די „קאַסעס״ און פֿלינק, מיטן ווינקל־העק, צונויפֿגעשטעלט לאַנגע עמודים שטיקלעך בליי, דורכגעוואָרפֿן מיט שפּאַץ, אַן אות צו אַן אות, קוים צו דערכאַפּן מיטן אויג. געווען זענען זיי אויך תלמידי חכמים, גרויסע קענערס פֿון לשון קודש און אראַמעאיש; האָבן אָפּט געכאַפּט ביי מיאוסע גרייזן די בעלי מגיה און די מחברים אַליין. זיי האָבן געזעצט און מאַטריצירט רבנישע חיבורים, חסידישע ספֿרים־לעך, עברי־טייטש־ביכלעך, דעם „הצפֿירה״ פֿון ר׳ נחום סאָקאָלאָוו, און אין די לעצטע יאָרן — אויסגעפּאַרטיקט און מאַטריצירט יידישע צייטשריפֿטן און ביכער. ביז — ס׳איז אויפֿגעקומען דער מאָדערנער לינאָטיפּ, די צינקאָגראַפֿיע, דער פֿאָטאָ־אָפֿסעט; ביז ס׳האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף יידן אין פּוילן „די נאַכט פֿון לאַנגן מעסער״ און פֿאַרטיליקט אונזער גאַנץ גייסטיק האָב־און־גוטס.

עפּעס ענלעכס פֿון יענער ליבער יידישער אַלטפֿרענקישקייט האָט אין אונזערע פֿאַרבלענדטע אויגן צוערשט אויך אויסגעזען אויפֿגעהיט — די קליינע יידישע זעצעריי אויפֿן „פּלעצל״ אין פּאַריז, דער שטאָט. דאָס מויערל איז

געווען אַריינגעשטופּט צווישן קלויזן, חסידים־שטיבלעך פון די ליובאַווי־טשער, שילכלעך פון די צפון־אַפריקאַנער יידן. אַרום זענען געווען ספרים־געוועלבלעך, כשרע יאַטקעס, יידישע בעקערייען. אַלץ איז געווען היימיש און פּרימיטיוו. אַ מיטליאַריקער ייד, אַ גבר מיט ברייטע פּלייצעס, געזונטע ידים, ר׳האָט זיך גערופן יאָסל, אַ פריילעכער לונג־און־לעבער מק״ק קינסק, האָט אויבן, איבער דער זעצעריי, באַלד באַגינען אויפגעטייעט דעם בליי אין אַ קעסעלע אויף אַ גאַז־פלעמל. ס׳איז געקומען אַ געזונטער שייגעץ און אַוועק־געפירט אויף אַ האַנט־וועגעלע די פאַרקלאַפּטע פאָרמעס, אָפּצוציען זיי אויף אַ קליינער ראָטאַציע־מאַשין אין אַ נישט־יידישער דרוקעריי אויפן מאָנמאַרטר. דאָ איז די לעצטע יאָרן צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ מאָגער יידיש בלאַט (אַ ביסל ישראל, אַ ביסל בטלנישע פּאָליטיק, דירעשט, דער עיקר — נעק־ראָלאָגן, חתונה־ווונטשן, אַ שידוכים־ווינקל), אָבער נישט מער מיט יענער נשמה יתירהדיקייט פאַרן אָפּגעציטערטן יידישן אות, פאַרן יידישן וואָרט, נאָר אָבי צו באַדינען דאָרט דאָס ביסל אַלט־געוואָרענע יידישע לעזער. דאָס צייַ־טונגס־וואָרט איז ביליק און ציניש געוואָרן אין אונזערע טעג, בפרט אין די עמיגראַציעס, ווו אַלץ איז פאַרבייגייענדיק, וועט פאַרשווינדן, אָן אַ שפור נאָך זיך.

אַזאַ מזל האָבן זיי שוין דאָ געהאַט; דער פּאַרטיי־לאָקאַל, צוזאַמען מיט דער קליינער זעצעריי, האָט יעדע פּאָר יאָר געמוזט משנה מקום זיין. פריער זענען דאָ געווען צוויי שמאָלע שטיבלעך, אָן אַן אַלט הויז אויף רי דע ראָזיע. אַ היימישער אַמאַטאָר האָט דאָרט געהאַט אָנגעמאָלט עטלעכע שלעכטע רעפּ־ראָדוקציעס פון הערצל, פון חיים ווייצמאַן, מיט אָנגעבלאָזענע באַקן, און זיי צעהאָנגען אויפן וואַנט, איבערן פּרעזידיום־טיש מיטן גרינעם געוואַנט. ס׳האָט אין די צימערלעך געשמעקט מיט ווילגאָטש אויך. אין אָוונט, ביי די רוישיקע פאַרזאַמלונגען, אַז מ׳האָט גערעדט אַביסל העכער, אָדער אַז מ׳האָט אַפּלאָדירט, האָבן די פראַנצויזישע שכנים באַלד גענומען אַריינקלאַפּן דורך דער וואַנט, געסטראַשעט, אַז זיי וועלן גיין זיך באַקלאָגן ביים קאָמיסער.

יאָסל האָט דאָרט געבאַלעבאַטעוועט. שוין יאָרן אַז ער האָט זיך אַרומגע־געוואָלגערט אין די יידישע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן צוריק גענומען אויפ־לעבן באַלד נאָך דער וויסטער מלחמה. ער האָט געשלעפּט טישן, בענק, גע־האָלפן שלעפּן די קוישן עסנוואַרג פון די נאָענטע האַליעס פאַר דער ביליקער קיך, וואָס זיי האָבן דאָרט באַלד נאָך דער מלחמה אויפגעמאַכט, געלאָפן אַ גאַנג אין דער אַדמיניסטראַציע, אין רעדאַקציע און אין דער זעצעריי פון יידישן בלאַט. ער אַליין האָט דעמאָלט אויך געהאָלפן אויפהאַקן די קאַסטנס מיט די יידישע ביכער, וואָס מ׳האָט געהאַלטן אין איין שיקן פון אַמעריקע, צו־ריק אויפצולעבן דאָס יידישע וואָרט אין אייראָפּע, נאָך אַזאַ חורבן. מ׳האָט אויך צוזאַמענגענומען אַ ביסל אָפּגעראַטעוועטע יידישע ביכער פון דעפּאָר־טירטע יידן, וואָס מ׳האָט דאָ צערויבט זייערע דירות. יאָסל האָט די ביכער אַליין אָפּגעשטויבט, צעשטעלט זיי אויף די פּאָליצעס אין פינצטערן שטיבל,

מיט גרויס דרך ארץ, כאָטש ער האָט נישט אַזוי געגעבן גענוי, וואָס ס׳שטייט געשריבן אין זיי. ס׳האָט זיך אויך אָפּגעפונען אַ ייד מיט איינגעקוועטשטע דראָטענע ברילן, מיט אַ ביסל פֿאַרשטענדעניש, און ער האָט אויף זיך גענומען די עובֿדא אויף די ביכער אָנצוקלעפּן נומערן, צוזאַמענשטעלן אַ שטיקל קאַטאַלאָג; אָבער זעלטן־ווען ס׳האָט עמיצער פֿאַרבלאָנדזשעט אין האַלב־פֿינצטערן שטיבל, אויסצובאָרגן אַ ביכל צום לייענען. ס׳איז געווען אַ רחמנות. אויף די ביכער איז ווידער אָנגעפאַלן אַ שטויב. קיינער האָט זיך דאָרט נישט אומגעקוקט. די ביכער און ספֿרים זענען אַמאָל דורכגעגאַנגען אָפּגעציטערטע הענט, זענען אַוודאי אויך צעשטעלט געווען אין גלעזערנע ביבליאָטעק־שרענק, אין ספֿרים־אַלמערס, זענען געבלעטערט און געלייענט געוואָרן ביי אַ ליכטל, אין שטרענגער אָפּגעשלאָסנקייט, אין געלייטערטער מחשבֿה. פֿיל ביכער האָבן נאָך געטראָגן אויף זיך שטעמפּלען פֿון יידישע ביבליאָטעקן אין יידישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן און זענען; דורך אַלערליי צופֿאַלן פֿאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אַהער; האַלב־צעריבענע ביכער, וואָס זענען דורכגעגאַנגען הונדערטער הענט פֿון אַ גייסט־דורשטיקער יידישער יוגנט. צוזאַמען מיט די יידן, זענען דאָרט סיי־ווי טויזנטער ביבליאָטעקן אַוועק אויף קידוש השם פֿון די שייטערהויפֿנס. ס׳זענען דאָ געווען ממש אוצרות, צופֿעליק צוזאַמענגעברענגטע פֿון אַלערליי וויכטיקע זאַמלונגען; ביכער מיט עקס־ליבריס־רעמאַרקן, פֿון דער פּריוואַטער ביבליאָטעק, למשל, פֿון פֿאַריזער יידישן ביבליאָגראַף בערעזניאַק; ביכער פֿון דער פּריוואַטער ביבליאָטעק פֿון מאַרק יאַרבלום; אַלטע אויסגאַבן פֿון ווילנער קלעצקין־פֿאַרלאַג און פֿון די וואַרשעווער פֿאַרלאַגן; זעלטענע אויסגאַבן, יקר המציאותן, וואָס זענען שוין מער אין ערגעץ נישט געווען בנמצא. די בלעטער זענען שוין געווען פֿאַרגעלט, האָבן זיך געבראָכן, ווי האַלץ, ביי די ראַנדן. זעלטענע אויסגאַבן, האַלב־פֿאַרגעסענע, ביבליאָגראַפֿישע זעלטנקייטן. העברעאישע ענציקלאָפּעדיעס, יאָרגענג פֿון דער בערלינער „התקופֿה“, רבנישע חיבורים פֿון בערדיטשעוו, ביכער פֿון פֿאַרלאַג „תושיה“ אין אָדעס, פֿאַרשריבן; דורך עמיצן אויף די ראַנדן מיט האַלב־פֿאַרמעקטע העברעאישע אָנמערקונגען מיט אַ בליישטיפֿט; אַ ווינער אויסגאַבע פֿון שפּינאָזאַ׳ס „עטיק“, איבערגעזעצט אין לשון קודש, דערשינען אין יאָר 1885, אין דער דרוקעריי, אונטער דער אויפֿזיכט פֿון פּרץ סמאָלענסקין, דעם משכּילישן שרייבער און רעדאַקטאָר פֿון „השחר“.

דער סוף איז געווען, אַז מ׳האָט זיך פֿון דאָרט געמוזט אַרויסציִען. ס׳איז דאָרט פֿריער געווען עפּעס אַ גאַנצע גראַטשקע מיטן גליטשיקן ייד, דעם אַדמיניסטראַטאָר. ער האָט געלאָזן נאָך זיך, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַ היפּשן, זייער אומקלאָרן דעפֿיציט אין בודזשעט. ס׳האָט געהאַלטן דערביי מ׳זאָל דאָ אויף אַלעם אַוועקלייגן אַן אַרעסט; און ער האָט זיך טאַקע אָפּגעטראָגן אויך. די קליינע זעצעריי איז מיט נסים אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן, און די גאַנצע ביבליאָטעק איז אין נידעריקן מויערל אויף די עלזעוויר, אין איילעניש

פאַרשטעקט געוואָרן ערגעץ אויפן בוידעם, אונטער די קראָקוועס. ווער האָט זיך דאָרט אומגעקוקט אויף די יידישע ביכער ?

.2

אַציגד האָט מען זיך פון דאַנען אויך געמוזט אָפּטראָגן. מ׳איז געקומען פון דער מוניציפּאַליטעט, אויסגעצאָלט זיי עפּעס אַ נישטיקע סומע דאָרט און זיי האָבן געמוזט אַפּרייניקן דאָס נידעריקע מויערל. אין אַ וויסטער בהלה איז אַלץ אַרויסגערוימט געוואָרן פון אונטער דער לאַנגער האַליע אונטערן דאַך. דאָס אַריינגעשפּאַרטע מויערל אין די שמאָלע, מיטאַלטערלעכע געסעלעך, איז דאָ טאַקע געווען ווי עפּעס אַ ווילדער אָנוווקס צווישן די יאָרהונדערטער־אַלטע מאַסיווע געבייען פון דיקע זשאַווערנדיקע ווענט, אין געטעסעטן שטיין, מיט הויכע, פּאַרקראַטעוועטע פענצטער פון מוזייען און אַרכיוון. דאָס קולטור־מיניסטעריום, ווען ס׳האָט דאָרט געוועלטיקט דער מיניסטער אַנדריי מאַלראָ, האָט זיך אין די לעצטע יאָרן געכאַפּט, אַז ס׳איז צייט צו רעסטאַווירירן, אַריינצולאָזן אַ ביסל פרישע לופט, אַ ביסל גרינס אין אַפּגעלאָזענעם קוואַרטאַל פון זייערע אַמאָליקע קעניגן, מאַרקיזן און קורטיזאַנעס, צוריק אָפּבויען, לויט אַלטע גראַווירן, די האַלב־איינגעפאַלענע געביידעס פון רענעסאַנס־סטיל, מיט געצײַנדלטע ווענט און טורעמלעך. אויף די פּאַסאַדן זענען נאָך דאָ און דאָרט קענטיק געווען די אָפּגעקראַכענע אינקרוסטאַציעס, באַרעליעפן פון סאַטירן און מלאכימלעך, אויף די מאַסיווע טויערן — מאָנאָגראַמען פון די אַמאָליקע פּריוואַט־האָטעלן פון גראַפן, פירשטן, מאַרקיזן און בארימטע קעניגלעכע קורטיזאַנעס. ס׳האָבן זיך דאָרט טאַקע אַנטפּלעקט, ווי פון אונטער זשאַווער, אוראַלטע שיינקייטן פון פאַרגעסענע צייטן; און אין גיכן איז דאָרט בײַנאַכט די גאַנצע געגנט אַרום באַלויכטן געוואָרן מיטן גרעלן ליכט פון דיסקרעטע פּראָזשעקטאָרן. מ׳האָט באַדאַרפט זען, מיט וואָס פאַרא יראת הכבוד און פּיעטעט ס׳זענען אַראָפּגעקומען דאָס אַלץ צו באַטראַכטן עקסקורסיעס פון ליציי־שילער, היסטאָריקער, טוריסטן. אין די רחבותדיקע, אויפגעבראַכענע היף, אויסגעוויסטע, ליכטיקע, אַרומגעשטעלט מיט באַלקאָנדלעך, מיט זיילן, האָבן זיך באַוויזן יונגע שוישפּילער, נאָר וואָס פאַרענדיקט די טעאַטער־קאָנסערוואַטאָריע. זיי האָבן דעם גאַנצן זומער, אונטערן פרייען הימל, צווישן די קאָלאָנאַדעס, אַרומגעטומלט מיט פלענער, מאַקעטן, רעפּעטירט און אויפגעפירט די טראַגעדיעס און קאָמעדיעס פון זייער קלאַסישן רעפּערטואַר — ראַבלע, מאָליער, וואָלטער, מאַריוואָ, באָמאַרשע, ראַסין. אַ יונגער ענטוזיאַסטישער עולם איז געקומען זיי אַפּלאָדירן. ס׳איז דעם גאַנצן זומער געווען אַ פּערמאַנענטער פעסטיוואַל פון פאַרבלענדנדיקע ליכטער, פאַרבן און אויפגעלויכטענע נעכט.

צו דעמאָלירן דאָס מויערל פון דער קליינער יידישער זעצעריי, האָט זיך אין איינעם אַ פרימאָרגן אומגעריכט אַראָפּגעשאָטן אין שמאָלן געסל אַ גאַנצע

קאָמיסיע פון אַרכיטעקטן, אינזשינירן, היסטאָריקער, דעקאָראַטאָרן, מוניצי־פּאַלע פאַרשטייער, ווי אויך פאַרשטייער פון קולטור־מיניסטעריום. זיי האָבן דאָרט לאַנג געמאָסטן, אויסגעלייגט אַלטע פּלענער, צייכענונגען, גראַוויורן פון אַלט־פּאַריז. ס׳איז קודם אויפגעבראָכן געוואָרן דאָס פאַרזשאַווערטע טויערל צום פאַרוואָקסענעם הויף, וואָס איז שוין לאַנג דורך קיינעם נישט באַטראָטן געוואָרן. יאָסל, וואָס איז געריטן אויפן אַלטן וועלאָ זיינעם, האָט האַסטיק פאַר־האַלטן די פּעדאַלן, אַראָפּגעשטעלט איין פוס אויף דר׳ערד און ביי עמיצן, פון טשעקאַוועס וועגן, אַ פרעג געטון:

— וואָס איז דאָ פּלוצים פאַר אַ מעכיע ?... וואָס האָבן זיי דאָ דערזען אין די חרובע קאָמעניצעס ?...

באַלד צומאָרגנס זענען פאַרפאָרן שווערע הייב־מאַשינען, בולדאָזערן, לאַסט־אויטאָס, הויך באַלאָדן מיט געהילץ, אייזן־שטאַנגען, זעק צעמענט, געצייג. די פאַרשמירטע שאָפערן, די מויערער, אין ווייסע קאַסקן, האָבן זיך באַלד גענומען דאָרט אַלץ אַראָפּצורוימען. יאָסל האָט מיט אַ פאַרפראַשעט אויג, דערשראָקן אַרויפגעקוקט צום פאַרשטויבטן שייבל פון זיין דאַך־שטיבל. דאָרט, אויבן, האָט ער זיך די לעצטע פּאָר יאָר אויפגעהאַלטן. באַלד באַגינען האָט עס אים אָבער, צום לעצטן מאָל אַ הייב געטון פון צערודערטן אויפלייג־בעטל; האָט אַרויסגעשטעקט דעם פאַרפעדערטן קאָפּ פונם באַרג צעאָדערטע קאָלדרעס. ס׳האָט אים נישט געלאָזן רוען. דאָ, אינם קרומען דאַך־שטיבל, איבער דער קליינער זעצעריי פון יידישן בלאַט, האָט ער זיך אויפגעהאַלטן, זינט ווען ס׳וויַיב טויבעלע איז אים, נישט־דאָ־געדאַכט, אָפּגעשטאָרבן.

— שוין... היינט איז דער יום־הדין... — איז ער געוועזן צעטראָגן — מ׳וועט דאָ אַלץ אַראָפּרוימען, קיין זכר וועט נישט בלייבן...

ער האָט זיך נאָך, צום לעצטן מאָל, אַ האַלב־נאַקעטער, געשוווענקט אונ־טערן קראַן, אַרומגעקראַצט דעם רויטלעכן אויסשיט פאַרן געפּלאַצטן שפּיגע־לע אויף דער קרומער וואַנט. ס׳זענען דאָרט אַרום, אין שפּינגעוועב, געהאָנגען אויסשניטן פון די טשעקאַווע, פאַרשייטע פאַריזער אילוסטרירטע זשורנאַלן, האַלב־נאַקעטע מיידלעך, בן־גוריונס פּאָרטרעט מיט זיין ליבן־טשופּרינע, די אַפּישן פון די באַרימטע סטאַרן פון יידישן טעאַטער, וואָס ער איז אַרומגע־לאָפן אויפצוהענגען זיי אין די יידישע קאַפעס, יאַטקעס און רעסטאָראַנען אויפן בעלוויל און אויפן „פּלעצל".

מ׳האָט אונטן, אין דער בהלה, געהאַלטן אין מיטן אַרויסרוימען די זעצע־ריי. איבער די אַלטע געדרייטע שטיגן, צווישן אויפגעבראָכענע טירן און אַרומגעריסענע עלעקטרישע אינסטאַלאַציעס, האָט מען געשלעפּט די צענומע־נע טיילן פון לינאָטיפּ, די קאַסטנס אָפּגעריבענע שריפט, די שווערע טישן מיט די אייזן־פּלאַטעס, בליי־שטאַבעס; אָבער וועגן דער פאַרגעסענער ביבליאָטעק אויפן בוידעמל האָט קיינער נישט געדענקט. און נאָך איידער מ׳האָט עס אַלץ

אָפּטראַנספּאָרטירט אין נייעם לאָקאַל, אויף די האַנט־וועגעלעך, איז באַלד אונטערגעפּאַרן אַ שווערער, פרייכנדיקער בולדאָזער, אַ פאַרהויב געטון זיין שנאָבל ביזן ערשטן שטאָק אַרויף, מיט אַ שורה בלאַנקענדיקע ברעך־ציינער, אַ נעם געטון און איינגעביסן זיך אין אַ שטיק פונם משופּעדיקן דעכל, אַרויס־געריסן עס מיט אַ האַלב־איינגעבראָכענעם קאַרניז; לאַנגזאַם, שווער אומגע־דרייט זיך און אַ וואַרף געטון דעם באַרג ברוך, ציגל, אייזן, געהילץ, אין די אָפענע לאַסט־מאַשינעס, וואָס האָבן שוין געוואַרט. אַ געדיכטער וואָלקן שטויב האָט זיך אַ הייב געטון ביזן הימל. די שווערע רייס־ און הויב־מאַשינען האָבן פאַרגלישעט די אויערן מיט זייער ברילנדיק געוויש. אין אויפגעבראָכענעם הויף האָט זיך אָבער אומגעריכט אָפּגעדעקט אַ גאָרטן פון אַלטעביימער, פּיליאַרן, יאַנישע זיילן; ס'האָט זיך אָפּגעדעקט דער פאַסאַד פון הויכע, שמאָ־לע, האַלב־רונדע פענצטער און טירן, הענגענדיקע גאַניקלעך, אַלץ פאַרוואַקסן מיט ווילדע קריך־פּלאַנצן. פון יענער זייט זענען שוין געווען אָנגעטראָגן אײַ־זערנע שטאַנגען. אַרבעטער האָבן אויפגעשטעלט רושטאָוואַניעס ביז סאַמע אויבן.

— אוי, וו'אַ בראָך !... — האָט יאָסל אַ פּאַטש געטון מיט די הענט — די ביכלעך... זיי האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן די יידישע ביכלעך...

און ער איז, אַ צעטומלטער, מיט קרומע שפּרייזן אַ לויף געטון איבער דער שטיג, ווי אין אַ שרפה, אָפּגעשפּאַרט דעם טשוואַק פון בוידעם־טירל. אַ שטיק דאַך איז שוין געווען אַראָפּגעטראָגן. ס'איז דאָרט מיטאַמאָל געווען אַ גרויסע בלענדיקייט אונטערן אויפגעריסענעם הימל. צווישן די קראַקוועס זענען געלעגן איינס אויף ס'אַנדערע די פאַרגעסענע פּעק איינגעשנירלטע בי־כער, אין שטויב, פאַרברענט פון דער זון, וואָס האָט אין די זומערן געבאַקן דאָס דעכל. שוין אַ שיינע פּאָר יאָר ווי די ביכער האָבן דאָ געפוילט, און קיינער, חוץ יאָסל, האָט גאָרנישט געדענקט אין זיי. ער איז געווען צעחושט, נישט געוווּסט וואָס פריער צו כאַפּן. ער האָט גערופן צו זיי אונטן, נאָר קיינער האָט אים גאָרנישט געהערט. דאָרט האָט דער נייער אַדמיניסטראַטאָר, אַ יונגערמאַן מיט אָנגעבלאָזענע פּאָוואַריטן, ווי זייף־שוים, געקאָמאַנדעוועט מיטן טראַנספּאָרט. יענער האָט אַ שניף געטון מיט דער נאָז און אויסגעלופּעט אַ פּאָר רוצחישע אויגן אויף אים :

— יאָסל, וואָס שטייסט ? כ'דאַרף נישט האָבן די יידישע ביכלעך, דו הערסט ? ... קענסט זיי אַריינוואַרפן אין מיסט אַריין...

— און דאָס רעדט נאָך ווען ישראל... וועגן סאָציאַליזם...

— זאָלסט מיר מער דאָס וואָרט סאָציאַליזם נישט דערמאָנען... — איז יענער געווען מלא חמא, רויט־אָנגעצונדן.

ער האָט שוין פון לאַנג געהאַט אַן אויג אויף יאָסלען, אַרומגעטריבן אים

מיט פאַרשידענע געגג, נישט געלאָזט אים אויף דער שוועל. אָבער יאָסל האָט אַרויסגעפּלאַצט; ס'איז שוין אים אַלצאיינס געווען:

— זע ווי די גוים... זיי זאָרגן זיך פונדעסטוועגן יאָ וועגן זייערע שיינע „קאָמעניצעס" פון אַמאָל... מ'זאָגט, אַז דאָ האָבן אַמאָל געוווינט זייערע קיי־סאָרים... ס'איז טאַקע אמת ?... — האָט ער געלאַכט מיט אַ ברייט מויל — און מיר... אונזערע יידישע ביכעלך וואַרפט מען אין מיסט אריין... אוי, וו'אַ בראָך...

און אים אויף צו להכעיס, האָט ער צונויפגענומען און אָפּגעראַטעוועט אַ ביסל ביכער, אויף זיין אַלטן וועלאָ זיי געבראַכט צושלעפּן אין נייעם לאָ־קאַל. ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקענט שענקען. דאָרט, אין שמאָלן געסל, אונטערן דאַך, איז אים גוט געווען. ער האָט דאָרט געקאָרמעט די טויבן, וואָס האָבן גענעסטיקט אין די נישעס. זיי האָבן אים שוין דערקענט, ווען ער האָט זיך באַוויזן מיטן בייטל אַלט ברויט און קערנער, אַרונטערגעלאָזן זיך אויף זיינע אַקסלען, געפּיקט פון זיינע הענט, געוואָרקעט. ער האָט אָנגעברענגט פון די נאָענטע האַליעס קוישן עסנוואַרג, ווורשטן, גערגעלעך פון הינער, לונג־און־לעבער; אַוועקגעשטעלט דעם אַלומינענעם טאָפּ אויפן גאַז־אייוועלע, אויבן, אין דאַך־שטיבל, און ס'האָט פאַרשמעקט אַ מחיהדיקע אַרבעס־זופּ. ער האָט איינמאָל אויך אין די מיסט־קוישן געפונען אַן אַלטע פאַרגרעסערטע פאָטאָ־גראַפיע פון אַ נאַקעט קינד, ווי ס'ליגט מיטן געזעסל אַרויף. ער האָט זי אויפגעהאָנגען אין דער זעצעריי אויף דער פאַרנטיקער וואַנט און אַלעמען גע־וויזן דערויף, מיט אַ ברייט געלעכטער:

— דאָס איז דער רעדאַקטאָר לייזער... ווען ער איז נאָך געווען אַ קליינער...

— דערווייל האָסטו נאָך נישט לייזערס קאָפּ אויף זיך... — האָט אים איינער פון די באַלמעלאָכעס, אַ שטיקל לץ, אַריינגעזאָגט.

— אין קינסק בין איך אַנטלאָפן פון חדר... ווען כ'אַנטלויף נישט, וואָלט איך היינט געקענט איבערייאָגן לייזערן...

פאַרבייגייענדיק, האָט ער זיך אַלעמאָל אַריינגעכאַפּט אין דער ראָגאָווער ביסטראָ, צוזאַמען מיט די היימישע לייט, וואָס שטייען דאָרט אַרום קאָנ־טואַר ביי אַ גלעזל רויטן וויין. זיי האָבן אים שוין דאָרט געהאַלטן פאַר אַן איינענעם.

— ער איז זיכער פון נאָרד... — האָבן זיי אים דאָרט שטאַרק גערימט, יאָסלען — ער קען זיפּן...

דאָרט, אין נייעם לאָקאַל אַרום רעפּובליק, האָט ער זיך אָבער מער נישט געפילט ביי זיך. דער נייער אַדמיניסטראַטאָר מיט די פּיאַהלעך האָט אים פאַר־פאָלגט, געסטראַשעט, אַז ער וועט אים אַרויסוואַרפן, נישט געלאָזן אים אַ מי־

גוט אָפּדעכען, אַרומגעשיקט אים, געזידלט אים, געשריגן אויף אים. ער האָט דאָרט מער נישט געקענט אָפּקאָכן קיין ביסל עסן. יאָסל האָט אים קיין וואָרט נישט געענטפערט, איז אַרונטער, געכאַפּט דעם אַלטן וועלאָ, אַוועקצורעדלען איבער די געדיכט־פּאַרפּאַקטע ברוקן. נאָר פריער איז ער, ווי תמיד, אָפּגע־שטיגן אין דער ראָגאָווער ביסטראָ. ער איז דעם טאָג אַזוי געגאַנגען פון איין ביסטראָ אין דער אַנדערער און פאַרגעסן נאָך וואָס מ'האָט אים געשיקט. זיי זענען אים אַלע סיי ווי נמאס געווען. פאַרן נייעם אַדמיניסטראַטאָר האָט ער געציטערט, ווי פאַר פייער. יענער איז געלאָפן פון איין טיר אין דער אַנדערער, געגוואַלדעוועט, געשריגן אויף די זעצער, געשריגן אויף די צוויי דערשראָ־קענע ביוראָ־מיידלעך, אַז ער וועט אַלעמען אַרויסוואַרפן, אַז מ'דאַרף שניידן די לוינען; האָט זיך אָנגעזעצט אויף די פּאָר הינטער־רעדאַקטאָרן; זיי האָבן סיי ווי געצויגן פון בלאַט אַ מאָגערע חיונה. ס'איז זיי שוין גיכער עפּעס צו־געפאַלן פון באַשרייבן, למשל, אין בלאַט רייכע חתונות, בר־מצוות ביי יידי־שע קאָנפעקציאָנערן, שטי־קער־פאַבריקאַנטן; יידן, גבירים, האָבן זיי זיך געלאָזן שיין קאָסטן, ס'זאָל שטיין געשריבן אין בלאַט, אַז זיי האָבן טאַקע געשפּענדעט. איינער אַ רעדאַקטאָר, אַ שטיקל לץ, האָט באַלד ביים אַריינקו־מען, זייער ערנסט אַ פרעג געטון ביי די זעצערס:

— וויפל נעקראָלאָגן זענען היינט דאָ?...

— קיין איינער נישט...

— איר וועט שוין היינט האָבן אַ טויטע ערשטע זייט...

און טאָמער, פאַרקערט, ס'זענען געווען עטלעכע נעקראָלאָגן, איז ער גע־ווען זייער אויפגעלייגט און געזאָגט אַז ס'וועט זיין אַ לעבעדיקע ערשטע זייט... דירעשט האָבן שוין די זעצערס אַליין געמאַכט, אַ כאַפּ געטון פונם באַרג אַלטע צייטונגס־אויסשניטן און אויסגעפילט די זייטן, פאַרשטאָפּט די לעכער מיט דער קלישע, וואָס איז געגאַנגען כמעט יעדן טאָג: „לייענט און פאַר־שפּרייט"...

אַרויפגעכאַפּט זיך אויפן וועלאָ, איז יאָסל אַנטלאָפן איבער דער שטאָט. ער האָט געהאַט פונאַנדערצוטראָגן צייטונגען, איינמאָנען חובות ביי אַבאָנענטן, וואָס האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן צו באַצאָלן. ער איז געווען צעטראָגן, פאַרבי־טערט, האָט זיי דאָרט אַלעמען מער נישט געוואָלט אָנקוקן. ער האָט אָנגעהויבן פאַרפאַלן צו ווערן אויף טעג־לאַנג. נישטאָ יאָסל! ביז ס'איז זיי דאָרט איינמאָל איינגעפאַלן צו גיין אויפזוכן אים אין זיין אַלטער מלינה, ווען ס'וויב טויבעלע האָט נאָך געלעבט. זיי האָבן לאַנג געקלאַפּט אין דער נידעריקער טיר און קיינער האָט נישט געענטפערט; האָבן זיי מיט כוח אַ שפּאַר געטון און די טיר האָט מיט אַ סקריפּ נאָכגעגעבן. אין האַלבן טונקל, האָבן זיי דערזען יאָסלען ליגן, מיט די שווערע שיך, אין באַרג ברודיקן בעט־צייג. ער האָט געעפנט אַ פאַרפראָשעט אויג, אָנגעקוקט זיי שטאַר און נישט פאַרשטאַנען, פון וואַנען זיי דערנעמען זיך פלוצים.

— ס'איז שוין טאָג ? ... — האָט ער געפרעגט — אוי, וו'אַ בראָך... כ'געדענק שוין... כ'האָב נעכטן געמאַכט יענע כוסה...

און געווישט זיך אַ ברודיקע טרער אין זיין פאַרפראָשעט אויג.

— כ'וועל מער נישט גיין צו זיי... זיי דאַרפן מיך סיי ווי נישט... אַפילו די יידישע ביכלעך האָבן זיי אַרויסגעוואָרפן אין מיסט אַריין...

— יידישע ביכלעך... — האָבן זיי געכאַכאַטשעט — ליגן אים אין זינען...

ער איז אַרונטער מיט דער פינצטערער טרעפּ, געטאַפּט אין דער טונקל. ווי לאַנג ער איז געגאַנגען פון איין ביסטראָ אין דער אַנדערער, האָט ער שוין מער נישט געדענקט. זיי זענען אין דער געגנט, אַרום די האַליעס, אַנגעזעצט אויף אַלע ראָגן. די פּיס, פאַרנומען מיט די אייזנדלעך ביים פעדאַלירן אויפן וועלאָ, זענען אים געוואָרן אי לייכט, ווי אַ פעדערל, אי שווער, ווי שטיקער בליי. ער האָט געפירט דעם אַלטן וועלאָ אין א זיג־זאַג, דאָ אויפן טראָטואַר, דאָ צווישן דער געדיכטער פאַרעריי פון שווערע לאַסט־מאַשינעס, אויפן מיטן ברוק. מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, נאָכגעקוקט אים, געוויזן מיטן פינגער צום שטערן, אַז ער איז נישט ביי די קלאָרע געדאַנקען. דערנאָך איז געווען — ווי אַ לאַנגער, פינצטערער חלום. ער איז געפלויגן אויפן אַלטן וועלאָ מיט דער גאַנצער פאַרע. פייערדיקע רעדער האָבן זיך אים געדרייט פאַרן בליק; ער האָט מער נישט געפילט די ערד אונטער זיך. פלוצים האָט ער זיך אויפגעהויבן אין דער לופטן, איז געפלויגן איבער דעכער. ס'איז אים נאָר פאַרגעקומען זייער מאָדנע, וואָס ער האָט דערזען אַנטקעגנקומען זיין פאַרשטאָרבן ווייב טויבעלע, ווי זי פאָכעט מיט די הענט : „פאַוואָליע, משוגענער... וועסט זיך נאָך, חלילה, דורס זיין"... „פון וואַנען קומסטו ? ... גיי אין דיין רו אַריין"... — האָט ער געוואָלט אַ געשריי טון, נאָר ס'געשריי איז אים שטעקן געבליבן אין האלדז... — — — —

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך אויף אַ בעטל אין שפּיטאָל „האָטעל דיע". די באַנדאַזשירטע פּיס, אין גיפּס, זענען געהאַנגען אין דער לופט, פאַרצויגן מיט אַן אַפּאַראַט צום סופיט. עמיץ פון דער זעצעריי איז אים געקומען מבקר־חולה זיין. ברודיקע טרערן זענען געשטאַנען אין זיין פאַרפראָשעט אויג.

— שוין... קענסט שוין צונעמען מיין וועלאָ אויך... — האָט יאָסל גערעדט שטיל, אַז מ'האָט קוים געהערט — כ'וועל שוין מער אויפן וועלאָ נישט פאָרן... כ'וועל מער נישט האָרעווען פאַר זיי... זיי זענען עס גאָרנישט ווערט...

1969

ביינאַכט אויפן אַלטן... פּלאַץ „רעפּובליק"

אַנומלטן איז אויף דער פול־באַזעצטער טעראַסע, אין דער עלזאַסער טאַווערנע, אויפן פּלאַץ רעפּובליק, ווידער אומגעריכט געווען פול און רוישיק, ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן; ווייל אין רעגנדיקן דעצעמבער־אָוונט זיצן דאָרט געווינלעך צוויי־דריי פאַרבלאָנדזשעטע יידן, קוקן אַרויס דורך דער נעפּלדיקער שויב, עמיץ זאָל זיך אַריינכאַפּן. ס'שטייען עסנדיקע קעלטן. ס'זיצט דאָ כמעט יעדן אָוונט ביי אַן אויסגעקילט טעפּעלע קאַווע דער אַלטער אַקטיאָר, דער ערשטער ליבהאַבער, הערי לעבנ־האַרץ. ער וויל זיך באַלד אויפהייבן און אַנטלויפן, ווייל אומגעריכט קען זיך אַריינשטעלן די געעלטערטע פּרימאַדאָנע פון אַמאָליקן לאַטיגער־טעאַטער, אויף רי לאַנקרי, עטי פּיוועלעוויטש. אויפן קליינעם אָנדולירטן קעפּל ביי איר, איבער די בלוי־געפאַרבטע, ממזריש־פאַרדרייטע לעקעלעך, זיצט אַ צעדרייטער הוט, ווי אַ פויגל מיט צעשפּרייטע פליגל; זי רעדט פאַר־פייער־און־פאַרוואַסער, קריגט זיך אויס מיט אַ וועלט, שעלט אַלעמען מיט טויטע קללות.

מ'ווייס נישט וואָס פאַראַ צופאַל ס'האָט דאָסמאָל צוזאַמענגעבערענגט אַ פּאָר אַלטע שטאַם־געסט. די טעראַסע איז געווען פול באַזעצט, ביז אַרויף. די גאַרסאָנען זענען געלאָפן הין און צוריק. ביי דער שויבן־וואַנט, אַרויפצו, איז ברייט געווען צעזעצט דער מוזיקער הענעך בלאַט, דער אַלטער רעוואָלוציאָנער הערש־מענדל, דאָס רבּ'ל, וואָס לאָזט קיינעם נישט קומען צום וואָרט און שרייט נאָר : „כ'וועל דיר באַלד זאַכמאַליען"; דער מאָנפּאַרנאַס־שאָטן, דער קונסט־קריטיקער בן־שושנים. ס'האָט זיך אויך פּלוצים אַריינגעשטעלט די געלע, וואָס האָט אַמאָל, ביי מאָריס שוואַרצן, ווען ער האָט גאַסטראָלירט אין פּאַריז, געשפּילט די בולוואַנסקע מויד צביה, אין י. י. זינגער'ס „יאָשע קאַלב". „הי... הי..." — האָט זי געפּלעגט צו הירזשען אויף דער בינע, די געלע, צעכראַסטעטע מויד, און געוויזן אירע געזונטע ציינער. איר רויטער קאָפּ האָט געפלאַמט, ווי איינגעטונקט אין האָניק. אַצינד, נאָך אַזויפיל יאָרן, איז זי שוין געווען אַ ביסל אָפּגעשאָסן־געל, מסתמא צוגעפאַרבט. ס'האָבן זיך ביי איר געבאָמבלט גרויסע, ציגיינעריש אויערינגען, אָבער דער געזונטער געשטעל אירער האָט נאָך אַלץ אויסגעגעבן אַ יידענע מיט הייס בלוט און מיט אַ הילכיקן טעמבער.

פון וואַנען האָט זי זיך ווידער דערנומען אַהער ? זי האָט זיך לעצטנס — האָט מען דערציילט — אַרומגעפּירט אין די גרויסע קאַפּייען אויפן קאָט־ד׳אַזיר מיט אַ יונג, פּאַרגרינט מיידל, עפּעס אַ פרעמדע, עקזאָטישע פלאַנץ, מיט מאַלאַכיט־גרינע אויגן. מ׳האָט זיי באַגעגנט אין מאַנטאָן, אין סט. טראָ־פּעז, אין ניס, אויף די ברייטע טעראַסן פון האָטעל „נעגרעסקאָ״ צעלייגט אויף דער קאָכיקער „פּראָמענאַד דעז אַנגלע״, אַפילו אין קאַן, ביי די רוישיקע פילם פעסטיוואַלן. „זי וואַרט אויפן קאָנטראַקט פון האָליווּד״... — האָט זי אַליין פאַרגעשטעלט דאָס מיידל, און דערביי נישט אַראָפּגעלאָזן קיין אויג פונעם אָפּגעציטערטן קינד, טאָמער האָט זיך ווער פון די יונגע מענער צופיל פאַרקוקט, אָדער געגנומען קלעפּן צום מיידל־קינד, מיט הייסע רייד אין איר ראָז־אָפּגעדעקטן אויער; און די קליינע האָט קינדעריש, יונג־פרוילעך געלאַכט מיט אירע חן־גריבעלעך. מ׳האָט נישט געוווסט גענוי, צי די קליינע איז טאָ־קע אירס אַ טאָכטער, אָדער סתם אַ שיינדל, צוצוציען. עפּעס איז מען דאָ חושד געווען. מאַלע וואָס מ׳קען חושד זיין אַ יידענע מיט אַזאַ געשטעל, ווי זי פּירט זיך ארום מיטן מיידל אין די גרויסע, וועלט־באַרימטע קאַפּייען; דער אמת איז, אַז זי האָט נאָך אפשר אַליין אויך געוואָלט יונג זיין, אַ שיין טון, ביי דער זייט פון דער יונגער ציג, מיטן בורשטינענעם אָפּגלאַנץ אין אירע לאָקן, צעשאָטן איבער דער מאַנטיליע אויף אירע שמאָלע אַקסלען.

— מ׳רופט אייך טאַקע צביה ? — האָט פון טשיקאַווע־וועגן באַלד אַ פרעג געטון דאָס רב׳ל.

— צביה ! ווי דען ? מאָריס שוואַרץ אַליין, וואָס האָט געהאַט דעם טאַ־לאַנט אויסצוגעפינען די ריכטיקע שוישפּילער פאַר פּאַסיקע ראָלן, האָט פאַר מיר שיעור נישט באַקומען די כפרה...

דאָס האָט זי געגעבן אַנצוהערן, ווער דאָס מיידל, אַ שטייגער, קען זיין.

— ער האָט מיך געוואָלט מיטנעמען קיין אַמעריקע אויך, נאָר...

— נאָר — וואָס ?...

— נאָר ס׳האָט זיך אַריינגעמישט די יידענע זיינע... — האָט זי אַרויס־געלאַכט — פּעפּערזיכטיק...

אין רויך פון די סיגאַרעטלעך האָט זיך דער מוזיקער מיטן ברייטן, שוואַרצן קינסטלער־שלייף, אַ געריבענער לאָדזשער, דעם גאַנצן אָוונט גע־האַלטן אין איין שפּאַרן מיטן רב׳ל :

— מאַרטין בובער, הערסטו, גייט מיך לערנען חסידות... און דו ביסט טאַקע אַ וווּרקער, ווי דו זאָגסט ? רעדסט וועגן חסידות און פרעסט בשר־קוויטש...

— דיר — זאָגט אים צוריק אַריין דאָס רב׳ל — וואָלט גיכער געפּאַסט צו זיין אַן אָבער־קאָנטאָר אין די רעפאָרמירטע טעמפּלען...

— עט, פֿאַרקריכסטו שוין, זאָלסט מיר מוחל זיין, גאָר אין בוידעם אַריין. וואָס, כ׳בעט אייך, האָט אַ לאַדזשער ייד צו טון מיט די קאַלטע יאַהודים ? אין די טעמפּלען זייערע וועל איך גיין זוכן יידישע נגינה ? כ׳וועל שוין בעסער גיין אין דער קירכע אַריין, ווייל זיי דאָרט האָבן דירעקט איבערגענומען די אַלטע בית־המקדש־ליטורגיע פֿון די כהנים און לוויים, ווי ס׳שטייט און גייט, מיט גאַנצן קלאַפּערגעצייג...

דער אַלטער רעוואָלוציאָנער הערש־מענדל האָט מיט פֿאַרהילצערטע פֿינ־גער געדרייט אַ סיגאַרעטל אין ביבולע, נישט געהערט אַפֿילו דאָרט זייער פּלפּול און אָפּגערופֿן זיך צום רב׳ל :

— אַז מען פֿאַרטראַכט זיך גוט, זעט מען איין, אַז, אייגנטלעך, איז דער „בונד" געווען די אַנדערע זייט מטבע פֿון ציוניזם. ערשט די יעווסעקעס האָבן אויפֿגעלייזט אונזערע געזונטע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען. אַלע זענען זיי געדרעכט געווען אין יענער ווירקלעכקייט. זיי האָבן זיך אָבער אַלע אויפֿגע־לייזט אין אונזער היינטיקער רעאַליטעט. זיי האָבן קיינס נישט קיין עקזיס־טענץ־באַרעכטיקונג. זיי זענען ווי דער אָפּשיין פֿון ווייטע שטערן, וואָס עק־זיסטירן נישט מער.

דאָס רב׳ל, דער כיטראַק, האָט באַלד דערכאַפּט וווהין ער צילט :

— טאָ וואָס־זשע ווילסטו ? די אַפּאַראַטן זאָלן זיך אויפֿלייזן ? יידן באַ־דאַרפֿן צו האָבן פּרנסה... וואָס זאָלן זיי טון ? זיי זאָלן זיך איצט אַוועקשטעלן פּרעסן הויזן ?...

— געוויסע ציוניסטן האָבן נאָך אָבער אין יענע יאָרן נישט געקענט מוחל זיין, וואָס זיי זענען געבוירן געוואָרן... יידן. דערפֿאַר איז זייער מין ציוניזם אויך — אַסימילאַציע. אָן אַנטלויפֿן... — ער איז געווען אַ ביסל צעחושט אויך און גאָר פּלוצים אַ וויז געטין אויף די מיידלעך אין ראָג :

— קוק אָן... די קרבנות פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט...

— האָסטו באַדאַרפֿט אָנקוקן די זעלבע „קרבנות" אין דיין מאָסקווע, אין די הינטערגעסלעך ביינאַכט... כ׳בין, משל דיר, דאָרט געווען. יענע דאָרט זע־נען גראָבע, צעגאָסענע, פֿאַרפּודערטע יאַכנעס... און אויף אָט די דינע פּראַנ־צויזקעלעך איז דאָך אַ מחיה אַ קוק צו טון... זיי נאַרן קיינעם נישט. זיי רעדן נישט וועגן סאָציאַליזם...

די קורצע הענט פֿאַרשטעקט אין די אַרבל, האָט דאָס רב׳ל פּלוצים זיך אַ קער געטון, אַרויפֿגעקוקט צום מיידל מיט די שרייענדיק־בלאָנדע, צעכוואַ־ליעטע האָר אויף אירע אָפּגעדעקטע אַקסלען. זי איז געזעסן אַרט לעבן אים. זי האָט אַראָפּגעקוקט צום קליינעם ייד מיט די ראָזע בעקלעך, און ס׳האָט גע־שפּילט אַ מאָדנע לאַכנדיק פֿייערל אין אירע העלע וואַסערדיקע אויגן. זי האָט פֿויל דערזופֿט דעם „פּאַסטיס", מיט דער אַנדערער האַנט, צווישן די פֿינגער

מיט די לאַנגע רויטע נעגל, אָפּגעקלאַפּט דעם אַש פון סיגאַטעל, אַ בליק געטון מאָדנע פאַרוואונדערט אַרום זיך צו די געדיכט־באַזעצטע טישלעך, ווו מען אַמפּערט זיך אין עפּעס אַ פרעמד לשון.

— הער נאַר, דו... — האָט זיך בן־שושנים אָנגעבויגן צום רב׳ל — כ׳וועל דיר דערציילן אַ סוד... כ׳האָב אויך אַמאָל געהאַט אַ פרוי... אַלע וויסן עס...

— אַז אַלע וויסן עס, טאָ וואָס איז עס פאַר אַ סוד ?... כ׳וועל דיר באַלד זאַכמאַליען...

געלאָזט אַלעמען אויסרעדן, האָט דער אַלטער שוישפּילער, דער אַמאָליקער ערשטער ליבהאָבער, הערי לעבנהאַרץ, אַ הוסטל געטון, אויסגעפּרוווט זיין טעמבער. שוין לאַנג, אַז ער האָט נישט געהאַט צו ווערמען אַ וואָרט אַרויסצורעדן. ער האָט צעשפּיליעט זיין געקראַטעוועטע טוועד־וועסט, אַרויפגערוקט דאָס יעגער־קאַפּעליושל איבערן געוועלבטן שטערן און אַ שטורך געטון דאָס רב׳ל, ר׳זאָל אַמאָל יענעם אויך לאָזן רעדן אַ וואָרט. זיי האָבן אָבער געוווסט, אַז הערי לעבנהאַרץ האָט אַלעמאָל צו דערציילן עפּעס זייער פריילעכס. די געלע האָט שוין באַצייטנס געלאַכט, געוויגט מיט אירע גרויסע ציגיינערישע אויערינגען אין דער ברייט.

— דאָס מאָל — האָט ער פאַרצויגן דאָס אויסגעלאָשענע סיגאַרעטל — זענען מיר אויפן ווינטער־סעזאָן אַריינגעפאַלן אין סאַמע כרך לובלין. געווינלעך, מ׳שלעפּט זיך פון שטעטל צו שטעטל מיט דער וואַנדער־טרופּע, מ׳אַנטלויפט קוים מיטן ביסל בעבעכעס, ווייל ס׳איז נישטאָ אַפילו צו באַצאָלן פאַר דער אכסניה. לובלין — ווער ס׳האָט נישט געקענט דעם אַלטן קוזמיר, אויף יענער זייט טויער. טייערע יידן, זאָג איך אייך. דאָס טעאַטער אין אָוונט ברעכט זיך, כאָטש מיר שפּילן פון לייכטערן רעפּערטואַר; ווייל פאַר „ליטעראַטור״, ווייסט איר, האָבן יידן עפּעס מורא. „די רומענישע חתונה״, „פּאַפּירענע קינדער״... ס׳הייבט זיך, געוויינלעך, אָן אין דער אַלטער היים און ענדיקט זיך אין ניו־יאָרק, ווו אַ טאַטע, למשל, שוין לאַנגע יאָרן ווי ער האָט פאַרלאָזט ווייב און קינדער, האָט דאָרט חתונה מיט... דער אייגענער טאָכטער, און מען דערוויסט זיך דערפון ערשט אונטער דער חופּה. מ׳הערט דאָרט נאָר — דאַצהאָל... אָלרייט... טראָבל... כ׳שטיי אין ביי אַ ייד, אַ שניידער, אויפן קוזמיר, אין אַ הינטערשט שטיבל. אַפילו די לייכטע מיידלעך אויפן ראָג האָבן מיך שוין אויך געקענט. זיי זענען אָפּט, דער עיקר פרייטיק־צונאַכטס, געקומען מיט זייערע „חתנים״ אין טעאַטער. איר ווערט אפשר לאַכן, נאָר ווו האָט איר היינט אַזאַ טייער „פּאַבליקום״ ? אַפילו אַזאַ „פּאַבליקום״. מ׳דאַרף דאָ, אין פּאַריז, אַרומלויפן איבער די הייזער, צו יידן, אַרויפגעאַרבעטע קאָנפעקציאָנערן, גרויסע חזירים, און איינבעטן זיך ביי זיי, זיי זאָלן נעמען אַ בילעט צום בענעפיס. כ׳שטיי אויף דער בינע; כ׳שפּיל אַ נאַאיוון יונגערמאַן, וואָס פאַרליבט זיך דווקא אין אַ מיידל, לאָמיר זאָגן, מסתמא נישט אַזאַ גרויסע צנועה. נאָר כ׳בין פאַרבלענדט, שטערבלעך פאַרליבט. ס׳ווערט אַפילו געבוירן

ביי אונז אַ קינד. כ׳ווייס נישט וואָס ס׳טוט זיך אָפּ הינטער מיינע פּלייצעס. צום יאָרטאָג פון אונזער חתונה וויל איך אָבער מיין ווייבל מאַכן אַ שיינעם סיורפּריז, ברענגען איר אַ פּרעזענט. כ׳פאַרבעט אין שטוב אַריין אַ צירונג־הענדלער, איינצוקויפן ביי אים אַ שנירל פּערל פאַר מיין ווייב. דער מאַן זיצט ביים טיש און כ׳קלייב איבער ביי אים די שנירלעך פּערל. נישט קיין אמתע פּערל, מאַלט איך. כ׳קען זיך אָבער אַליין נישט אַנטשליסן און פרעג ביי אים: „האָט איר נישט, כ׳בעט אייך, אַ שנירל פּערל, עפּעס אַזוינס און אַזעלכעס ?״.

— אָ ! — מאַכט יענער, מיט אַ זיפץ — כ׳האָב געהאַט אַ שנירל פּערל, וואָס אַזוינס זעט מען גאָר היינט נישט מער, האָבן איך עס געוויזן איינע... האָט זי עס מיר אין די אויגן פאַרטווישט. כ׳האָב זיך ערשט דערנאָך געכאַפּט. כ׳האָב דערביי פאַרלוירן אַ פאַרמעגן...

— ווייסט איר גאָר וואָס ? — זאָג איך — כ׳וועל גיין אַריינרופן מיין פרוי, וועט זי זיך אַליין צוקליבן. די ווייבער זענען בעסערע מבינים...

„שיינדעלע... — רוף איך — קום נאָר, וועסטו זיך אַליין אויסוויילן די מתנה צום יאָרטאָג פון אונזער האָכצייט״...

און ווי נאָר זי טרעט אַריבער די שוועל, הייבט ער אויף אַ געוואַלד, דער צירונג־הענדלער: „דאָס איז זי טאַקע, די גנבטע, וואָס האָט מיך אומגליקלעך געמאַכט... פאַרטווישט דאָס שנירל אמתע פּערל״... און ער לויפט באַלד ברענגען פּאָליציי. „אַצינד — מאַכט זי, מיינע, הייסט עס, און פאַלט שיעור נישט אין חלשות — בין איך פאַרלוירן... אויף עוויג״...

— טייערינקע — זאָג איך, און נעם זי אין מיינע אָרעמס — דאָס וועט נימאַלס געשען... כ׳זאָל אַפילו דאַרפן גיין אָפּפינצטערן צוליב דיר אַלע מיינע יאָרן אין תפיסה. כ׳נעם אַלץ אויף זיך, דו הערסט ? זאָלסט מיר נאָר אָפּהיטן אונזער קינד...

וואַרפט זי זיך מיר אויפן האַלדז און וויינט: „מיין ענגל... — יאָמערט זי — פאַרצייַע מיך... כ׳האָב דיך אָנגעטון אַזויפיל טראָבל״...

בקיצור, כ׳בין אַזועק אין תפיסה, און — דער פאַרהאַנג פאַלט. דער זאַל שטורעמט מיט אַפּלויזן. אין די ערשטע רייען זיצן די „יינגלעך״ מיט זייערע „כלות״. זיי פּאַטשן אויך בראַוואָ, נאָר מיט עפּעס שיטערע פּעטשלעך, נישט ווי געוויינלעך. נו, מילא, טראַכט איך. נישט דאָס. און ס׳פאַלט מיר גאָרנישט איין, אַז כ׳קען דאָ ביי דער פּיעסע האָבן אָפּגעשניטענע יאָר. אין לעצטן אַקט איז שוין מיינע צוזאַמען מיט איינעם פון די בלאַטע חברה־לייט. ער האַלט זי פּעסט אין זיינע לאַפּעס, ברענגט אים ס׳גאַנצע געלט פאַרדינסט אין האַנט אַריין. ער שרייט אָבער, דער רוצח, אַז זי נאַרט אים. אָבער ערגער איז דאָס, וואָס כ׳דאַרף שוין באַלד באַפרייט ווערן פון תפיסה.

— וואָס וועט איצט זיין ?... — פרעגט זי, ס׳הייסט מיינע.

— מירן אַנטלויפן ! — מאַכט ער, דער חברהמאַן אין ליציפּעטן־היטל, אין די שטיוועלעך, און בליצט מיט די אויגן, ווי מיט מעסערס.

אונ דאָ בלייבט זי, ס׳הייסט מיינע, מיטאַמאָל שטיין :

— און ס׳קינד... כ׳וועל נישט איבערלאָזן ס׳קינד...

פאָרט אַ מאַמע !...

— ס׳קינד — מאַכט יענער — נעם אויך מיט...

פאַלט זי צו, קושט אים, האַלדזט אים; און לויפט אַוועק ברענגען דאָס קינד, זיי זאָלן אַלע צוזאַמען אַנטלויפן. און דאָ בלייבט ער אַ רגע שטיין, דער חברהמאַן, אין די שטיוועלעך, טוט זיך אַ פּאַטש אין די באַקעס, פאַררוקט דעם דאַשיק פון ליציפּעטן־היטל אין אַ זייט, טוט אַ שפּײ אויס אין דער קרום, פאַר־שטעקט דאָס קניפּל מיטן געלט און טראָגט זיך שנעל אָפּ. ווען זי קומט באַלד דערנאָך אַראָפּ מיטן פאַרוויקלטן קינד, איז ער שוין מער נישטאָ; און זי ברעכט אויס אין אַ ביטער, יאָמערלעך געוויין : „אַזוי זענען זיי אַלע״...

ביי דער פינאַל־סצענע האָט דער גאַנצער זאַל, דער עיקר די גאַלעריע, געשטורעמט מיט אַפּלויזן. און פון די ערשטע רייען — נאָר אַ פּאָר שיטערע פּעטשלעך. דער פאָרהאַנג פאַלט. מילא, טראַכט איך. כ׳שטיי אין די קוליסן, נאָך אין גרים. און דאָ קומען מיטאַמאָל אַרויף צוויי פון די חברהלייט. איי־נער גייט גלייך צו צו מיר נענטער, גאָר נאָנט. ער קוקט שוין מער גאָרנישט מיר אין די אויגן אַריין, נאָר אויפן קנעפּל פון מיין מאַרינאַרקע.

— זאָג נאָר דו... — מאַכט ער — קוילעסט אונז אַוועק די גאַנצע פּרנסה מיט אַזאַ שטיק...

— וואָס הייסט... — וויל איך אָנהייבן.

— ס׳טויג נישט ! — שלאָגט ער מיר איבער — נעם עס באַלד אַראָפּ, זאָג איך דיר...

— וואָס רעדט איר... ווי אַזוי...

— כ׳וויס... האַק בעסער אַריין — אַ קעי... אָלרייט... דאַצהאַל... טראָבל...

איר הערט ווערטער ? ס׳איז מיר געוואָרן ביטער. מ׳האָט, הייסט עס, באַ־צייטנס, אין סאַמע מיטן סעזאָן, באַדאַרפט איינפּאַקן די מאַנאַטקעס און אָפּ־טראָגן זיך פון לובלין. שפּעט אין אָוונט בין איך, ס׳קעלנערל אויפגעשטעלט, געקומען צו מיין אכסניה, ביים שניידער, הינטער די טויערן פון קוזמיר. אויפן האַרץ איז מיר גוט אָנגעזאַלצן. כ׳גיי פאַרביי אויפן ראָג, און די מיידלעך, וואָס קענען מיך פון טעאַטער, גיבן מיר היימישלעך אַ פרעג :

— נו, פּאַניע לעבנהאַרץ, ווי איז עס היינט געגאַנגען אין טיאַטער ?...

— עס — מאַך איך, און גיי זיך מיין וועג — נישט וואַזשנע...

— ביי אונז — מאַכן זיי — אָכעט...

און דער אַלטער אַקטיאָר, דער ערשטער ליבהאַבער, הערי לעבנהאַרץ, האָט זיך אַליין צעלאַכט, מיט אַזאַ דראַמאַטיש געלעכטער, ווי ער וואָלט טאַקע געשטאַנען אויף דער בינע.

— דערלאַנגט זי מיר אַהער, פּיעסע... — האָט די געלע געלאָזן הערן איר טעמבער, ווי אַמאָל, ווען זי האָט געשפּילט די בולוואַנסקע בוגרת, צביהן, אין „יאָשע קאַלב“ — כ׳וועל זי אָפּשפּילן, דער מויד, אַז אויסגעריסן זאָל זי ווערן...

1972

אַרום אַלטן שוק אין חברון

אין קאַפע־רעסטאָראַן, די מסעדה, אַרום אַלטן שוק אין חברון, אַ טריט פון דער מהרת־המכפלה, האָט זיך יעדע פאָר שעה געטוישט דער גרענעץ־פּאַטרול, אין די געפּלעקטע פאַראַשוטיסטן־אוניפאָרמען, אין די גרינע בע־רעטן, געשיקט פון גאַרניזאָן אין אויבערשטן טייל שטאָט. פון האַלבער נאַכט אָן האָט, ווי מיט צעבערס, געגאָסן דער געדיכטער טראָפּישער רעגן פון מיטן טבת. אין די חברונער הויכקייטן איז מען, אין וואָלקן־ברוך, געזונקען ווי אין אַ וואַטע־נעפּל. ס'איז אין מיטן העלן טאָג געווען שטאָק־חושך.

מ'האָט אין דעם יאָר לאַנג געוואַרט אויפן ברכה־רעגן, אויפן יורה. די אומגעריכטע ווינטערדיקע חמסינען האָבן פאַרבלענדט די קורצע ווינטער־דיקע טעג ווי אַ קאַלך־אויוון, אויסגעזויגן דאָס ביסל פאַרשמאַכטע גרינס. איבער די פאַראַקערטע שמאָלע טעראַסן אין די אַרומיקע ברעג האָבן זיך געטראָגן סטייעס פוכיקע פייגל, אַראָפּגעלאָזן זיך נידעריק און אַרויסגע־פּיקט די זריעה פון דער רויטלעכער ערד. ערשט אין מיטן נאַכט האָט אַ פּלייץ געטון איבער די פלאַכע דעכער דער לאַנג־אויסגעקוקטער ברכה־רעגן.

אַ געדעקטער דזשיפּ איז אין שפּעטן נאָכמיטאָג האַסטיק פאַרפאָרן היב־טערווילעכטס, און די זעקס חיילים זענען, איינס הינטערן אַנדערן, געשפּרונ־גען גלייך צו דער הויכער טעראַסע, פאַרשפּינט אין קריכנדיקע בלעטער פון אַלטן פייגנבוים, פאַר די טרעפּלעך.

— חברה מחקים! — האָט דער סערזשאַנט אין דער געפּלעקטער פאַראַ־שוטיסטן־אוניפאָרם, דער גרינער בערעט אָנגערוקט אין אַ זייט, אַ יידי־שער פּאַלאַש, פון די אַריבערגעקומענע פון עטיאָפּיע, ווי געשניטן אין שוואַרצן עבען־האָלץ, געבלענדט מיט זיינע ווייסע ציינער אונטערן קאַסק, און נישט אָפּגעריסן דעם אידעלן אויער־מושל פון קליינעם, דראָטלאָזן אַפּאַראַט מיט דער אָנגעשפּיצטער אַנטענע.

פון די נאַקעטע מישלעך אין דער לאַנגער האַלע האָבן זיך די זעקס חיילים פון דער פריערדיקער וואַך שוין האַסטיק געהאַט אַ הייב געטון, פאַר־שפּיליעט די קוילן־פּאַסן, געכאַפּט אויף זיך די רוקזעק, צוגעטרעטן די סיגאַרעטן־עקלעך, האָבן זיי נאָכגעקלונגען מיט די „עוזי'ס", מיט די אָנגע־

האַנגעגנע קאַסקן און פעלד־פלאַשן. אונטערן געוועלב האָבן, אין דער אָנ־געפּאַלענער חשכות, שוין געברענט די נאַקעטע זשאַרוווקעס. ס'האָט דאָ טאַקע גיכער אויסגעקוקט ווי אַ קאַזאַרמע. די פענצטער אין אַלטן אַראַבישן הויז זענען געווען געדיכט פאַרקראַטעוועט. דאָס הויז פון דיקע, נאַקעטע ווענט, אין געשניטענע שטיינער פון די ירושלימער בערג, איז געווען גע־בויט ווי אַ פעסטונג. אַהער, אין קוואַרטאַל אַרום שוק, האָבן זיך פאַרקליבן די עטלעכע יידישע משפחות, אַלטע ירושלימער תושבים פון מאה שערים, ניצול־געוואָרענע פון חברון נאָכן אַראַבישן פּאָגראָם אין 1929. זיי האָבן זיך פאַרעקשנט דווקא אומצוקערן זיך וווינען אין חברון, אויפצובויען אַ נייעם קוואַרטאַל אין אויבערשטן טייל שטאָט. ס'האָט נישט געהאָלפן, וואָס מ'האָט זיי אַצינד ווידער געוואָרנט, אַז ס'איז געפערלעך. די יידן פון מאה שערים האָבן, ווי דער שטייגער, קיינעם נישט געהאָרכט, געטענהט, אַז — השם יתברך וועט העלפן. זיי האָבן דאָ אָנגעשלאָגן מאַסיווע מזוזות אויף די ביי־שטידלען פון אַלע טירן, געדאַווענט בציבור אין אַ מנין אין הינטערשטן שטיבל פון דער מסעדה. זיי האָבן שוין דאָ עפּעס געמסחרט, פאַרלייגט וואַר־שטאַטלעך, געפאָרן הין און צוריק איבער די שטחים אין אַן אַלטן „קאַטר שעוואַ", אויף מאַטאַציקלען, די צעשויבערטע בערד — אין ווינט.

הינטערן טומבאַנק האָבן זיך פלייסיק אַרומגעפּאָרעט ביים סערווירן צוויי שיינע יידישע טעכטער, פון די פרומע, מיט טיכלעך חנוודיק אַרומגע־בונדן די האָר, אין לאַנגע קליידער, כמעט ביז די טריט. דער יידישער פּאַ־לאַש, דער סערזשאַנט, האָט זיך ביי יעדער פּאַטרול־וואַכטע, אין שפּאַס גע־שדכנט, געפלירטעוועט מיטן ראָזן, בלאָנדן מיידל, תמר, נאָך כמעט אַ קינד. זי האָט געהאַט ווייכע, גרינלעכע סאַרנע־אויגן. ער האָט באַשטעלט אַ קאָניאַק, נאָך איינעם, געלאַכט מיט זיין מויל ווייסע ציינער, די לאַנגע פיס געלאָזן נאָכהענגען אויפן זעסל, לאַנגזאַם געזופּט, פאַרויכערט אין סיגאַרעטל נאָכן אַנדערן, נישט אויפגעהערט צו שיטן זיך פון געלעכטער. שווענקענדיק די גלעזער ביים צינק־אָפּגוס, האָט דאָס קליינע מיידל שעמעוודיק אויפגעהויבן פון מאָל צו מאָל די אויגן, מיטגעלאַכט. זי האָט זיך איינגעקוקט אין געזונטן חייל מיט עפּעס אַ פרעמדן חידוש. דאָס דינע וואָנסעלע אויף דער אויבער־שטער דיקלעכער ליפּ ביי אים איז נאָך געלעגן ווי אַ פּוך. אַ שלאַנק יינגל, פון אַ יאָר ניינצן. ווי ער אַליין וואָלט געווען געשניטן אין באַזאַלט, וואָס מען שניידט אַרויס פון די אַרומיקע בערג. זיין האַרטלעכער עברית איז נאָך גע־ווען אויסגעמישט מיט אַ סך פרעמדע ווערטער. ער האָט שוין אַפילו גע־רעדט אַ פּאָר יידישע ווערטער אויך; אָבער גערעדט האָט ער צום מיידל, וואָס מיטן פרישן טוי אין אירע טויבן־אויגן, אין אַ ווייך שיר־השירים־לשון:

— בחיי, תמר... — האָט ער גערעדט צום מיידל מיט אַ סך האַרץ — שחור אָני, ונוות בנות ירושלים...

און ער איז באַלד ווידער אַנטלאָפן, אַרויסצובאַגלייטן די חברה אויף דער טעראַסע. דער דזשיפּ האָט זיך דאַרט האַסטיק אַ שאַרפן קער געטון,

איבערגעלאָזן נאָך זיך אַ מוטנע רויכל און איז פאַרשוווּנדן הינטער דער פּאַלמען־אַלייע. אין געדיכטן רעגן. האָט זיך אַן אַלטער אַראַבער, מיט אַ זילבערן שפּיץ־בערדל, די אַבאַיע איבער די אויגן, דורכגעשאָקלט, דורכגע־שפּאַרט אַרט ביי די ווענט, דאָס שמאָלע געסל אויף אַ קליין אייזעלע, לאַנג־דיק די באָרוועסע פיס נאָכהענגענדיק כמעט ביז דר׳ערד. הינטער אים זענען ווי מיטגעשווומען צוויי פאַרהילטע פרויען, אין שוואַרצן, ווי פאַנטאָמען, מיט קוישן און זעק אויף די קעפּ. ס׳איז געווען פאַרנאַכט־צייט און פון אַ ווינקל, הינטער די בערג, האָט זיך ווידער דורכגעריסן די זון, אין פלאַקער פון שקיעה. די אַלטע, אָפּגעקראָכענע הייזער אַרום שוק זענען מיטאַמאָל גע־שטאַנען אָפּגעגאָסן אין העלישן קופּער־שיין. פון אונטער די אָפּדעכלעך זע־נען אַרויסגעלאָפן אַ כמאַרע קליינע באָרוועסע אַראַבישע יינגלעך, אָפּצו־וואַרטן און צו באַפאַלן ביי די טירן פון דער יידישער מסעדה די טוריסטן, אַנצובאָטן זיי, נישט אָפּצוטשעפּען זיך, סוווענירן — פאַרביקע קאַרטלעך פון דער מהרת המכפלה, פון יד אבשלום, אייזעלעך און קעמלען, געשניטן אין האַרטן האָלץ פון אַלטע איילבירטן. דערוויל האָט איינער פון די חיילים אַ שאָס אַרויף געטון אַ באַלעם, וואָס האָט זיך אים געפּלאָנטערט אונטער די פיס; און די אַראַבישע יינגלעך האָבן פאַרגעסן אין זייער האַנדל, זענען אַלע אַ לויף געגעבן נאָכן באַלעם. זיי האָבן אים צוריקגעשאָסן, און דער חייל האָט ווידער צוריקגעשאָסן; ביז ס׳איז אויסגעוואָקסן אַ קליינער, פריילעכער פוס־באַל־עקיפּ אויפן מיטן פלאַץ פון שוק; אַלע אַרום האָבן זיך געווילט.

מיטן געטוישטן פּאַטרול, איז דער סערזשאַנט, דער פּאַלאַש, ווידער צוריקגעקומען. די נאַכט איז, איידער וואָס־ווען, שוין געווען אַראָפּגעפאַלן. אַרויפצו, אין דער טיפער האַלע, איז געווען פאַנאַנדערגעזעצט די באַנדע אָנגעפּאַרענע אַמעריקאַנער יידישע טוריסטן. די מיידלעך האָבן זיי פּלייסיק באַדינט. זיי זענען אַריינגעפאַלן אין גאָס־רעגן. אין דער צוגעפאַלענער נאַכט, האָט דער שאָפער מיטן גיד אין ערגעץ מער נישט געוואָלט רירן זיך. אַ וויי־לע איז געווען אומהיימלעך. זיי זענען צו און אומרואיק באַטראַכט די גע־דיכט־פאַרקראַטעוועטע פענצטער; אָבער ווען זיי האָבן דערזען אַריינשיטן זיך די געטוישטע גרענעץ־וואַך חיילים, האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די אויסגעווייקטע איבער־מלבושים; די ווייבער האָבן באַלייגט די שפּיגלען, צורעכט געמאַכט די קאַליע געוואָרענע פריזורן. די מיידלעך פון הינטערן טומבאַנק האָבן דערוויל געטראָגן הייסע גלעזלעך טיי, גראָגן, היימישע טע־לער קרופּניק. איינער, אין אַ גרין, ממזריש קאַפּעליושל, האָט זיך עפּעס גע־ווּיצלט אין אַ גאָרגלדיקן ענגליש, האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ טראַנ־זיסטאָר מיט אַן אַנטענע. דאָס קעסטעלע האָט פּלוצים צעטראָגן איבער דער קאַפּע־האַליע אַראַבישע שלשלתדיקע קולות, דזשאַז, אַז ביי די חיילים האָבן זיך גענומען הייבן די פיס. מ׳האָט זיי פאַרבעטן אויסצוטרינקען אַ גלעזל אַראַק, און זיי האָבן נישט אָפּגעזאָגט.

אָבער ווען ס׳האָט זיך פּלוצים אָפּגעריסן אַ שיסעריי אַרט הינטער די פאַרקראַטעוועטע פענצטער, האָט זיך ס׳ליכט אויסגעלאָשן. די ווייבער האָבן אַרויסגעלאָזן אַ קוויטש. אַלע זענען צוגעפאַלן צו דער ערד, הינטער די דיקע ווענט. די חיילים האָבן אויפגעריסן אַ הינטער־טיר, און פאַר די טרעפּלעך האָט גענומען שטעפּן אַ קליינער קוילנוואַרפער. די „עוזי׳ס״ האָבן געבילט. אי־בערן פינצטערן פּלאַץ — אַ געלויף פון פיל טריט.

און דער טראָפּישער טבת־רעגן האָט נאָך לאַנג געגאָסן, ווי מיט צע־בערס, ביז ווייט אין דער צווייטער האַלבער השמורה.

1970

אונטער די שטערן פון נגב

.1

די ברייט צעלייגטע קאַפּיי־טעראַסן און די שמאָלע, טונקל־באַלויכטענע ביסטראָ׳ס אויף די ראָגן פון בולוואַר סען־מישעל, סען־זשערמען דע־פּרעי, אַרום לוקסעמבורגער גאָרטן, אין לאַטייניש קוואַרטאַל, זענען אין יענע טעג כמעט דעם גאַנצן מעת־לעת געשווומען אין וואַרעמען נעפּל, אין רויש, אין סיגאַרעטן־רויך. דורך דער דריי־טיר פון „דע מאַגאָ״ איז מען אָן אויפהער אַריין און אַרויס. אין דער סאַמע טיף, ביי דער וואַנט מיט די משונהדיקע, עקסטראַוואַגאַנטע מאָלערייען פון די „אַבסטראַקטע״, איז געווען געדיכט אָבגערויכערט, ענג, נישט דורכצושפּאַרן זיך. די פלינקע גאַרסאָנען האָבן איבער קעפּ צודערלאַנגט אויף די טאַצן אַפּעריטיוון, קאָקאַ־קאָלאַ, וויסקי, סקאָטש, אויפגעכאַפּט אין דער לופט דאָס קלינגעלט, צוריקגעוואָרפן אַ רעשט. געוואָרפן מיט די הענט און אַלעמען איבערגעשריגן האָט דער מיטן פּייקעלע צווישן די געזונטע ציינער, מיט דער ווילדער געלער באָרד, לאַנגע קוטשערן, באַשפּריצט מיט ברוינע קלייענדלעך אויפן לענגלעכן פּנים פון אַן אַסקעט: זיכער אַ יידיש יינגל, אַ היפּי, אָדער אַ ביטניק. לויטן אויסזען, האָט ער מסתמא באַדאַרפט צו זיין אַ ווייטער ביאָלאָגישער, גענעטישער איבעררוף פון זיינע אבות, פון עפּעס אַן עלטער־עלטער זיידן, אַ קרעטשמער, אַן אַרענדאַר, אָדער אַ פּאַכטער, אויף די קרייץ־וועגן פון די פּאַרצייטישע געדיכטע פּוילישע וועלדער, ביי די סלאַווישע טייכן, וווּ זיי זענען אַלע לסוף אויסגעראָטן, אָדער פּאַרטריבן געוואָרן.

פּונקט ווי דער לעבן אים, מיט אַ בלאָנדלעכער, שטייפער באָרד, ווי פון דראָטן, אַ ברייט, פּויעריש פּנים, גרינלעכע אויגן — אַוודאַי אַן אָפּשטאַמיקער פון נאָרמאַנען, אָדער צעלטן, צי גאָר פון די וויקינגען. די גלעזלעך סקאָטש און וויסקי האָבן חיה׳ש אויפגעלויכטן זייערע צעטומלטע בליקן. פּויסטן זענען געפאַלן אויף די נאַקעטע טישלעך, אַז די גלעזער און פלעשלעך זענען אונטערגעשפּרונגען; און צווישן דער גאַנצער באַנדע — ס׳שמאָלינקע, פּאַרגרינטע מיידל, אין די בלודזשינס, איוואָן. זי איז לאַכנדיק געשפּרונגען איבער טישלעך, אַרומגעפלאַפּלט מיט איר פויגל־שטימעלע. זי האָט נאָכאַנאַנד געהאַלטן אין

גרייטן עפּעס אָן עקזאָמען און אים קיינמאָל נישט געמאַכט. די ראָב־שוואַרצע שויבערן האָבן זיך פאַנאַנדערגעשאָטן אויף איר שמאָלע פּלייצקעס, איבערן נידעריקן שטערן. גרויסע, ראָזע ברילן אויפן קליינעם נעזל; אָבער מיט פאַר־דרייטן גרעקל, אַז זי האָט זיך באַוויזן, מיטן פרומען פּנימל אירן, האָט זי גי־כער אויסגעזען ווי אַ פּאַריזער מידינעט, אָדער אַ גריזעט, פון שיינעם 19־טן יאָרהונדערט.

און צווישן זיי אַלעמען, אַרויפצו — דאָס בחורל מיטן שוואַרצן ראַנד־בערדל, דאַניעל; אַן אָפּשטאַמיקער פון דורות יידישע שניידערס אין די שטעט־לעך אַרום לאָדזש; ווי געווינלעך, אַ ביסל אַ צופּיל נאַכטראַכטערישער. מאָדנע, ווי ער וואָלט דאָ געקוקט אויף זיי אַלעמען מיט ווייטע, געשיכטלעכע אויגן, מיטן פאַרשוווּמענעם בליק דערזען עפּעס אַזוינס, וואָס קיינער זעט דאָ אפשר נישט. פאַרוואָס טרייבט עס אים פון זייער צעטראָגענער יידישער היים, פון רי דע טירען ? ווייל רי דע טירען איז — צוריקגאַנג, אונטערגאַנג; פּונקט ווי זייערע אַמאָליקע וואַרשעווער נאַלעווקעס דאָרט. זיי זענען אָפּגעמעקט גע־וואָרן, אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל, אָן אַ זכר.

ביים יונגוואַרג איז, נאָך די געשעענישן אין לאַטיינישן קוואַרטאַל, געווען אַלץ פּאַראַמאָל — אָפּלייקענונג; די קאַפּיטאַליסטישע קאָנסומאַציע־געזעל־שאַפט, די עקזיסטירנדיקע מאָראַל, פאַר אַבסאָלוטער פרייהייט. אָבער וואָס מיינט מען שוין דערמיט, נאָך די אַלע פריערדיקע פרייהייט־קאַמפן ? זיי האָבן זיך פאַרלאָזן בערד, געטראָגן לאַנגע האָר, אַרמגעגאַנגען אין שמאָלע, צעקנייטשטע הויזן, געוואַלגערט זיך אין די קאַפייען ביז פאַרטאָג, געררויכערט הערויִן, האַשיש. דאָס האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין פאַנטאַסטישע וועלטן. היינט — האָבן זיי געטענהט — לעבן מיר און מאָרגן — אינטערעסירט אונדז נישט. זיי זענען קעגן מלחמה, פאַר דער פרייהייט פון אַלע פעלקער — וויעט־נאַם, קאַמבאָדזש, די פּאַלעסטינער, נאָר נישט — פאַרן „קאָלאָניאַליסטישן" ישראל. אַנאַרכיסטן, אַנאַרכאָ־קאָמוניסטן, מאַאָ, טשע־געוואַראַ, קאַסטראָ, טראָצקי, לעניִן, מאַרקוזע. נישט איין מאָל האָט ער זיך געקאָכט, דאָס יינגל דאַניעל, צווישן היימישע יידן : „מיר זענען קעגן אימפּעריאַליזם, קעגן קאָ־לאָניאַליזם, און אויך — קעגן ציוניסטן. פּאַלעסטינע דאַרף, אין בעסטן פאַל, זיין אַ יידיש־אַראַבישע מדינה, נישט גיין אין שפּאַן פון אַמעריקאַנער אימ־פּעריאַליזם"...

ס'איז אויך געווען, אַז מ'וויל, אַ קאָנספּיראַציע פון קליינע קרייזלעך; „פּאָדפּונקטן", פּאַראַלן, דעמאָנסטראַציעס. ס'איז אָבער נישט זיכער, צי זיי האָבן עפּעס געלערנט פון דער גרויסער פּראַקטיק געניטע קאָנספּיראַטאָרן פון פריערדיקן דור. מ'איז געגאַנגען שטורעמען אַ מיטינג פון די נעאָ־פאַ־שיסטן. פּאָליציי. קלעפּ. אָבער וואָס האָבן זיי דען אַלע געוווּסט, וואָס ער, דאַניעל ווייסט ? — וועגן די העלדישע פאַרגייער, די שטורמישע יאָרן פון אַ וועלט־פאַרצווייגטער באַוועגונג, וואָס האָט זיך פאַרגענומען „צו ענדערן דעם

גאַנג פון דער געשיכטע״? און אים, דאַניעלן, האָט זיך צוערשט אויסגעוויזן, אַז עפּעס חזרט זיך דאָ איבער.

ס׳איז געווען אַ דיסקאָטעק, אַ פּאַרמאַכטער קלוב פון דזשאַז און... כל־נדרי, עקספּערימענטאַלער פילם. ס׳איז געווען אַ שפּרונג אין ווייטע, פאַר־קלונגענע וועלטן פון יאַרטויזנטער שפּעטער, אָדער אפשר גאָר — צום אור־אַלט. די פאַרוואַנדלונג פון מין מענטש — בלויז אַן עלעקטראָנישער מעכאַ־ניזם. דאָס קאָנסערווירטע ליד פון פאַריזער שאַנסאָניער זשאָרזש בראַסענס, איינטאָניק, אומעטיקלעך, פילאָזאָפיש, אויף די ליפּן פון דער גאַנצער יוגנט — קלינגט אַדורך דעם עטער פון לאַנג־פאַרזונקענע וועלטן. ס׳שווידערט פון דער וויסטער אויסגעשטאָרבנקייט, פון דער מעכאַניזירטער טויטער עקזיס־טענץ, ווו ס׳דרייען זיך אַרום שווייגנדיקע אויטאָמאַטן, אין אַ לבנהדיקער איינ־זאַמקייט. צו דעם גייען מיר — האָט זיך דאַניעל מיט שווידער דערטראַכט — אין דער ערע פון אוישוויץ און פון אַטאָמישע קאַטאַסטראָפעס. אַן אַנדערער לעבן אים האָט סקאַנדירט מאָנאָטאָן:

פּיר פאַרטאָג...

פּוסטע גאַסן, פאַרשטעלט פוןביידע זייטן

מיט לאַנגע שורות אויסגעלאָשענע אויטאָס,

אויסגעלאָשענע לאַמטערן...

דער ריח פון פריש ברויט, פון אַ בעקערישן קעלער,

דערגייט צו די אָנגעשפּיצטע נאָזלעכער.

פּיר פאַרטאָג... אַלץ דרייט זיך פאַרן פּוסטן בליק...

פּיר פאַרטאָג...

אַזוי סילאַביזירט ער אַ מין געזאַנג, דער לאַנג־האָריקער, ווילד־פאַר־וואַקסענער יונגערמאַן אין די צעטרייבערטע בלודזשינס. ס׳איז די פּאָעזיע פון נעאַנט, פון אויסגעלאָשענע לבנות — האָט זיך דאַניעל לסוף דערטראַכט; איז אַוועק פון זיי, און אַפילו נישט געדענקט מער, ווי ער פירט דער קליי־נער איוואַן ביי אַ האַנט. זי גייט מיט מידע שפּרייזן, דעם קאָפּ אָנגעלענט אין זיין אַקסל, ווי א לונאַטיקערין, און וואָרקעט ווי אַ טייבעלע.

צו שטילן דעם הונגער, נאָך טאַשן־געלט, האָט זיך דאָס יידישע יונגוואַרג געווינלעך צוריק אַראָפּגעכאַפּט צו די קליינע, פאַרדאגהטע יידישע טאַטעס, די שניידערס, און דאַניעל — צו דער מאַמען אויף רי דע טירען. דאָס ״הויז״ האָט, ווי אַלעמאָל, געזשומעט מיט אַרבעט, מיט מסחר, מיט פּרילינג־ און האַרבסט־סעזאָנען. דעם עלטערן ברודער, מאָריסן, דעם אַרויפגעאַרבעטן קאָנ־פעקציאָנער, ברייט צעלייגט מיט די שוי־פענצטער אויף רי דע טירען, האָט

ער מער נישט געוואָלט אָנקוקן, צו קומען בעטן ביי אים אַ פּאָר פראַנק. ווען נאָר זיי האָבן זיך צונויפגעטראָפן אין הויז ביי דער מאַמען, זענען באַלד אויס־געבראָכן וויסטע סקאַנדאַלן, און די אַלטע האָט זיי קוים צעריסן.

זיי האָבן אָבער גערעדט מיט האַרץ, די קליינע יידישע טאַטעס, די שניי־דערס, צו זייערע זינדלעך, געבראַכט זיי וויכטיקע ראיות, וואָס זיי האָבן אַרויס־געלייענט פון יידישן בלאַט:

— פאַרשעמסט דיין שטאַם, זשאַקעלע... דיין אויסגעקוילעטן שטאַם...

— כ׳לאַך זיך אויס פון אייערע נאַציאָנאַליסטישע, שאָוויניסטישע אידעאָ־לאָגיעס... — האָבן די יונגעלייט חוצפּהדיק געענטפערט די קליינע טאַטעס — זאָל נאָר קומען די אמתע וועלט־רעוואָלוציע...

— זאָג מיר נאָר, צעליגער מיינער, און אַז ס׳וועט שוין קומען די וועלט־רעוואָלוציע, וועסטו דען ווערן אויך ייד ?...

— באַלד קריכן זיי אַרויס מיט זייער געטאָ... יידן... יידן...

— געדענק, וועסט נאָך אָבער אַמאָל באַדויערן... מ׳האָט שוין אַזוינס אויך געזען...

זיי האָבן זיך אויפגעהויבן, געקלאַפּט מיט די טירן, געלאָזן זיי דאָרט, די קליינע, פאַרהאָרעוועטע טאַטעס, מיט זייערע יידישע קרעכצן וועגן אויסגע־קוילעטן פאָלק, וועגן ישראל, זיך פאַרשטאָפּט די אויערן, גאָרנישט מער גע־וואָלט הערן.

אָבער דאַניעלן, אַ ווייט־נאַכטראַכטערישער, האָט שטילערהייט געגרי־זשעט עפּעס אַ וואָרעם. ווו — האָט ער זיך געפרעגט — איז אין דעם גאַנצן פּלאָנטער פאַרט דאָס פּאָזיטיווע ? צווישן אָט דער באַנדע האָט אים צוערשט געעפנט די אויגן די טראָצקיסטישע ליגע, דער 4־טער אינטערנאַציאָנאַל, די שאַרפע אָפּלייקענונג פון באַרבאַרישן סטאַליניזם, וואָס האָט נאָך ערשט נישט לאַנג געהאָט באַהערשט די מוחות פון אַ וועלט. אָבער מיט זיין יידישן אַפּענ־דיסיט האָט ער זיך נאָך אַלץ געוואָרגן. ס׳איז אויך — האָט ער זיך געזאָגט — עפּעס אויפגעקלערט געוואָרן אין דעם נאַטאַן וויינשטאָק׳ס פּאַשקוויל „דער ציוניזם קעגן... ישראל״; ס׳הייסט, די מאַרקסיסטישע אינטערפּרעטאַציע פון דער יידן־פראַגע; זייער פּינקטלעכע ציטאַטן, געשיכטלעכע פּאַראַלעלן און — פאַלשע אויספירן. ער האָט עס אָבער נישט געקענט אַזוי געגוי דערכאַפּן, איז ווייט געווען פון די אַלע פראַגן, און ס׳האָט אים נאָכאַנאַנד געעקבערט.

— מיר זענען איבערגעגעסן מיט זייער ציוויליזאַציע... — האָט דער בלוי־אויגיקער, אַן אָפּשטאַמיקער פון נאָרמאַנען, צעלטן, אָדער וויקינגען, גע־קלאַפּט מיט דער רויטער שווערער פויסט פון אַ קצב אין טיש אַריין — כ׳וועל זיך אין פרילינג אַרויסלאָזן וואַנדערן מיט אַ שיפל איבער די טייכן,

פאַרנעמען זיך מיט פיש־פאַנג, באַטראַכטן די בלומען אין זייער בליען, די פייגל — אין זייער פלי, דעם זון־אויפגאַנג, די שטערן אין די נעכט. נאָכוואָס די פליכטן, די אחריות ?

— בכלל, אַנטדעקן מיר נישט קיין וועלטן... — האָט דאַניעל, אַ ביסל שטילער, געלאָזט הערן זיין ווייטן יידישן סקעפּטיציזם — ס׳זענען שוין אַמאָל אַזעלכע באַוועגונגען אויך געווען. פּרושים־סעקטעס, פון טיפן אַלטערטום, ביז אונזערע טעג. זיי האָבן געלעבט פּרימיטיוו, ווי אין די צייטן פון דער דער שטיין־תקופה, נאָר צו באַפרידיקן די עלעמענטאַרע אינסטינקטן — שפּייז, סעקס. זיי האָבן אָבער אויך געגלויבט אין אַלערליי אָפּגעטער. און מיר, אין וואָס גלויבן מיר ?

— נאָכוואָס דווקא — גלויבן? צו געפינען דעם גייסטיקן גלייכוואָג, זענען — נאַרקאָטיקס. כ׳האָב געזען אַ דראַמע, ווי עס זיצן אַ גרופּע האַלב־נאַקעטע נאַרקאָטיקער און פילאָזאָפירן. איינער זאָגט, אַז דאָס לעבן איז שווידערלעך לאַנגווייליק, מען לעבט אין וואַקוּאום, אָן האָפענונגען. אַ ביסעלע פאַרטויבונג מאַכט דאָס לעבן שענער...

— ס׳איז נאַריש — האָט דאָס לאַכנדיקע מיידל, די איוואָן, זיי איבערגע־שפּאַרט — צו גריבלען זיך, זוכן דעם זין פון לעבן. מ׳דאַרף לעבן און — געניגן...

פון אַלע זייערע געדיכטע רעדערייען, איז אים אומעטיק געוואָרן, דאַ־ניעלן. ר׳האָט נעפּלדיק עפּעס פאַרגעדענקט, ווי דער טאַטע זיינער, דער שניי־דער, מיט דער הויכער פּלייצע, אַנגעזאָטלט מיט דער בריל, האָט געפּלעגט אונטערצוברומען ביי דער מאַשין :

...שוין נישטאָ דער נעכטן, נאָך נישטאָ דער מאָרגן,

פאַראַנען נאָך אַ שטיקעלע היינט, פאַרשטערט עס נישט מיט זאָרגן.

ס׳איז אָן שום ספק געווען עפּעס מיסטישס אין אָט די פאַרצייטיקע יידן — האָט ער זיך דערטראַכט — מיט זייער ווייטער, פרעמדער וועלט. און ער האָט זיי נאָך צולעצט איבערגעשריגן מיט אַ מין יידישער עקשנות:

— אין אונזער אורבאַנישער תקופה, האָבן מיר צוויי פאַראַלעלע מאָסן, צוויי באַזונדערע צוגאַנגען אין אָפּשאַצן ווערטן. מיר גלויבן אַז ס׳איז אַ ריס צווישן דורות, אָבער אין דער אמתן איז עס גאָר אַ תהום צווישן ווערטן, די נאַרקאָטיק־קולטור, און — די נאָרמאַלע, די גראַדליניקע. די אַפּאָסטאָלן פון דער נאַרקאָטיק־קולטור זעען נאָר פאַרגעסונג, נישט פּראָדוקטיווע שע־פערישקייט. מ׳לאַכט זיך אויס פון יאָך פון אַרבעט, פליכטן. וואָס מער געניסן פון היינט, דער נעכטן איז שוין טויט און דער מאָרגן איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן. איין שיטה איז געבויט אויפן געפּיל פון עקזיסטענציאַליזם, די צווייטע — אויפן לאָגישן דענקען. איינע איז מיסטיציזם, ריטואַל, די

צווייטע — אינטעלעקט. איך האַלט פונדעסטוועגן, אַז די נאַרקאָטיק־קולטור איז הפקרדיק. אַ צוזאַמענשטויס פון די צוויי שיטות איז אומפאַרמיידלעך.

ס'איז שוין איידער וואָס, געווען מיט־זומער, און מ'האָט באַדאַרפט אַ טראַכט טון — וווהין לאָזט מען זיך אַרויס וואַנדערן?

אין זומער האָבן זיי זיך, ווי די וואַנדער־פייגל, אַוועקגעלאָזן ערגעץ אין די צפון־לענדער, מיטן צעטרייבערטן „דע שעוואָ", מיט גרויס סכנות נפשות אויף די פאַרפאַקטע אויטאָסטראַדעס. איבער דער בריק פון רהיין, אין קעלן, געהיט פון מאָסיוון געץ, פון פרידריך דעם גרויסן, אויפן פאַרגרינטן פערד, האָבן זיי לאַנג באַטראַכט די גערמאַנישע „געשיכטע", מיט די אַנגעבלאָזענע העלדישקייטן זייערע, וואָס די צייט אַליין האָט זיי פאַרגעסן און אויסגעלאַכט. דערטרייסלט זיך ביז אַמסטערדאַם, קאָפּענהאַגען און אַפילו אָנגעשפּאַרט ביז שטאָקהאָלם, האָבן זיי זיך אומעטום אויסגעמישט מיטן אינטערנאַציאָנאַל פון די לאַנגהאָריקע, אָפּגעשליסענע היפּיס און ביטניקס, געפּלאָנטערט זיך אין די גאַסן, צווישן די טויטע, פאַרגליווערטע דענקמעלער פון קעניגן, ריטער, ווי־קינגען, באַדעקט מיט אויפשריפטן פון פאַרגעסענע מלחמות, בלוט־פאַרגיסונגען, פון וועלט־פאַרכאַפּערישע באַרבאַרן. אויף די מאַרקט־פּלעצער, צופוסנס די שווערע, גאָטיש־פאַרריסענע דאָמען, קאַטעדראַלן, מיט די שפּיצן־קופּאָלן פאַרשטאָכן אין הימל אַריין, ווי בבל־טורעמס, האָט געווימלט אַן אינטערנאַציאָנאַל פון יוגנט. זיי זענען דאָ אַנגעפלויגן ווי די הפקרע טויבן, צעזעצט אויף די טרעפּ, אין זייער אָפּגעריסענעם הילוך. אַן אַרמיי פון ווידערשפּעניקע צו דער קנאה־שנאה־געשיכטע פון פאַרגעסענע, אויסגעלאַכטע וועלט־דעראָבערער. די צפונדיקע אימפּעריעס ליגן אויסגעלאָשענע. די געשיכטע האָט זיי פאַרגליווערט, ווי פאַרגליווערט ס'איז ביי די ברעג־וואַסערן פון באַלטיק די קריגס־זעגל־שיף „וואַזאַ", וואָס איז עטלעכע הונדערט יאָר געלעגן אויפן גרונט פון ים און מ'האָט זי פון דאָרט אַרויסגעצויגן. ווי קינדער־שפּילצייג זעען היינט אויס די בראָנדזענע קאַנאָנדלעך. אַרום — וואַסערדיקע בליקן, טויבן און היפּיס. אַן עראָטישער דזשונגל־געשריי פון אַלערליי ראַסן אַרום די ראַיענדיקע סעקס־שאָפּן אין די שמוציקע געסלעך, אַרום „האָטעל אַטען". דאָס צפונדיקע ווענעדיק און — אַ אינטערנאַציאָנאַלער פעסטיוואַל אין די שמאָלע געסלעך, צווישן זונות און דעגענעראַטן מיט וואַסערדיקע בליקן אונטערן נידעריקן שטערן. זיי וואַלגערן זיך אויף די טעראַסן־טרעפּ, וואָס פירן צום הויף־פאַרריסענעם, פינצטערן, רויט־ציגלדיקן ראָטהויז, צוזאַמען מיט די אָנפליענדיקע טויבן פון אַלע טורעמלעך.

שפּעט אין אָוונט האָט מען זיך אומגעקערט צום האָטעל „מולען רוזש", אַ שלעכטע נאָכמאַכונג פון האַלב־נאַכטיקן פאַריזער פּיגאַל. פיר צעשאָקלטע בעטן זענען געווען אין צימער אונטערן דאַך, וואָס איז געהאַנגען ווי אַ פויגל־נעסט צווישן די שמאָלע, הויכע הייזער, אַריינגעשפּאַרט איינס אין אַנדערן.

זיי האָבן אַרויפגעקלעטערט די שווינדל־טרעפּלעך. זיי זענען דאָרט געווען אפשר זאַלבעצענט אויבן. מ׳האָט געזונגען מיט באַנומענע קולות, באַגלייט פון אַ גיטאַרע. אונטן, אויפן פּלאַץ, איז נאָך אַלץ ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, געגאַנגען; דער קאַרנאַוואַל, צווישן אויפגעשאָסענע פייערווערק און רוישיקע נעאָן־ליכטער.

צוריקגעקערט קיין פּאַריז, האָט דאַניעל אַרומגעבלאָנדזשעט ווי אין אַ תוהו ובוהו. די שטאָט איז געווען מיט־זומערדיק אויסגעליידיקט. ער איז אַרויף צו דער מאַמען אין שטוב. קיינער איז נישט געווען; פאַרזעסן זיך ביים טעלעוויזיע־אַפּאַראַט, געהערט דאָס מעלאַנכאָלישע געזאַנג פון דעם יידן־אָפּשטאַמיקן, סערזש גאַינסבורג, מיט די לאַנגע פּאַוואָריטן, אין האַלב דער־שטיקטע טענער:

אַ־קאָר־דע,

אַ־קאָר־דע,

אַקאָרדעאָן...

און ער האָט זיך, צום ווײַפלטן מאָל, געכאַפּט, אַז פון דעם בחור מיט די אויסגעשרויפטע, האַלב־צוגעלענטע אויגן, אַסקעטיש־לאַנגן פּנים, זינגט גאָר אַרויס אַ מאָדנע — יידישע נאָסטאַלגיע, אַ מין חסידישע דבקות. צי האָבן זיי עס כאָטש דערכאַפּט? ער האָט אַפילו אין אים אַרויסגעפילט — דעם אַטאָם־אַנגסט פון אַן אונטערגייענדיקער ציוויליזאַציע, וואָס הענגט איבער אונזערע קעפּ. די טעלעוויזיע־ציוויליזאַציע... דאָס בלוי־פאַרהילטע ליכט פון הינטער אַלע אַראָפּגעלאָזענע שטאָרן אָוונט־צייט, אין די וואָלקן־קראַצער־שטעט, פול מיט פּאָלוציעס פון רויכן און גאַזן. זיי פאַרסמען די לופט, דער אָפּפאַל פון כעמישע שטאָפן פאַראומרייניקט די טייכן, די ימען, אַפילו די אָקעאַנען. עס שטאַרבן די פיש. זיי פאַרדאַרבן די נוצלעכע וואַסער־שטאָפן. די אויטאָס, די פאַבריק־רויכן פאַרניכטן דעם זויערשטאָף, פילן אָן מיט אַ די־נעם נעפּל פון שוועבל־זויער די לופט. ווו אַנטלויפט מען דערפון? דאָס האָט ער אַרויסגעפילט פון דעם מעלאַנכאָלישן געזאַנג. דאָס פראַנצויזישע מיידל, זשיליעט גרעקאָ, האָט אים, אין איר רעציטאַטיוו, מיט האַלב־צוגעלענטע אויגן, דוכט זיך, אַמבעסטן דערפילט און אימיטירט, דעם יידן־אָפּשטאַמיקן, ווען זי האָט סילאַביזירט:

אָן דאַנסע לאַ זשאַוואַנעזע...

(מ׳טאַנצט דעם זשאַוואַ־טאַנץ).

דאָס בלאַסע ליכט, דאָס לבנה־בלאַסע געזאַנג, האָט טאַקע דערמאָנט — די לבנה־גייערס, מאַוימדיק־פאַרקלונגענע, פּוסטע קאָסמישע רוימען, ביזן — אַטאָמישן קראַכן פון אונזער פּלאַנעט. אָט די זעלבע יוגנט, פאַרכאַפּט אין פּאַ־ניק, וואַקסט אויס מיט אויסגעשטרעקטע פּיסטאָלעטן אין אַוויאַנען, פאַרכאַפּן

מענטשן, אויב מען גיט זיי נישט קיין אויסלייז־געלט. וואָס איז דען דער וווּנדער ? אויך די מאַכט־גיריקע הערשער שטייען אָנגעגורט מיט זייערע מעגאַטאָן־מאָרד־כלים קעגן איינאַנדער. זיי רעדן אויך וועגן אינטערנאַציאָנאַליזם, סאָציאַליזם, שפּיאָנירן ראַפּינירט, ווי די הינט, יעדן שפּאַן פון זייער פּאַרכאַפּטן באָדן, אין דער עפּאָכע פון אַ באַפעלקערונג־עקספּלאָזיע, אין דער צייט, ווען צוויי־דריטל פון דער מענטשהייט הונגערט. איז דאָך דאָס 19־טע יאָרהונדערט געווען אַ גליקלעכער יאָרהונדערט. די ראָמאַנטיק, די גרויסע אילוזאָרישע האָפענונג פון די מאַרקסיסטן, זייערע מפרשים, אַפילו פון די רעוויזיאָניסטן. זיי האָבן דעמאָלט נישט געוווּסט, ווי גאַנץ, גליקלעך זיי זענען אין זייער נאַיוון גלויבן. די אַטאָמישע קאַטאַסטראָפע הענגט אין דער לופט, זי קען אונז צוריקפירן צום נעאַנט. פאַרבלייבן וועט אָבער דאָס פלאַדיען זיך פון שרצימוואַרג, פון אינזעקטן, אין די פלאַכע וואַסערן ביי די וואַרעמע דרום־ים׳ען. ווייל אין די פלאַכע וואַסערן ביי די וואַרעמע ים׳ען האָט זיך אוודאי אונזער לעבן אָנגעהויבן ווידמען, צוזאַמען מיטן שרצימוואַרג. אַ סימן, אַז ס׳ציט אונז נאָך איצט צו זיינע ברעגן, צו זיינע פּליאַזשעס; כאָטש אַלץ איז דאָרט קולטיווירט, פילט מען נאָך דאָרט דעם בראשית. וואָס פּאַרא ראַפינירט לעבן דער מענטש האָט אַנטוויקלט, סיי אין זיך גופא, סיי אין זיינע טעכנישע וווּנדער־אויפטוען. און דער מענטש אַליין איז נאָך אַלץ אַ מקורב צום שרץ ביי די וואַרעמע דרום־ים׳ען. ביי זיינע ברעגן זענען אויפגעשטיגן בבל־טורעמס, אינטערנאַציאָנאַלע לוקסוס־האָטעלן פון גלאָז, שטאָל, בעטאָן, נעאָנען; אָבער פונקט ווי ביים בבל־טורעם, איז דאָס לשון ביי די מענטשן צעמישט געוואָרן. דאָרט ווימלט שיין, געפלעגט פרויען־לייב, וואָס פירט ווידער צום בראשית, צו אור־אינסטינקטן, צום פלאַדיען זיך פון מינים. ווי די אָרביטע וואָלט אָפּגענויגט אין איר אייביקן אַרומקרייזן; ווי די גראַוויטאַציע וואָלט זיך פאַרענדערט.

און ער, דאַניעל אַליין, האָט זיך דערפילט ווי אַ טייל פון זייער אונטערגייענדיקער וועלט. ער וויל אַנטלויפן און — קען נישט; פונקט ווי ער וויל אַוועק פון זיין מאַמעס אונטערגייענדיקער וועלט, איר יידישע וועלט פון פאַרשטויבטע ביכלעך, וואָס וואַלגערן זיך ערגעץ אין שטוב, אויף אַ פּאָליצע.

אַזוי האָט ער זיך אין אָוונט ווידער דערזען פאַרבלאָנדזשעט אויפן סען־מישעל, בולוואַר סען־זשערמען דע פּרעי, צווישן די קאַפייען און ביסטראָ׳ס.

.2

דאָס מאָל האָט די קליינע איוואָן געהאַט אַ פּאַרטיקן פּלאַן און האָט מיטגעשלעפּט די גאַנצע באַנדע. די גאַנצע אַוואַנטורע האָט זיך צוערשט אָנגעהויבן מיט צעטרייבערטן „דע שעוואַ״; זיי האָבן די שברי־כלי געהאַט איינגעהאַנדלט אין אַ גאַראַזש, אַרום סענטואַן, די פּליי־מאַרשע, פּאַר קליינע

געלטער. אָפּגעמאַליעוועט אים אין מיתה־משונה־קאָלירן, באַמאָלט מיט לאָזונגען, האָבן זיי זיך אָנהייב יולי אַרויסגעלאָזן אין דער ווייטער רייזע זאַלבעפינפט. אין מיטן וועג זענען צוויי פון זיי באַלד אָפּגעפאַלן. פאַרבליבן זענען צולעצט ביידע יידישע יינגלעך, דאַניעל און מאַרסעל, מיט זיין אָנגעהאָנגענער גיטאַרע, און — איוואָן. דאָס האָט זיי זיי אַלע פאַרדרייט דעם קאָפּ; אַזאַ כוח האָט זי געהאַט, סקליינע פאַריזער ווילדלעכע מיידל. דאָס האָט זי באַשלאָסן, אַז מיטן אָפּגענוצטן „דע שעוואָ" מוזן זיי אומבאַדינגט דערקריגן זיך אַזש ביז פּירעי, ביי די גריכישע איינגוסן, די זוניקע אינדזעלעך אויפן עגייאישן ים, ביי די דרום־פיאָרדן.

באַלד אויפן אַנדערן טאָג זענען זיי אָבער שטעקן־געבליבן מיט דער מאַשין אויף יענער זייט טונעל פון וואַל ד'אַאָסט, אין איטאַליע, אויף דער ברייטער, זוניקער אויטאָסטראַדע. אַ פאָרנטיק ראָד האָט געפּלאַצט; דערנאָך האָט דער מאָטאָר גענומען הייזעריק כאָרכלען. ס'איז מיטאַמאָל אַרויס אַ פלאַם, און — ער איז אינגאַנצן שטיל געבליבן. זיי האָבן געפּרוווט צו גראַבלען זיך אין די אינגעווייידן און האָבן זיך, אַ ביסל צעטומלט, איינגעהאָרכט אין אים, ווי אין אַ גוסס. דעם וואָגן האָבן זיי קוים דערשלעפּט שיינע עטלעכע קילאָמעטער, ביז א גאַראַזש, אַ בענזין־סטאַנציע אין מיטן וועג. דאָרט האָט מען זיי אָבער באַלד גע'עצהט, אַז ס'איז אַ שאָד די טרחא. האָבן זיי דעם צעטרייבערטן וואָגן איבערגעלאָזן אויפן פּלאַץ, באַליגט מיט נאָך פיל אַלטע פאַרשזאַווערטע מאַשינען; האָבן, אויספּייפנדיק אַ לידל פון אַנרי מאַסיאַס, וועגן די שיינע טעכטער פון זיין לאַנד, אַ נעם געטון די רוקזעק אויף די פּלייצעס און אַוועקגעלאָזן זיך וואַנדערן צופוס.

אַ נאַכט זענען זיי אָפּגעשטיגן אין אַן „אָבערזש", אַ נאַכט — אונטערן אויסגעשטערנטן הימל, פאַרשטעקט אין די שלאָפזעק, און אין דער פרי ווייטער אַרויסגעלאָזן זיך אויף די שאָסייען, אונטערצוכאַפּן אַ „טרעמפּ". אין די זומער־חדשים זענען אַלע וועגן און אויטאָסטראַדעס באַליגט מיט אָט דער ווילדלעכער, פאַרוואַקסענער חברה וואַנדערער. זיי וואַרטן לאַנג, מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט, אויף אַן „אויטאָ־סטאָפּ". ס'איז אָבער נישט אַלעמאָל אַזוי לייכט, כאָטש פון אומעטום ציען קאַראַוואַן־וואָגנס, עלעגאַנטע „פאָלקס־וואַגנס", „רענאָס", „פּעזשאָס", אויך אַלטע „פאָרדן" און קליינע איטאַליענישע „פיאַטלעך". מען ציט צו די קורערטער ביים אַדריאַטיק, צו די ברעגן פון באַלקאַן. די חברה האָט זיך פאַרשטעקט ביים וועג, אַרויסגעשטעלט דאָס לאַכנדיקע מיידל איוואָן, אין די בלודזשינס, מיטן איינגעשטייפטן קאָרסאַזש, די ראָב־שוואַרצע קוטשערן אין ווינט, די גרויסע ראָזע ברילן איבערן חנוודיקן נעזל, זי זאָל שטיין אויפן שאָסיי מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט צו די פאַרבייפאָרנדיקע וואָגנס. אַ מיטליאָריקער מאַן, מיט געדיכטע, גרויע וואָנסן, האָט זיך יאָ פאַרהאַלטן, אָבער ווען די ביידע יינגלעך זענען באַלד דערנאָך אומגעריכט אויסגעוואַקסן, האָט זיך יענער שנעל אָפּגעטראָגן.

ס׳האָט זיך זיי פונדעסטוועגן איינגעגעבן עטלעכע מאָל מיטצוכאַפּן זיך אין אַ קליינעם, אָפּענעם לאַסט־וואָגן פון וועג־אַרבעטער; און זיי האָבן זיך טאַקע די אַנדערע וואָך דערשלאָגן צו די גריכישע איינגוסן. פון דאָרט האָט מען זיך שוין געטרייסלט אין אַ קליינעם דאַמפּער ביזן האַלב־ווילדן אינדזל אויפן עגייאישן ים. ווייסע הייזלעך און אלטע רואינען זענען געלעגן אויס־געשאָטן אויפן בערגל; און אונטן, אין פישער־פּאָרט, האָט זיך געראַיעט אַ פאַרביקער עולם מאַטראָסן, הענדלער און האַלב־נאַקעטע זומער־טוריסטן. אין די אויפגעשטעלטע ביידלעך ביים ברעג האָט מען געקענט איבערנעכטיקן. מ׳האָט געגעסן געפּרעגלטע פיש, נאָר וואָס פון דער נעץ, פאַר שפּאָט־ביליק, געבריט זיך אין די דינע זאַמדן, צווישן פעלדזן און גרינע וואַסערן, צווישן אַן אָנגעלאָפענעם אינטערנאַציאָנאַל יונגוואַרג.

מיטן אַנדערן, מיט מאַרסעלן, מיט זיין גיטאַרע, מיט די אָנגעזעצטע יינגלשע בלעטערלעך אויפן רונדן פּנים, איז אויך אינגיכן אויסגעקומען זיך צו צעשיידן. ער איז אַוועק; כאָטש ער האָט אַזוי שיין גערעדט וועגן פּאָליגאַ־מיע, האָט אים פאַרדראָסן, וואָס דאַניעל פאַרוואַרפט אַ האַנט אויף איוואָנס שמאָלע, איידעלע אַקסלען, טוט זי פלינק אַ כאַפּ, ווי אַ פעדערל, און אַנט־לויפט מיט איר, אונטערצוטונקען זיך אין וואַסער. זיי שווימען אָפּ ווייט פון ברעג און פון ווי ווייט הילכט זייער פריידיקער עכאָ. אים, מאַרסעלן, האָט איוואָן אַ ביסל פריער געמאָלדן מיט אַ לאַכעלע: „גיי... כ׳האָב דיך מער נישט ליב״... דער איבערגעוואַקסענער בחור מיט די אָנגעזעצטע בלעטערלעך אויפן פּנים, האָט לאַנג געפייפט עפּעס אַ צו־להכעיסדיק לידל, געבלאָנדזשעט אי־בער די סטרונעס פון זיין גיטאַרע, און אין דער פרי האָבן זיי אים מער נישט געפונען.

אַזוי זענען זיי שוין פאַרבליבן זאַלבעצווייט. מ׳האָט זיך נישט געאיילט. די וואַקאַציעס אויפן פאַקולטעט אין פּאַריז ציען זיך לאַנג, ביזן טיפן אָקטאָ־בער. אַרומגעפלאַטערט עטלעכע טעג ביים וואַרעמען ים־ברעג, צווישן די פעלדזן, האָט אים איוואָן אַ זאָג געטון:

— ווייסט וואָס, דאַניעל? ס׳ווערט לאַנגווייליק. מירן פאַרן פאַרענדיקן די וואַקאַנסן אין ישראל...

איז ער אַ ווילע שטיינגעבליבן צעמישט. זי — האָט זיך אַרויסגעוויזן — איז געווען פיל מער באַהאַוונט אין די אַלע באַוועגונגען אין ישראל, און וואָס דאָרט טוט זיך אָפּ. מיט צוויי זומערן פריער האָט זי זיך שוין דאָרט אַרומגעשלעפּט מיט אַ גאַנצער באַנדע איבערן לאַנד.

— וואָס איז דיר פּלוצים איינגעפאַלן? — איז ער געווען פאַרחידושט.

— פאָרסט מיט? — האָט זי קורץ אַ פרעג געטון.

— זיי אינטערעסירן מיך איבערהויפּט נישט...

— טאַ וואָסזשע... — איז דאָס פראַנצויזישע מיידל געווען זייער פאַר־וווּנדערט — דאָרט זענען דאָך די אייעריקע... דאָרט איז אַפילו פאַראַן דער „מצפן"... די נייע לינקע...

— דו — אויך ?... כ'האָב שוין גענוג פון אייער אַלעמענס נאַציאָנאַליזם... מיר זענען בירגער פון דער וועלט...

זי איז געווען ברוגז. ער האָט נאָך דאָרט עפּעס געפּרווּט רעדן צו איר, אָבער זי האָט זיך אָפּגעדרייט. ער האָט זי געוואָלט אַ כאַפּ טון, אָוועקצוטראָגן זי צום וואַסער, אָבער זי האָט זיך פלינק אַרויסגעגליטשט פון אים. אין אָונט, אין פישער־הייזל, האָט זי זיך פאַרקליבן אין אַן אַנדער ווינקל, צווישן אַ גאַנצער באַנדע; זיי זענען פון ערגעץ אַראָפּגעקומען, אויפגעהויבן אַ טומל, געזונגען מיט באַנומענע קולות; און איוואָן — צווישן זיי. דאַניעל איז אין זיין ווינקל לאַנג געלעגן אומגעדרייט צי דער וואַנט, אַריינגעטראַכט און — נישט געקענט פאַרשטיין. עפּעס האָט אים געגריזשעט.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט צומאָרגנס באַגינען, איז די באַנדע שוין אויך מער נישט געווען. ער איז אַרויס אויפן פייכטן זאַמד. דער טוי האָט נאָך באַדעקט די שטיינער. די שאַרפע זון איז נאָך געהאָנגען צווישן די שפּיציקע פעלדזן און ווייסע הייזלעך אויפן קאַרק פון די בערג, צווישן די רואינען. ער האָט אַראָפּגעקוקט צום פישער־ברעג. ווו ס'האָט זיך, ווי נעכטן, געראַיעט מיט מאַטראָסן, הענדלער, און געהערט דעם שאַרפן גערויש פון די מאָטאָר־שיפּ־לעך, וואָס שניידן די גרינלעכע וואַסערן צום קאָנטינענט. ער איז אַ לויף געטון, אויפגעכאַפּט פון ווייטן ווי עמיץ פאָכעט מיט אַ טיכל, מיט דער האַנט, אָבער ער איז נישט געווען זיכער, צי דאָס איז טאַקע איוואָן. צום ערשטן מאָל איז אים עפּעס אַזוי באַנג געווען ס'קליינע, נאַרישע, ווילדלעכע פּאַריזער מיידל. דעם גאַנצן איבעריקן טאָג האָט ער זיך איינער אַליין אַרומגעדרייט אויף דער פּליאַזשע. פון דער גאַנצער רוישיקער באַנדע איז ער פאַרבליבן אַליין. ער האָט גאָרנישט געטראַכט, אַז מען דאַרף אַמאָל נאָכגעבן די קאַפּריזן פון אַ קליין, ווילדלעך מיידל.

ער איז אָבער געוויר געוואָרן, אַז אין קליינעם פּאָרט פאַרהאַלטן זיך אָפּט די שיפן, וואָס קומען אָנצוציען פון מאַרסעיל, פון גענואַ, אויפן וועג קיין ציפּערן, קיין חיפה. און ער האָט באַלד אַ טראַכט געטון — זי האָט אַוודאַי גענומען דעם דאַמפּער קיין פּירעי, קיין אַטען און פון דאָרט מיטן אַוויאָן — קיין לוד.

אַזוי האָט עס אים, אומגעריכט און נאַריש, פאַרפירט, נאָכצולויפן דאָס ווילדלעכן פאַריזער מיידל איוואָן, אַזש ביז צום וואַדי הביטניקים, ביים בלויען ברעג, אין אילת.

.3

דאָס יינגל האָט געפּיבערט. מיט אָפענע אויגן איז דאַניעל געלעגן אין בעדואינער־ביידל פון קעמל־פעל, צופוסנס פון באַרג מצדה. די נעכט אין נגב זענען קילע. אַרויפגעצויגן דעם גראָבן סוועטער, וואָס די גוטע מאַמע זיינע האָט אים אין לעצטן מאָמענט אַריינגעפּאַקט, האָט ער נאָך אַלץ געשוידערט; נישט אַזוי צוליב דער ביינאַכטיקער קעלט; ווייל ס'האָט אים פּלוצים אַ הייב געטון — „אַזוי... הייסט עס... אָט די קליינע איוואָן"... און ער האָט זיך עס נאָך אַלץ נישט געקאָנט שענקען. פאַרהויבן אַ שפּאַלט, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און באַטראַכט מיט חידוש דעם טיפן הימל פון דער וויסטע, די גרויסע שטערן, ווי אָנגעגאָסענע הענגלעך ווייטנטרויבן, דעם שאַרפן האָרן פון דער האַלבער לבנה, די דראָענדיקע אדום, אָדער מואב־בערג אויף יענער זייט דרומדיקן צונג פון ים־המלח. פּונקט אַזוי אומגעריכט ווי די נאַכט איז אַראָפּגעפאַלן, אַזוי פּלוצים האָט פון הינטער די בערג אויפגעטויכט די מאָרגן־זריחה. אין דער טיפער נאַכט האָט דאָס אויער, דוכט זיך, אויפגעכאַפּט ווייטע, פאַרדעכטיקע גערוישן; אָבער אין שטילן באַגינען — קיין שום שאָרך נישט. גרויסע, שוואַר־צע, פּוכיקע פייגל זענען געהאָנגען אין לויטערן אַוויר, ווי פאַרחלשט, לאַנג־זאַם געלאָזן זיך אַראָפּפאַלן צום שטיילן, נאַקעטן באַרג־רוקן, ווו קיין שום גרעזל וואַקסט נישט. ס'איז אַזוי שטיל אין ליידיקן חלל, אַז דער מינדסטער עכאָ פון אַ פאַלנדיקן שטיין קלינגט ווייט אָפּ אין דער גאָרער אויסגעשטאָרבנ־קייט. ערשט איצט איז בולטער געוועזן צו זען ווי פון דער זייט פון ים אין דער נידער, איז דער פעלדז־באַרג אומצוטריטלעך, האָקט זיך שאַרף אָפּ, אַז מ'דאַרף פאַררייסן דעם קאָפּ אַרויפצוקוקן גאַנץ אויבן. אויפן פלאַכן, רויט־לעכן נובישן זאַמד־שטיין, אָדער רויטן סלע־פעלדז — די רעשטלעך פון הורדוס־פּאַלאַץ, פון די באַלאַגערטע קעמפער, פון די איסיים־סעקטעס.

מאָדנע, אַלץ איז דאָ ביי זיי איינגעהילט אין לעבעדיקע לעגענדעס. ווייט אין ברענענדיקן מדבר הייבט זיך אַרויס פון נידעריקסטן אָרט אין דער וועלט, די שפלה, דער פעלדז, ווו ס'איז זיך פאַרלאָפן אַ שטיק פון זייער העראָישן ווידערשטאַנד קעגן אַ גאַנצער אימפּעריע. צי איז עס נישט סימבאָליש ? אָט דערציילן זיי אויך אַז צווישן אָט די בערג, טאָלן, אָפּהאַנגען, תהומען, האָבן זיי, ערשט נישט לאַנג צוריק, געלויערט, די בריטישע פּאָליציי, די רוצחים, די פעדעאיִן. אַהער האָבן זיך די אומלעגאַלע פלמ"ח־יינגלעך דורכגעשמוגלט, דורכצופירן געהיימע מיליטער־איבונגען. זיי זענען דורכן מדבר געקומען צו־רייטן אויף קעמלען, אין די גרויסע וואַסער־קאַנען האָבן זיי אין טאָפּלטע דנאָען, געהאַט פאַרשטעקט טיילן פון געווער. אין ווינט, אין היץ, פלעגן זיי זיך אויך צומאָל דורכרייסן אַהער מיט אַ שיפל פון צפון איבערן ים המלח; האָבן געקלעטערט אויפן „שלאַנגען־שטעג", די סטעזשקעס אויפן באַרג, אי־בער אָפּגרונטן, אין די קילע פאַרטאָג־שעהן. ביי יאָזעפוס פלאַוויוס אין זיין „יידישע מלחמות", האָט ער טאַקע ערגעץ ווו געלייענט וועגן די „שלאַנגען־

שטעגן", וואָס איבער זיי האָבן געקלעטערט די לעצטע קעמפער פון מצדה, איידער זיי האָבן זיך, איינער דעם אַנדערן, דערשטאָכן מיט דער שפּיז, נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די באַדריקער. די רוימישע לעגיאָנען האָבן דאָ אָנגעשאָטן הויכע זאַמד־וואַלן; געשטורעמט די פעסטונג מיט זייערע קאַטאַ־פּולטן, די שטיינער־שליידערער. און ווידער איז — בראשיתדיקע אור־פּראַכט. ביי די קוואַלן פון די „חמי זוהר", אין עין בוקק, איז דעם גאַנצן ווינטער פול מיט טוריסטן. מען קומט זיך באָדן אין די הייסע שוועבל־וואַסערן; און אין די בעדואינער־ביידלעך, צופוסנס פון מצדה — די פאַרוואָקסענע היפּיס און ביט־ניקס פון אַלע עקן וועלט; אַ צוזאַמענטרעף פון אוראַלט מיטן ברויזנדיקן היינט.

מיט אַן אָוונט פריער זענען זיי דאָ ביידע שטעקן־געבליבן אונטערוועגנס; דער יונגער אינזשיניער מיט די אַראָפּהענגענדיקע בלאָנדע וואָנסן איבער די זאַפּטיקע ליפּן, יגאל, האָט האַסטיק פאַרהאַלטן דעם צעטרייסלטן דזשיפּ, אַ ביסל צעשטרייט אַרומגעקוקט זיך און אַראָפּגעדרייט מיטן אַלטן ענגלישן וועג, צו די אויפגעשלאָגענע ביידלעך פון די ביטניקס; און אים, דאַניעלן, האָט ער צוגעוואָרפן, מיט אַ קלוגן שמייכל: „מירן זיך דאָ פאַרשטעקן, חביבי... ביי־נאַכט איז גלייכער, דערוויל, נישט צו לאָזן זיך דורכן נגב"... נישט קיין גע־ווינלעכער בחור, אַ סאַברע. לאַכט זיך אויס פון אַלע געפאַרן, קען דאָ יעדעס ווינקעלע, קען געננוי די פּראָבלעמען פון די „נייע לינקע", וואָס טומלען אַרום אין די וועלט־שטעט, פון היגן רק"ח, מק"י, „עולם הזה", אַפילו פון „מצפן". דאָס איז ער כסדר אַרומגעפלויגן מיטן דזשיפּ פון איין בוי־שטעלע צו דער אַנדערער איבערן לאַנד, און אים, דאַניעלן, האָט ער, שניידנדיק דעם וועג צום צפון, אויפגענומען מיט זיך אויפן ברעג, אין אילת. דאָס, וואָס דאַניעל האָט דאָ אין די פּאָר וואָכן געזען, איז אים נאָכגעגאַנגען, פאַרפאָלגט, אויסגעמישט זיך אין עפּעס אַ נעפּלדיקער אָנונג פון זיינע ווייטע אָבות, ערגעץ ביי די סלאַ־ווישע טייכן; כאָטש ער האָט אַזוי ווייניק געוווּסט וועגן זיי. טאַקע, נאָכוואָס — האָט ער זיך דערטראַכט — פּלאָנטערן זיך דאָרט, אין די אָנגערויכערטע קאַפּייען, אין לאַטיינישן קוואַרטאַל, אין דער צייט, ווען זיי דאָ... אין זייער ביטערן גערא־נגל... די פּרוכטלאָזע דיסקוסיעס... די קליינע, פאַרגרינטע פּאַ־ריזערין, איוואָן, וואָס ער איז אַזש ביז אַהער געלאָפן זי דאָ ערגעץ אויפזוכן... אוי, ווי דאָס געוויסן האָט אים אַצינד געפּייניקט.

ווייל ער האָט זיך דעמאָלט אויפגעזעצט אויף דער קליין־טאָנאַזשיקער איטאַליענישער שיף, וואָס האָט אויפן אַנדערן טאָג געאַנקערט אין פּאַרלוי־רענעם פּאָרט פון גריכישן אינדזל, איז צום ערשטן מאָל אַרונטער אויפן לאַנד, אין חיפה. דאָ זענען נאָך געשטאַנען די הייסע מיט־זומער־טעג. וווהין לויפט מען זי דאָ ערגעץ אויפזוכן ? זי האָט אים פאַרדראָסן און ווי געטון, די קליינע. אָהאָ, זיי זענען אַלע כיטרע ! זי האָט אָבער געוווּסט אַז ער וועט זי לויפן אַהער אויפזוכן; שלעפּט זיך אַוודאי אַרום מיט דער באַנדע איבער די „אָבערזשן", אין די קיבוצים, אָדער אַראָפּצו, אין אילת. דאָרט איז אַן אָנגע־

לויף פון די היפּיס. כמעט אומעטום האָט מען זיי דאָ באַגעגנט אַרומוואַנדערן, פאַרוואַקסענע, אָפּגעשליסענע, פון אַלע לענדער — נאַרוועגער, האָלענדער, שוועדן, דייטשן, פראַנצויזן. אָבער וואָס טוט ער דאָ ? וואָס אינטערעסירט אים זייער גאַנצער ציוניסטישער טאַראַראַם ? די פּאָר יידישע ווערטער, וואָס ער האָט געהערט אין דער היים ביי דער מאַמען, זענען אים דאָ פונדעסטוועגן גאַנץ גוט צונוץ געקומען; נאָכגעפרעגט זיך, דערפרעגט זיך, האָט ער זיך דערפילט מאָדנע צו שפּרייזן איבערן לענדעל, וואָס איז דאָרט, אין פּאַריז, ביי אַלעמען אויף די צינגער, אין דער פּרעסע, אויף די מיטינגען; וואָס ווערט אַזויפיל דיסקוטירט, געזידלט, באַשפּיגן, פון רעכטס ביז לינקס. און ער האָט זיך געזאָגט : שאַדט נישט, מ'דאַרף עס אַלץ אָנקוקן מיט די אייגענע אויגן.

אין קיבוץ, ביי דער מאַמעס אַ קוזינע, האָט ער זיך פאַרהאַלטן נישט מער ווי איבער נאַכט. ווייל איידער ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן קיין אילת, אויפצו־זוכן דער קליינער איוואָן, האָט ער זיך דערפרעגט און אָפּגעשטיגן צפונדיק פון תל־אביב, געשפּאַנט אין די זאַמדן צווישן פּרדסים, צעאַקערטע פעלדער; צוגעקוקט זיך נייגעריק ווי די פלייסיק־פאַרהאָרעוועטע לייט, אין קורצע הייז־לעך, מיטן קאַמישן טעמבעל־היטל איבער די אויגן, פירן טראַקטאָרן, קריכן אויף עלעקטרישע סלופּעס פון הויכער שפּאַנונג, שלעפּן געהילץ, שטיינער צו אַ הויכן בנין, גראָבן קאַנאַליזאַציע־טראַנשייען. צוויי יונגע לערעריגס מיט ברייטע שטרוי־היט, באַגלייטן צום ים אַרונטער אַ קלאַס קינדערלעך, און אין זייער מויל איז עפּעס אַזאַ נאַגנדיק פרילינג־ליד. ער האָט זיך נאָר געפרעגט מיט חידוש, צי די אַלע זענען טאַקע — יידן ? ער איז דערנאָך געזעסן אין ני־דעריקן צריף, ביי דער מאַמעס אַ קוזינע. די מאַמע, געדענקט ער, פלעגט אַלע־מאָל דערציילן וועגן פעטערס יינגערער טאָכטער ריוועטשע, אַז זי איז נאָך אין יענע יאָרן אַוועק פון פוילן, מיט דער באַנדע חלוצים. איינפאַכע לייט. ער האָט אָנגעקוקט איר צעאַקערט פּנים, פון דער זון, פון די ים־ווינטן, צי פון שווערער פּראַצע. זי איז געווען זייער פאַרפלאַמט, איז געלאָפן אָנשטעלן אויפן טיש פּרוכטן, עוגה, געלאָפן אויפקאָכן קאַווע, געפרייט זיך מיט אַ פּשוטער פרייד; געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן זיך, וואָס די מאַמע מאַכט, וואָס מען הערט אין דער היים ?

פאַרנאַכט איז אַריינגעקומען דער מאַן, ווייס־פאַרשטויבט, אין שווערע שיך, אין אַ קורץ, דורכגעשווייסט העמדל. ס'זענען געקומען צולויפן די קינ־דער, די אייניקלעך. דאַניעל האָט נייגעריק באַטראַכט די פאַרברוינטע חברה, מיט די הייסע אויגן אונטערן לאַק; רעדן עפּעס אַ לשון, וואָס קלינגט אין זיינע אויערן פונדעסטוועגן נישט אינגאַנצן פרעמד. וואָס וויל מען פון זיי ? — האָט ער זיך צום ערשטן מאָל געפרעגט. שטילע אַרבעטס־לייט, זיצן שוין דאָ, אויפן זאַמדיקן ברעג, איבער דרייסיק יאָר; האָבן מיט גרויס מי און מאַטער אויסגעבויט זיך אַ קאָלעקטיווע היים, אויפגעהאָדעוועט אַ משפּחה, קינדער און אייניקלעך; עסן אַלע בייזאַמען אין חדר־האוכל. אָן אָרעם, באַשיידן לעבן. אויב מען רעדט שוין יאָ וועגן סאָציאַליזם...

און ער האָט נאָך, אַ ביסל פריער, עפּעס געשטאַמלט מיט זיינע קאַרגע יידישע ווערטער, וועגן — קאָלאָניאַליזם... אימפּעריאַליזם... אַגרעסיע... זיי האָבן אים אויסגעהערט שטיל, פאַרשעמט, געשמייכלט פאַרלעגן, גאָרנישט געענטפערט. ערשט דערנאָך האָט ער זיך געזאָגט, אַז ער האָט זיי אפשר נישט באַדאַרפט באַומרואיקן מיט זיינע זייער וויכטיקע אַרגומענטן, געברענגט פון די אָנגערויכערטע קאַפייען אויפן סען־מישעל אין פאַריז. דאָרט, ביי זיי, זענען דאָך די הענט וויסע, ווייכע, נישט קיין אַרבעטס־הענט. זיי קומען כמעט אַלע פון רייכע, וואַרעמע היימען. „איר... די אייעריקע״... — האָט ער זיך דער־מאָנט ווי די קליינע איוואָן האָט אים דאָרט אַנומלטן אַ זאָג געטון. הייסט עס, אַז זי איז אפשר קלוגער פון אים, כיטרער—אַוודאי. שלעפּט זיך אַרום מיט דער באַנדע ביים ים, אין אילת. אָבער נאָכוואָס האָט זי זיך אויפגעהויבן און אַנטלאָפן אַזוי אומגעריכט, אַזוי געהיים ? און ס׳האָט אים ווידער אַ שאַרפן ברי געטון, שוין, באַלד צו לאָזן זיך אויפזוכן זי, דער מויד.

אין אויטאָבוס, וואָס האָט אים צומאַרגנס געפירט אַראָפּ, צום נגב, צום וויטן דרום, איז ער געזעסן אָנגעלעהנט אין דער שויב, און פאַרנאַכט־צייט געזען אין אַ וואָלקן שטויב, ווי אין אַ מיראַזש, אַוועקשווימען אַ צעשראָקענעם הירש אין דער גאָלדענער וויסטעניש; האָט געזען דעם אויסגעשניטענעם סי־לועט פון אַ שטומען, געדולדיקן קעמל, צופוסנס די געצעלטן פון אַ בעדואי־נער־לאַגער, צווישן שעפּסן־סטאַדעס.

אַ פּאָר טעג האָט ער זיך דאָרט אַרומגעדרייט, אין אויפגעהויבענעם זאַמד, צווישן נישט־פאַרענדיקטע געביידן, צווישן נישט־פאַרענדיקטע שאָסייען; אַרומגעקראָכן אין דינעם זאַמד, ביים ברעג, אויף די בערגלעך, וווּ ס׳זענען געוועזן צעלייגט די געצעלטן פון די פאַרוואָקסענע, האַלב־נאַקעטע היפּיס, ביט־ניקס, מיט זייערע צעקנייטשטע קאָוובאָי־היט. עמיצער האָט דאָרט געגרימפּלט מאָנאָטאָן אויף אַ צעסטראָיעטער גיטאַרע; צעזעצט אַרום אַ שייטער, פאַרחושטע, אַוודאי פון האַשיש, דיסקוטירט, געלאַכט; זיי האָבן זיך אויך גע־וואַלגערט אין די ברעג־ביסטראָ׳ס. זיי האָבן אַליין אויסגעקוקט ווי די בעדו־אינער. ער האָט ביי דעם, ביי יענעם געפּרוווט נאָכפרעגן זיך און — דער קליי־נער איוואָן אין ערגעץ נישט געפונען. ער האָט זיך שוין געוואָלט אויפהייבן און צוריקפאָרן.

ער האָט זיך דערנאָך אַראָפּגעלאָזן אין דער נידער, צענומען די קרעלך־צעפּ און אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין קליינעם באַר „ניצה״, צונויפגעשלאָגן פון ברעטער, אַלטע בלעכן, אַרום פּאָרט אין אילת. דאָרט איז געווען האַלב־פינצטערלעך פון די פאַרקאָפּטשעטע, פאַרשטעלטע לעמפּלעך אין רער־אַבאַ־זשורן פון אויסגעשאָסענע אַרטילעריע־קוילן. זיי זענען אַרונטערגעהאָנגען פון אויבן, נידעריק איבער די טישלעך, איבערן טומבאַנק, צעלייגט אין דער סאַמע ברייט. שאַרפע ריחות פון וויסקי, סקאָטש, מזרחדיקע געווירצן, אָדער געברענטע קרייטעכצער. צוויי גיטאַרעס האָבן אין דער טיף געברענצלט די זעלבע איינטאָניקע פּאָפּ־לידער, און אַ כאָרכלענדיקע שטים האָט זיי באַגלייט.

אין האַלבן טונקל, צווישן די געזעמלעך פּאַרוואַקסענע לייט, איז שווער געווען צו אונטערשיידן די זכרים פון די ווייבסלייט. זיי האָבן זיך געוואַלגערט אַרום ברעג, אין די בעדואינער־ביידלעך, געקומען אַנצוציען מיט „טרעמפּס", באַלאָדן מיט רוקזעק, געשאַרעוועט מיט די באַטשוועקעטע שיך. ער האָט באַלד דערפילט אַ האַנט אויפן אַקסל פון איינעם מיט קרומע, פּוכיקע פּאַוואַ־ריטן, אַריינגעשניטן אין די מאָגערע באַקן:

— צאַלסט אַ קאָניאַק ?...

פון וואַנען יענער האָט באַלד געוווּסט זיך צו ווענדן צו אים אין פראַנ־צויזיש, איז אים נישט אינגאַנצן קלאָר געווען, אַפילו חשודיק. אפשר ווייסט ער עפּעס וועגן דער קליינער איוואָן? ביים טומבאַנק האָט ער אין דעם באַר־מאַן באַלד דערקענט איינעם פון די „פּיע נואַר", פון די אַלזשירישע פּליטים; מיטן האַנטעכל אויפן אָרעם, ווי די פּאַריזער גאַרסאָנען, האָט ער געהאַלטן אין אַנגיסן עפּעס אַ גרינע פּליסיקייט פון אַ פלאַש מיט אַ שמאָל העלדזל.

— וואָס הערט מען עפּעס אויפן בולמיש ?... — האָט ער געפרעגט אין זיסן שמייכל, און געוויזן אַ מויל גאָלדענע ציינער אונטערן דינעם וואָנסעלע.

— כ'זוך דאָ טאַקע אַרום איינע... אַ פּאַריזערין...

— ווי — מאַכט ער — רופט מען זי ?

— איוואָן... די קליינע איוואָן...

— היי, קלאָדין, ווייסט נישט ווו די איוואָן איז אַוועקגעקומען ? — האָט ער אַריינגעשריגן אין האַלבן טונקל.

זיי זענען דאָרט געווען אויסגעזעצט אויף דר'ערד, אַרום די ווענט. דאַ־ניעל האָט זיך אַראָפּגעלאָזן דערלעבן, ביים טישל, אַרויסגעקוקט און דערזען, ווי הינטערן אָפּגעשפּאַרטן שייבל, אין דער חמימה, רוישט אין דער נידער דער פּאָרט. עטלעכע שיפן זענען אין דעם פרימאָרגן געקומען אַנצוציען פון ווייטע לענדער, פאַראַנקערן צום ברעג, און אַרום זיי זשומען די קליינע פּאָלי־צייאישע מאָטאָר־שיפלעך. שווערע לאַסט־מאַשינעס וואַרטן ביים ברעג־טראָ־טואַר, ביים מאָל, און דורכן בריקל, פאַרוואָרפן צו די שיפן, שלעפּט מען זעק, קאַסטנס; הויך איבער זייערע קעפּ גרילצט די הייב־מאַשין, די גרי, מיט די שווער־געלאָדענע פּעק. דאָס פלאַכע הייזל פון דער ברעג־פּאָליציי איז פאַר־שפּינט אין אַנטענעס, באַלאַגערט פון פרעמדע און אייגענע מאַטראָסן. אַן אָנ־געלויף. און איידער ער רייסט אָפּ דעם בליק איז שוין יענער דאָ צוריק:

— די איוואָן זוכסטו ?... קענסט זי גוט אַרומזוכן... זי זאָל זיך אייערנעכטן האָבן מיטגעכאַפּט מיט אַ „טרעמפּ"... מען שמועסט, אַז...

ער האָט שוין נישט באַוויזן צו דערהערן, ווי אַלע שטופּן זיך צו דער טיר, דורכן די פאַרהויבענע קרעלן־צעפּ. ס'איז די טראַנספּאָרט־שיף „אופיר",

ווו עס טומלט זיך עפּעס. זיי שלעפּן דאָרט פון בריקל אַ פאַרבלוטיקטן מאַט־ראַס. ער רייסט זיך פון זייערע הענט, זידלט זיך; קענטיק, אַן אייגענער, פון די צפון־אַפריקאַנער עדות. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ער האָט געהאַט פאַר־שטעקט ביי זיך אין דער קאַבינע קאָנטראַבאַנדע, געבערענגט פון וויטן מזרח. ווער ווייס, אפשר אָפּיום אויך. ער ווילדעוועט, האָט אויסגעהאַקט מיטן לאַנגן שפּיציקן קאָפּ, ווי אַ קירבעס, אַ שויב אין דער קליינער שיף־סטאַציע. ס׳בלוט רינט אים איבערן פּנים. פאַרן בריקל פליט באַלד אָן אַ קעטשל פּאָ־ליציי, לאַסט־וואָגנס מיט מיליטער. דער אינספּעקטאָר רעדט צו אים זייער געלאַסענע דיבורים, אָבער יענער וואַרפט זיך ווידער אויף אים. עס טוען אַ שפּרונג צו פון דער זייט צוויי הויכע, פעסטע יונגען און וואַרפן אים אַרויף קייטלעך אויף די הענט. ער בלוטיקט און ריטשעט, ווי אַ געקוילעטער, ווען מען פירט אים צו דער פּאָליציי־געביידע.

ביי דער חברה היפּיס האָבן זיך אַ בייל געטון די פּויסטן. איינער, אַ פאַר־וואָקסענער, האָט אַ שליידער געטון די גיטאַרע אויף דר׳ערד, אַז אַלע סטרו־נעס האָבן אָפּגעגעבן מיט אַ פאַרשטאַרבענעם עכאָ. דער באַרמאַן שטייט ברייט אין דער טיר, אַ צעכראַסטעטער און ס׳רייסן זיך פון זיין גאָרגל פאַרשטיקטע זידלערייען, מסתמא אין אַראַביש.

און דאַניעל, ווי אויף אים וואָלט עס קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט; זופּט געלאַסן דורכן שטרויעלע דעם קאַלטן „מיץ". ער זיצט ביי אַ טישל, צוגעקלעפּט דעם שטערן צום שייבל, און זעט ווי ס׳מיניען זיך די גרין־בלויע וואַסערן פון איינגוס, וואָס ביי זיינע ברעגן ליגט צעשאָטן סיי אילת, סיי עקבה, וואָס אין יאָרדאַניע. פון צייט צו צייט וואַרפט ער נאָר אַ בליק הינטער זיך, באַטראַכט זיי, די אַלע פאַרוואָקסענע לייט פון באַר. ס׳זשומען דאָ ענלעכע רייד, ווי אין די ביסטראָ׳ס און באַרן און אויף די טעראַסן פון די רוישיקע קאַ־פייען אין לאַטיינישן קוואַרטאַל, נאָר עפּעס מער פאַרשטיקט, מיט אָנצוהערע־נישן. און ער טראַכט זיך : נאָכוואָס טאַקע איז זי פּלוצים פון גריכישן ברעג געלאָפן אַהער ? נאָכוואָס האָט זי דעמאָלט אַ זאָג געטון...

— דאָ איז געווען אַן אָבלאַווע... — האָבן זיי אים לסוף שטיל איינגערוימט — זיי פאַלן דאָ אומגעריכט אַריין, די פּאָליציי... קענסט זי, דער קליינער איוואָן ?... פון וואַנען קענסטו זי ?...

— דאַרפסט עס וויסן ? זאָג מיר בעסער, ווי זי איז פאַרפאַלן געוואָרן ?...

און ער האָט זיך פּלוצים דערמאָנט אַ קלייניקייט — ווי זי האָט זיך די גאַנצע צייט מער נישט געלאָזן צורירן צום קליינעם ביוסט. ער איז געווען ביי איר ווי אָנגעשוואָלן. זי האָט אויך געהאַט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ העל־בלאָנדן פּאַרוק, ווי ס׳איז די מאָדע. און וואָס האָט זי געהאַט צונויפצורעדן זיך מיט דער אויסגעוואָקסענער באַנדע אין באַראַק פון קליינעם פּאָרט אויפן אינדזל ? צי איז זייער באַגעגעניש געווען אַ צופעליקע ? אַלע חשדים זענען

ביי אים אויפגעקומען. און דאָ הערט ער וועגן אַן אויפרייס אין ירושלים, און אַז מען האָט זיי דאָרט פאַרהאַלטן. וועמען האָט מען פאַרהאַלטן? ער האָט אַריינגעקוקט אין דער צייטונג, און ס׳האָט אים פּלוצים פאַרדראָסן, וואָס ער פאַרשטייט נישט זייער לשון.

דעם גאַנצן איבעריקן טאָג האָט ער זיך אַרומגעדרייט ווי צעחושט; געזען ווי ס׳צייכענען זיך אַן קאָנטורן פון גאַסן און פלעצער. אין קלאָרן, דורכזיכטיקן אַוויר, וואָס גיסט זיך מילד אין די לונגען, האָט ער דערפילט דעם אַראָמאַט פון צימערינג, פון נעגעלעך, פון אַראַשידן־בוימל, פון די געלאָדענע שיפן, וואָס קומען אָנצוציען פון ווייטע מדינות; אַ שטאָט אין דער מדבר, וואָס האָט אויפגעהאַקט אַ פענצטער צו דער וועלט.

טאַקע אין זעלבן באַר „ניצה" האָט זיך צוגעזעצט צו זיין טיש דער אינזשיניער יגאַל. זיין דזשיפּ האָט געוואַרט ביי די טרעפּלעך אין דרויסן. ער האָט גערעדט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, נישט שלעכט פראַנצויזיש, מיט אַ לייכטן דייטשן אַקצענט, אָבער געטרונקען פון דער הויכער קופּליע ביר האָט ער ווי אַן אמתער יעקע; אָפּגעווישט די וואָנסן, האָט ער צוריק פאַרשטעקט דאָס פּייקעלע צווישן זיינע שטאַרקע ציינער. טאַקע ביי יגאַלן האָט ער אַ פרעג געטון:

— ווי רופן זיי זיך די מיידלעך, וואָס מ׳האָט פאַרהאַלטן?

— דאָס זאָגן זיי נישט, געוויינלעך, נאָר — עפּעס איינע אַ פראַנצויזיש מיידל.

אַצינד איז ביי דאַניעלן דער חשד מאָדנע קלאָר געוואָרן; און ס׳האָט אים פאַרקלעמט אַ שווער שולד־געפיל — וועמען זענען זיי דאָ געגאַנגען אומברענגען? אַזעלכע קינדער, ווי ביי דער קוזינע אין קיבוץ?... די, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון אַלע פייערן?... און אַזאַ מויד, ווי איוואָן, וואָס וואַלגערט זיך אין אַלע בעטן... ווען ער האָט זי איצט אונטער דער האַנט... דאָס אַלץ האָט ער נישט געזאָגט יגאַלן; ער האָט שווער אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, געהערט איבער זיך זיינע שטילע, פאַרביסענע רייד.

— קענסט זי? — האָט יגאַל פּלוצים אַ פרעג געטון.

— וועמען? — האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, ווי צעחושט.

— דאָס מיידל, די פראַנצויזין... וואָס מ׳האָט זי געכאַפּט אין ירושלים...

— אַזוי? ... זי זיצט טאַקע? ...

— די־אָ לייט... — האָט ער עפּעס אַ מורמל געטון — „דער פאָלקספראָנט צו באַפרייען פּאַלעסטינע"... זיי האָבן אַוודאַי געמיינט, אַז מיר האָבן שוין פאַרגעסן וועגן די פאַרכאַפּטע אַוויאָנען... צוויי מיידלעך, טעכטער פון אַ רייכן מאַראָקאַנער סוחר, אין די מיני־קליידלעך, באַקאַנטע אין אייער לאַטיי־

נישן קוואַרטאַל. ביסט טאַקע זיכער אַז די איוואַן איז נישט איינע פון זיי ?... די טעלעוויזיע האָט געוויזן זייער גאַרדעראָבע, ווו זיי האָבן פאַרשטעקט דעם אויפרייס־מאַטעריאַל, אין די שיך־אָפּצאַסן, אין ביוסטנהאַלטער...

און אַ ביסל פריער איז נאָך דאַניעל אַרויס מיט זיינע אַרגומענטן :

— די אונטערדריקטע אַראַבער... די פאַרטריבענע פאַלעסטינער...

— צוקלעפּן עטיקעטן פון מאַרקסיזם, איז לייכט... — האָט יגאל געדעדט געלאַסן און ס׳איז פונדעסטוועגן געווען אַ פאַרהוילענער פלאַם אין זיינע רייד — אויב אַזוי, באַדאַרף מען כאָטש די געשיכטע פון אַלע פעלקער, כ׳מיין פון די, וואָס קומען אונז לערנען יושר, זאָגן מוסר, איבערגעשריבן ווערן אין דעם ליכט. די געשיכטע פון מאָרד איבער פעלקער, גאַנצע ציוויליזאַציעס, כמעט ביזן היינטיקן טאָג, איז אין די אַמעריקעס קוים אַלט אַ פּאָר הונדערט יאָר. דער קאָלאָניאַלער רויב פון די רוסישע צאַרן איז נאָך אַפילו קיין גאַנצע הונדערט יאָר נישט אַלט, און האָט זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט פאַרענדיקט. די קרבנות פון גענאָסיד זענען מיר. אין משך פון יאָרהונדערטער זענען מיר געזונקען אין טיפן שלומער, צווישן געטאָ־ווענט. די פרומע גרייזן האָבן געהאָפט אויף עפּעס אַ משיח, און ער איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט געקומען. מיר האָבן אַלע מאָל עקזיסטירט אין אַ רעלאַטיווער רו, ווי ס׳האָט זיך ערגעץ ביי אונז אויסגעדריקט אַ היסטאָריקער, ס׳הייסט — צווישן איין פּאָגראָם און אַנדערן. מיר האָבן עס פאַרשטאַנען. מיר האָבן דאָ פאַרגאָסן און פאַרגיסן נאָך אונזער בלוט ! דער האַס פון מאָרד קוקט נאָך אַלץ אַרויס פון זייערע אַלעמענס אויגן. ס׳איז די אַלטע נקמת הדם. די אַזוי גערופענע מאַרקסיסטן האָבן עס גערופן און רופן עס נאָך — רעוואָלוציע, און מיר — פּאָגראָם...

און דאַניעל האָט אַלץ געשוויגן אַ שווער שוויגן.

1971

יצחק גאָלדקאָרן

כמו אַ נאָכוואָרט

א בריוו צו א יידישן שרייבער

טייערער פּען־חבר,

געלייענט אין דער „צוקונפט" דעם „דע פּראָפונדיס"־רוף פון דעם העלד פון דיין דערציילונג „אַ גוטע נאַכט, ברייטע וועלט", וואָס איז פול מיט נאָסטאַלגיע צום אַמאָליקן פּרילינג פון דער יידישער שפּראַך, קולטור און ליטעראַטור, און מיט טרויער צוליבן האַרבסט, וואָס האָט זיך אַזוי פרי אויף אונז אָנגערוקט.

איך וויל נישט זאָגן, אַז איך בין מסכים מיט אַלע פּונקטן פון דיינע אָבסערוואַציעס און אויספירן, אָבער אין אַלגעמיין זעסטו ווי געהעריק די לאַגע — און דו באַוויזט צו שילדערן זי מיט שאַרפע שטריכן.

דו האָסט גוט געטאָן מיט דיין ממעמקים, וואָס איז אויך אַ „ממרחבים" — אַ שפּאַציר־שילדערונג איבער אַ טייל פון אונזער אימפּעריע, ווו די זון גייט קיינמאָל נישט... אויף. דו האָסט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ — און צום האַרץ — וואָס מיר אַלע, דיינע אחים לפּען, טראַכטן: וועגן דער טראַ־געדיע פון אַ לינגוואָס־ד אין ראַטעס, וועגן דעם טראַגישן בלעטער־פאַל אין דעם איצטיקן קולטור־האַרבסט, און... אויב דער האַרבסט איז נאָענט, קאָן דער ווינטער דען זיין ווייט?

דו ווייזט ריכטיק אָן אויף דער לאַגע אין אַמעריקע, ווו דער געשיכט־לעכער שטראָם האָט אַריבערגעפירט און אַריבערגעפלאַנצט אַ גרויסן טייל פון דער מזרח־אייראָפּעאישער יידיש־ציוויליזאַציע; אין צפון־אַמעריקע, ווו די יידיש־שעפערישע וואָרצלען האָבן זיך איינגעגראָבן אין שטייניקן באָדן און אין פאַרלויף פון אַ פּאָר דורות אויפגעגאַנגען אין אַ געבענטשטער פלאָרע פון פאַרביקע און פּרעכטיקע טאַלאַנטן.

— „אָבער ווו זענען די שנייען פון פאַרגאַנגענעם יאָר?".

ס'איז געווען די געשיכטלעכע טראַגעדיע אונזערע, וואָס אַזוי פיל שע־פערישע כוחות האָבן נישט באַוויזן צו שאַפן קיין המשך. דער אָרום? — משה לייב'ס „אונזער גאָרטן"...

פאַרשטייט זיך, אַז די גרעסטע טראַגעדיע — אויך אין זין פון קולטור־המשך — איז געווען דער שרעקלעכער אומקום פון אייראָפּעאישן יידנטום, פון וועלכע דער גרעסטער טייל האָט געלעבט און זיך אויסגעלעבט מיט יידיש.

דו דערמאָנסט „אונזער גאָרטן״ : שלומ׳ס קאַפּע... איסט בראָדוועי... אָבער אַ שפּראַך, אַ קינסטלערישע סביבה און קולטור, מוזן האָבן אַ ברייטערע פּעריפעריע, אַ מער סטאַבילע באַזע, אַ נאַטירלעכן פּרוכטבאַרן באָדן און נישט קיין קינסטלעכע אָראַנזשעריע.

ביי גאָרקי׳ן איז פאַראַן אַ דערציילונג פון אַ מיידל, וואָס שרייבט בריוו צו איר אויסגעחלומטן חתן. די דערציילונג „באַלעק״ איז איינע, אין וועלכער דעם רוסישן שרייבערס טיפער הומאַניזם איז פאַראייניקט מיטן עכטן טאַלאַנט.

צי האָט דער יידישער שרייבער אין אַמעריקע — פּונקט אַזוי ווי דאָס מיידל ביי גאָרקי׳ן — דען נישט געשריבן, ווי דו באַמערקסט טרעפלעך, פאַר אַן אויסגעטראַכטן לייענער ? שלומ׳ס קאַפּע... די ראָמאַנטישע אַטמאָספערע... די פאַרערעדינס... זענען געווען רעאַל. אָבער אויך אין יענער גאָלדענער עפּאָכע איז דער לייענער געווען אַ מיראַזש; די קולטור־אימפּעריע — אַ לופט־שלאָס.

דו דערמאָנסט אין דיין מעלאַנכאָלישער „אָדיסייע״ אויך אַנדערע לענדער, ווו יידיש און דער יידישער שרייבער זענען אין גלות — פאַראיינזאַמטע און איבעריקע מענטשן.

ס׳איז — צו אונזער גרויסן ווייטיק — אומעטום דאָס זעלבע לידל. יידיש האָט קאָנסומענטן, וואָס מען קען ציילן אויף די פינגער. אויך צייטונגס־לייענער קומען נישט צו. פאַרשטייט זיך, אַז מען רעדט נישט וועגן די, וועגן וועלכע דער פּסוק זאָגט : אזנים להם ולא ישמעו; עינים להם ולא יראו...

ווו איז דער ירמיהו, וואָס זאָל אָנשרייבן אַ נייע איכה ישבה בדד — יידיש.

אונזער „איכה״ איז אַ טעמע אין וואַריאַציעס, אַ טראַגעדיע אין פיל „אַקטן״.

דער לייטמאָטיוו און ליידמאָטיוו פון יידישן שרייבער און זיין ווערק איז : — איך נשיר שירת יידיש על אדמת נכר ?

און די פרעמדע ערד איז נישט בלויז אין דער פרעמד, צווישן די אומות; זי איז אויך ביי אונז, אין דער היים, צווישן אייגענע, אין אונזער „גאָרטן״, וואָס איז אַזוי טראַגיש־גראָטעסק געשילדערט געוואָרן דורך משה לייב האַלפּערין.

איך נשיר, ווי און ווו קאָן מען זינגען — דאָס איז דאָס געוויין, וואָס טראָגט זיך פון אַלע עקן פון אונזער „אימפּעריע״, פון די מאָדערנע נהרות בבל — פון די ברעגן פון האָדסאָן, פון דער סען און פון אַלע אַנדערע ברעגן.

דו, ליבער פריינט, דערמאָנסט די פאַרשידענע אַנדערע שאָטן־זייטן: די טומלענדיקע רעקלאַמע־שופר׳ס; די, וואָס שטופּן זיך אין די קאָרידאָרן און וואַרט־צימערן; די, וואָס שפּרינגען אַראָפּ פון אונזער שיף...

דו דערמאָנסט אויך די „זשורנאַליע". אין דעם פאַל, מיין איך, טאָר מען נישט פאַראַלגעמיינערן. נישט אַלע זענען פּאָליטישנס און וועטער־פענדלעך פון דער קאָניונקטור. אויב דו מיינסט אָבער איבערהויפּט דעם „שידוך" צווישן ליטעראַטור און זשורנאַליזם — ביסטו יאָ גערעכט. אַ זשורנאַליסט איז אַ שרייבער, ווי אַ האָן אַן „עוף". ער האָט די כלים — פליגל — אָבער ער קען נישט פליען ווייט, און אַוודאַי נישט הויך. ער דער־פילט ערלעך (אויב ער איז דאָס) זיין אַרבעט פון אַ שכיר־יום, וואָס נישטערט אַרום אין די בערגלעך קרישקעס פון דער טאָג־טעגלעכקייט. דו קאָנסט אַפי־לו דאָ און דאָרט געפינען אַ לירישן האָן, וואָס פעדערט זיך פאַרטאָג, דער ערשטער צו לאָזן הערן זיין „קו־קע־רי־קו!". דאָס איז אפשר יאָ ריטמיש, לויט די כללים פון פּראָזאָדיע, אָבער פאַרט נישט קיין געזאַנג... בקיצור: זשורנאַליזם פאַרוואָסערט די שרייבערישע טינט.

וואָס שייך דער אַנשיקעניש גראַפאָמאַניע, אָדער אַפילו די לייט מיט די מיקראָסקאָפּישע טאַלאַנטלעך, אָבער דערפאַר מיט גאַנצע טאָנען חוצפּה, קריכערישקייט און סוראָגאַט־קונסט — וואָס איז נאָך שעדלעכער, ווי די פּרימיטיווע גראַפאָמאַניע, איז דאָס נישט בלויז קיין ווילד געוויקס פון אונזער גאָרטן; די לייט און זייערע „מייסטער־פּלאַכטעס" געהערן צו דער „נאָרמאַלער" פּאַטאַלאָגיע פון יעדער ליטעראַטור.

דו דערמאָנסט וועגן פיל טראַגי־קאָמישע מאָמענטן, וועגן דלות־דעפּי־לאַדעס, וועגן אַנשטעל און אַנדערע צרות.

דערלויב מיר אויך, ביי דער געלעגנהייט, צו געבן מיינע קאָמענטאַרן וועגן דער פאַרצווייפלטער לאַגע, וועגן דעם נישט־געזונגענעם יידיש־איכה.

די טיפע וואָרצלען פון דער טראַגעדיע זענען אויך אַלגעמיינע. דאָס זע־נען, צווישן אַנדערע, דער קענסערישער וווקס פון כמו־ליטעראַטור, די גענעראַל־אָפענסיווע פון דער ראַבאָטן־קולטור אויף דעם רשות־הרבים און אויף דעם רשות היחיד. די גרעסטע קענסערישע צוואַקסנקייט פון דער קולטורלאָזער סיטרא אחרא און די טיפסטע אַנטמענטשלעכונג, איז גראָד אין די גרויסע קולטור־בבל׳ס, וו ס׳איז אויסגעבויט געוואָרן דער ערגסטער מאָנסטער פון אַנטי־קולטור און אַנטי־שעפערישקייט — די קאָמבינאַציע פון דער ביליקסטער קאָמערציעלער פּראָסטיטוציע, פון סאָפיסטיצירטער דע־גענעראַציע און פון ווולגאַרסטן מאַסן־געשמאַק, אונטער פאַרשידענע מאַס־קעס. אָט דער מאָנסטער האָט הויפּטזעכלעך אָקופּירט די וועלט־מעטראָ־פּאָליעס, קודם כל די גייסטיקע בראָדוועי־באָרדעלן און פאַרשידענע קונסט־באַלאַגאַנען פון ניו־יאָריקער מוראַשניק — שוין אַריינגערעכנט דעם טעג־

לעכן „קאַראַן״, אײנשליסלעך די 2־פונטיקע זונטיק־בײלאַגע פאַר קולטור, קונסט און... קאָמערץ, וואָס פאַרמאָגט נישט קײן גראַם ערלעכקײט, טאַלאַנט און אָריגינעלקײט.

יאָ, ליבער פרײנט, די אַנגלאָ־זאַקסישע ממזר־ציוויליזאַציע, וואָס האָט געהאַט אומצײליקע „טאַטעס״, האָט נישט בלויז אַרויסגעגעבן די העכסטע ווערטן; נישט בלויז דעם גרעסטן גאון פון דער וועלט־ליטעראַטור, שעקספּירן; אַזעלכע וווּנדערלעכע פּאָעטן ווי מילטאָן, שעלי און קיטס, אַ ריז ווי ניוטאָן, און אַנדערע נאָבעלע געשטאַלטן; אַ חוץ די געוואַלדיקע בײ־שטײערונגען צו פרײהײט און מענטשן־ווירדע. די ציוויליזאַציע האָט אויך געבוירן פאַרשידענע פאַרזעעניש. עפּעס אומהײמלעכס און צווײדײטיקס איז געבליבן אין דער ראַסע, וואָס איז „פּאַליאַנדריש״ באַשלאָפן געוואָרן אין פאַרלויף פון איר געשיכטע. שוין הײנע האָט מיט איבער הונדערט יאָר צו־ריק אָנגעוויזן אויף דעם טרויעריק־באַרימטן „האַו מאַטש איז הי וואָירט״ ? — אַ פראַזע, אין וועלכער ס׳איז קאָנצענטרירט די גאַנצע קאָמערציאַליסטי־שע געלט־עבודה־זרה פון דעם אינדזל־פאָלק. עפּעס אַ שימל און מיסט איז פאַראַן אונטערן גלענצנדיקן ענגלישן קולטור־טעפּיך, עפּעס צווײדײטיקס און פאַרדעכטיקס. (דאָס קאָן בלויז אילוסטרירט ווערן מיט אײן קלײניקײט — מיט דער באַרבאַרישער אינסטיטוציע פון קינדער־אַרבעט אין ענגלאַנד אין אָנהויב פון 19־טן יאָרהונדערט).

אַמעריקע, דער טראַנספּלאַנט פון ענגלאַנד, וואָס איז נאָך אַ גרעסערער ביאָלאָגישער און קולטורעלער שמעלצטאָפּ, איז אין אָנהויב פון איר נאַציאָ־נאַלער אַנטשטײאונג און אויך שפּעטער באַגאַנגען גאָר שווערע זינד — דעם גענאָסיד איבער די רויט־הויטיקע אור־אײנוווינער און די פאַרשקלאַפונג פון די שוואַרצע, וועמענס שוויס און טרערן האָבן באַוואָסערט די פּלאַנטאַציעס און פאַרמס. נאָך מער ווי ענגלאַנד, איז אַמעריקע צווײדײטיק אין איר פּראָ־דוקציע פון גרויסע מענטשלעכע ווערטן, פון אײן זײט, און מיט איר אידעאַל פון ווערט פון דער פּראָדוקציע — פון דער צווײטער זײט. שוין אַזעלכע נאָבעלע פערזענלעכקײטן ווי וואָלט וויטמאַן און טאָראָ, אין 19־טן יאָרהונ־דערט, האָבן געשטורעמט קעגן דער מיאוסער וואולגאַריזאַציע און פּראָסטי־טואירונג פון אַלע ווערטן דורך די פּריסטער פון דער דאָלערדיקער עבודה זרה... וואָס קאָן מען שוין זאָגן וועגן דער הײנטיקער „מאַסן־קולטור״, וואָס איז עקלהאַפט ביז צו חלשות, אויב נישט נאָך נידעריקער ?

ווי ס׳קריסטלט זיך, אַזוי יידלט זיך ? די צרה בײ אונז איז אָבער נאָך גרעסער. בײ נאָרמאַלע פעלקער זענען נאָך פאַראַן אַאַזיס אין דעם גײסטיקן מדבר פון אינטעלעקטועלע היענעס און „וואָלטשערס״, פון דעגע־נערירטע קולטור־קלאַונען, פון פּערמאַנענטע פּוסטקײט־פּעסטיוואַלן און וואולגאַרע דורכשניטלעכקײט־דעפּילאַדעס. דאָס זענען די גרינע אַאַזיס פון דער אידעאַליסטישער יוגנט, פון דער אינטעליגענץ און אַנדערע פּאָעטנ־

ציעלע קולטור־פעריפעריעס. אָבער ביי אונז ? די שפּראַך־אַסימילאַציע איז די ווירקלעכקייט, נישט קוקנדיק אויף די פאַרשידענע נחמות ווי יידיש אין קאַלעדזשעס און אַנדערע.

דו, ליבער פריינט, בענקסט מיט האַרץ־קלעמענדיקער נאָסטאַלגיע נאָך דעם זיסן געטשוויטשער פון יונגע שטימעלעך אין היימישן מאַמע־לשון. מיר זענען אַלע אין דעם זעלבן בענקשאַפט־שיפל, וואָס דו האָסט אַזוי פיין באַזונגען : אָבער „ווו זענען די שנייען פון פאַרגאַנגענעם יאָר ?". איך פיל און באַנעם דיין קלאָגליד, ליבער פען־ברודער. די יידיש־טראַגעדיע אין אַמעריקע איז, וואָס מען האָט געאַקערט און געזייעט אויף אַן אומפּרוכטבאַרן באָדן; אָבער די טראַגעדיע איז אַ גלאָבאַלע, הגם נישט אומעטום צוליב די זעלבע סיבות.

דו שרייבסט, ציטירנדיק דוד קעניגסבערג׳ס אַ סאָנעט : „מיר שטאַרבן יעדן טאָג צוביסלעך". אויב מיר שטאַרבן אין ראַטעס, מוזן מיר זעען, אַז דער טאָג זאָל נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַש נאָכן אָפּטליען, נאָר זאָל אויפפלאַקערן און לייכטן מיטן פלאַם פון פאַרצווייפלטער שעפערישקייט, פון בעל כרחך אתה חי, פון פאַרוואַנדלען אונזער יידיש־טראַגעדיע אין אַ נייעם סטימול צו דערגרייכונג, בדמיך חיי...

„קאַטהאַרסיס" איז די אַריסטאָטעלישע רייניקונג פון רחמנות־ און שרעק־עמאָציעס, מיט דער הילף פון דער טראַגישער דראַמע. אין דער פסיכיאַטריע, ספּעציעל אין דער פסיכאָ־אַנאַליטיק, איז דאָס אַ באַצייכענונג פאַר פאַרלייכטערן די מורא און פאַרשידענע קאָמפּלעקסן, דורך אַרויסברענגען זיי אויף דער באַוווסטזיין־אויבערפלאַך. אין פאַל פון יידישע שרייבערס, דאַרפן די עמאָציעס פון זעלבסט־רחמנות און שרעק פאַרלייכטערט און גע־לייטערט ווערן דורך אַזאַ „קאַטהאַרסיס", דורך געבן אויסדרוק, אַן פאַלשער באַשיידנקייט, די אַלע עמאָציעס און קאָמפּלעקסן.

. . . די יידיש־זון פאַרגייט אין פלאַמען, נאָך דעם ווי אונזער פאָלק, דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום, איז פאַרגאַנגען אין פלאַמען.

וועט די זעלבסט־פאַרטיפונג און דערהויבונג מיטווירקן צום אויפשיינען פון אַ נייעם פרימאָרגן ?

אינהאַלט:

דער לעצטער ייד... — 7

אַבראַשקע — 13

פוילישער האַרבסט — 21

אין ליובאַוויטשער „הויף" — 33

די רויטע מויד, שושנה — 41

„כ'האָב זיך יאָרן געוואַלגערט אין דער פרעמד" — 49

„אַ גוטע נאַכט, ברייטע וועלט" — 67

דער ייד פון ראָטערדאַם — 87

יאָסל — 95

ביינאַכט אויפן אַלטן... פּלאַץ „רעפּובליק" — 105

אַרום אַלטן שוק אין חברון — 113

אונטער די שטערן פון נגב — 117

כמו אַ נאָכוואָרט:

יצחק גאָלדקאָרן: אַ בריוו צו אַ יידישן שרייבער — 137

ביכער פון זעלבן מחבר :

צווישן ווענט, **דערציילונגען**, **וואַרשע**, 1933,

גרויע פּראָפּילן, **דערציילונגען**, **פּאַריז**, 1937,

דער מאַרש אויף בריסק, **ראָמאַן**, **פּאַריז**, 1938,

די יידן פון בעלוויל, **ראָמאַן**, **פּאַריז**, 1948,

געווען איז עס נעכטן, **ראָמאַן**, **פּאַריז**, 1951,

דאָס הויז אין דער טאָפּאָלן־גאַס, **ראָמאַן**, **פּאַריז**, 1955,

אויפן פּאַריזער ברוק, **ראָמאַן**, **וואַרשע**, 1956,

דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, **ראָמאַן**, **פּאַריז**, 1956,

Les Juifs de Belleville, roman, Paris 1956,

די גאָלדענע אילוזיע, **ראָמאַן**, **פּאַריז**, 1957,

חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן, **ראָמאַן**, **פּאַריז**, 1961,

געקליבענע דערציילונגען, **פּאַריז**, 1964,

ליפּע קאַמאַשנמאַכער, **ראָמאַן**, **פּאַריז**, 1969,

שאָטנס פון מאָנפּאַרנאַס, **ראָמאַן**, **תל אָביב**, 1971,

אונטער די שטערן פון נגב, **דערציילונגען**, **פּאַריז**, 1974.